STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08930

# DER ZUKHER FUN EMES

Upton Sinclair

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

## אפטאָן סינקלער

# דער זוכער פון אמת

ראָמאַן

יידיש ; מאַרק פאָנגעלמאַן

פאַרלאַג ש. גאָלדפאַרב. ווארשע

1927

איבערגעזעצט פֿון דער לעצטער ענגלישער
אויפלאגע מיטן הסכם פֿון מחבר.

**APTON SINCLAIR**

**POSZUKIWANIE PRAWDY**

**Wyd. SZ. GOLDFARB**

**Warszawa, Dzika 31**

**Druk. „REKORD“ Dzika 18**

# אײפּטאָן סינקלער

# דער זוכער פון אמת

## א.

„אַז מען זוכט, געפינט מען" — אַזוי פלעגט טענהן דער אַלטער אפרים צו זיין זון שמואל.

אָט די ווערטער האָט ער אַמאָל אָנגעשריבן אונטערן פאָרטרעט פון שמואלס מאַמע. דער פאָרטרעט איז געהאָנגען אויף אַ וואַנט אין דעם בוידעם - שטיבל, וואו שמואל איז געשלאָפן, און ביי שמואלן איז געוואַקסן די איבערצייגונג, אַז ע ר איז עס טאַקע דער זוכער. וו אָ ס ער דאַרף זוכן, ווי אַ ז ו י צו זוכן, — וועגן דעם האָט ער אַבסאָלוט קיין באַגריף נישט געהאַט. דער אַלטער אפרים האָט אים גאָרנישט געקאָנט זאָגן וועגן דעם, ווייל די, וואָס האָבן אַמאָל געזוכט, זענען שוין לאַנג אַוועק אויף מזרח, איידער, ער אפרים, איז נאָך אָנגעקומען אויפן פאַרם. שמואלס מוטער אי. געשטאָרבן פריצייטיק, איידער זי האָט נאָך באַוויזן צו אַנטפלעקן פאַר אפרימן איר גלויבן. ער האָט נאָר געוואוסט, אַז די וואָס האָבן אַמאָל געזוכט, זענען גע״ען מענטשן, וואָס האָבן שוין געחוזקט פון דעם קלויסטער, געלאַכט פון דער הייליקער שריפט. לויט זיי, דאַרף יעדער מענטש אַליין זוכן די געטלעכקייט, און דערנאָך זיך לאָזן, וואוהין די געטלעכקייט וועט אים פירן.

דאָס לעבן האָט זיך שמואלן אויסגעוויזן ווי אַ ריזיקער צופאַל. ער וועט מוזן זוכן, אומאויפהערלעך זוכן, אָבער דערנאָך וועט שטיין פאַר אים אַן אָפענער וועג, דער וועג צום אמת. אפילו

אויפן פרימיטיוון פּאָרטרעט פון דער מאַמע האָט ער אין די שיינע, איידעלע שטריכן. באַמערקט באַגייסטערונג. טיילמאָל פלעגט אפרים אין די שטילע איינזאַמע שעהן זיך דערמאַנען אין זיין ווייב. דעמאָלט פלעגן זיך קייקלען טרערן אויף זיינע באַקן. איין יאָר צוזאַמענלעבן מיט איר איז שוין גענוג געווען, אַז ער זאָל זיין גאַנץ לעבן ענדערן. ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט איר, איז ער שוין געווען אַן אלמן מיט צוויי קינדער. קיין אַמעריקע איז ער געקומען אַלס האָלץ - זעגער.

אין שמואלס אויגן איז דער טאַטע אויסגעקומען שוין אַלט און צעבראָכן. איינמאָל האָט אַ צעיושעט פערד אַ קלאַפּ געטאָן אפרימען און פון דעמאָלט אָן האָט ער זיך זייער גיך געעלטערט. ער האָט געמוזט אויפהערן האַקן האָלץ און אָנהייבן זוכן אַן אַנדערע אַרבעט.

שמואלס קינדהייט איז געווען האַרט און שטרענג. אין יענער באַרגיקער ווילדעניש פלעגט דער ווינטער גיך אָנקומען, אייז האָט באַדעקט די אָזערעס, שניי האָט זיך באַרגנווייז אָנגעלייגט אויף וועגן. מען האָט זיך געמוזט ערנערן דערפון, וואָס מ'האָט אָנגעקליבן זומער. טיילמאָל פלעגן דן און אדם, שמואלס ביידע שטיפברידער, אַהיימברענגען עפּעס פון געיעג. שפּעטער האָט זיך אָבער אַלץ געענדערט. דאָס אַלטע לעבן איז פאַרגעסן געוואָרן. לעבן דער אָזשערע האָט מען אויפגעמויערט אַ גרויסן האָטעל. געלט האָט אָנגעהויבן איינפליסן אין דאָרף אריין. עס האָט זיך שוין נישט געלוינט דעמאָלס צו שניידן היי ביי בערג - שיפּועים. ס'האָט זיך מער באַצאָלט איבערצוטראָגן זיך מיטן גאַנצן בני - בית אויפן בוידעם - שטיבל און די איבעריקע צימערן צו פאַרדינגען. טייל שכנים האָבן פון זייערע שפּייכלערס געמאַכט שלאָפצימערן, אַנאָנסירט אין די צייטונגען און זיי פאַרדונגען. מיט דער צייט זענען די אַלטע געביידעס באַלעבּט געוואָרן, געמאַכט געוואָרן פאַר „האָטעלן".

דער אַלטער אפרים האָט זיך ווינציק - וואָס געטויגט צו אָט דעם נייעם לעבן. ער האָט אָנגעהויבן אונטערהינקען, איז שווערער געוואָרן, עס האָט אויסגעזעען, אַז ער ווערט דיקער. די ראיה איז

אים קאַלע געוואָרן. שמואל האָט געזען, אַז די לאָקאַטאָרן חוזקן פון טאַטן און נוצן אים אויס דאָס איז געווען דער ערשטער גע־פיל פון פאַרדרוס אין זיין לעבן. ער האָט דערקענט, אַז ביים אַלטן טאַטן קלאַפּט אַ אמת אײדל האַרץ.

איינמאָל האָט שמואל אונטערגעהערט אַ שמועס פון טאַטן מיט אַ לאָקאַטאָר, אַן אלמנה, אַ מאַמע פון אַ טאָכטערל:

— כ'האָב דעם איינדרוק — האָט געזאָגט דער טאַטע — אַז איר זענט עפּעס פאַרדאַגהט. איר קאָנט דערווייל האַלטן דאָס דירה־געלט, אויב איר דאַרפט. איכ'ל קאָנען וואַרטן, יאָ, איכ'ל וואַרטן ביז ס'וועט זיך ביי אייך פאַרבעסערן.

אַזוי האָט זיך אפרים פּרעסקאָט באַצויגן צו זיינע לאָקאַטאָרן, און דערפאַר איז זיין פאַרמעגן געוואַקסן אַ סך פּאַמעלעכער, ווי ס'זענען געגאַנגען די יאָרן פון זיין לעבן.

דאָס ווייב האָט אים געהאַט אויסגעלערנט לייענען די הייליקע שריפט. ער האָט זי געלייענט יעדן אָוונט און אַלע זונטאָגן און נישט געוואוסט, אַז ער האָט פאַר זיך די הערלעכסטע פּאָעמע און אַ שטיק שענסטע ליטעראַטור. דאָס, וואָס ר'האָט געליינט, האָט ער באַגריפט אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ס'האָט געהאַט אַ צוזאַמענהאַנג מיט זיין פערד־האַנדל, אָדער מיטן פאַרדינגען אַ צימערל אויפן זעלבן אופן האָט ער אויך געלייענט מיט שמואלן. שפּעטער ווען דער יונג איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער עפּעטערס דערפילט אַ אומרויקייט, ווייל דער אמת, וועלכן שמואל האָט געליינט אין תנך, האָט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געהאַט קיין שום שיכות מיט דער אַרומיקער וועלט.

אפרים פלעגט שמואלן דערציילן נישט נאָר וועגן דער מאַמע און וועגן תנך, נאָר אויך וועגן אַמעריקע. אָ, אַמעריקע, שמואלס פאָטערלאַנד, דאָס לאַנד, וואו ס'זענען געשטאָרבן שמואלס זיידעס. דאָס לאַנד, וואָס איז גאָר אַנדערש ווי אַלע אַנדערע לענדער. דאָס לאַנד, וועלכן ס'שטייט פאָר די הערלעכסטע צוקונפט. פאַרוואָס? — ווייל ס'איז דאָס לאַנד פון פרייהייט. פאַר דער פרייהייט האָבן אַסך מאַרטירער זייער בלוט פאַרגאָסן. און דער טרוים פון די העלדן איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין געזעצן, געזעצן, וואָס זענען

פונקט אזוי הייליק ווי דער תּנך. שמואל האָט זיך געלערנט ליד-לעך, וואָס באַזינגען די העלדישקייט, ער האָט געהערט די רעדעס, אין וועלכע מ'האָט די העלדן געהייליקט. דאָס איז געווען יעדן פערטן יולי. מ'איז אַרויסגעפאָרן צום ראַטהויז צו הערן אָט אַזאַ רעדע. און שמואל האָט זיך אינגאַנצן נישט געשעמט, וואָס די טרערן האָבן בשעת-מעשה זיך געשטעלט אין זיינע אויגן.

אָבער אויך אין די אויגן פון די שכנים פלעגט שמואל טיילמאָל זעען טרערן. דאָס פלעגט זיין דעמאָלט, ווען דער אַלטער אפרים פלעגט אין די שטילע אָוונטן אַנטפּלעקן פאַר זיי די פאַר-באַהאַלטענע אוצרות פון זיין נשמה. אפרים פרעסקאָט האָט אַמאָל גענקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון די שקלאַפן. אין זיין זכרון האָבן געלעבט די דערהויבענע בילדער, די העלדישע טאַטן. ער האָט אַרויסגערופן אין זיין געדאַנק די געשטאַלטן פון די העלדן, דאָס נע-ונד זיין, די תּפיסות, עפּידעמיעס, יאוש, מינוטן פון שרעק און רום, די שיין פון בלוט, די שרפות און דער רויך פון פולווער, אָפּגעריסענע פענער, נעמען, וואָס האָבן געמאַכט ציטערן דאָס האַרץ.

די מענטשן, וועלכע אפרים האָט דערמאַנט, האָבן זייערע לעבנס אָפּגעגעבן פאַר דער פרייהייט, האָבן מיט זייערע קערפּערס פאַרפולט די בלוטיקע שלאַכט-פעלדער. דאָס אַלץ האָבן זיי גע-טאָן, כדי די פרייהייט זאָל הערשן. אָט-אָ די ירושה האָבן זיי איבערגעלאָזט די שפּעטערדיקע דורות, כדי זיי זאָלן זי אַכטן און ליבן.

אָט די לערע האָט שמואל באַקומען אין דער קליינער פוי-ערשער פאַרם מיט אירע טאָג-טעגלעכע דאגות, אויפן שויס פון דער פראַכטפולער נאַטור, בייטאָג און ביינאַכט, זומער און ווינ-טער. קיין ביכער איז דאָרט נישט געווען קיין סך. געווען עטלעכע, אָבער שוין אינגאַנצן צעריסענע, וואָס דעם אינהאַלט פון זיי האָט שמואל שוין לאַנג געקענט אויף אויסנווייניק. אין איינעם איז גע-ווען געשילדערט, ווי אַזוי אַ פאַרוואָרפענער מענטש אויף אַ ווּיסטן אינזל, האָט איינגעאָרדנט דאָרט זיין לעבן, מיט זיינע אַלע שווער-סטע פּראָבלעמען. דאָס ביכל האָט געקאָנט דינען פאַר זייבעטוועגן

זאר א מוסר-השכל, ווי ווייט ערלעכע ארבעט איז דער זינען פון מענטשנס לעבן. דאָס צווייטע ביכל האָט שוין דערציילט וועגן א פרומען קריסטלעכן וואַנדערע". דאָס איז שוין געווען גאָר צוגע־פאסט צו דעם זוכנדיקן מענטש, ווייל מ'האָט געקאָנט דאָרט זעען פונדערוווייטנס דאָס גוטע, וואָס איז אזוי שווער אָנגעקומען. שפע־טער שוין האָט א שכן איבער־געלאָזט א ביכל לידער און פאַר שמואלס אויגן האָט זיך געעפנט א נייע וועלט. ביז איצט איז ער געווען גליקלעך, אָבער איצט איז ער געווען גליקלעכער. ער האָט שטענדיק ליב געהאט דעם בלויען הימל, געדיכטע ביימער און שטראָמענדיקע אָזשערעס, איצט האָט ער געפונען ווערטער וואָס דריקן אויס דאָס אלץ. דאָס שיינקייט פון די לידער האָט באַשיינט זיי־נע טאָג-טעגלעכע דאגות. שמואל איז געווען אַן ענטוזיאַסט, ער האָט געזען אלץ אין רויזע פאַרבן, געגלייבט אין אלץ וואָס מ'האָט אים דערציילט. באַזונדער דעמאָלט ווען ס'האָט זיך גע־האַנדלט וועגן עפּעס שיינס. ער האָט געהאט אידעאַלן און זיך געלאָזט מיטרייסן מיט די פאַרשידענע טעאָריעס. פונדעסטוועגן איז ער ווייט נישט געווען קיין נאַר. וויבאַלד ס'איז עפּעס נישט גע־ווען אין אָרדענונג, האָט ער תיכף דערקענט. ער האָט געזוכט, גיי־ענדיק מיט זיין אייגענעם געדאַנק, מיט זיין אייגענעם וועג, גע־זוכט מיטן גאַנצן כוח, אויסגעהאַלטן אין עקשנותדיק. אָ, ווען אַלע מענטשן וואָלטן אַזוי געגאַנגען מיט שמואלס וועג, — האָלט דורך א קורצע צייט די וועלט אַנדערש אויסגעזען.

## II

אַז שמואל איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט געטראָפן מיט זיין בני-בית א גרויס אומגליק.

שולדיק דערין זענען געווען די שטאָט-מענטשן. געזאָגט האָט מען, אַז זיי ברענגען געלט אין דאָרף אריין, אָבער דער

אַלטער אפרים האָט באַדויערט, וואָס זיי זענען אָנגעקומען. זיי האָבן אונטערגעברענגט די אַלטע מנהגים, אַ סוף געמאַכט צום אַלטן לעבן, ווייל וואָס פאַר אַ ראָלע האָט שוין געשפּילט דאָס אַפריייניקן די פאַשע - פעלדער פון די וואָרצלען, אַז מ׳האָט פאַרן קלענסטן פישעלע באַקומען דעם שענסטן פּרייז? מיט דער צייט האָבן די מענער זיך פאַרוואַנדלט אין „ציצעראָנען״ און די מיידלעך זענען געוואָרן קעלנערקעס. זיי האָבן געטראָגן ניי - מאָדישע קליידער, זענען לעבעדיקער געוואָרן, אָבער דערפאַר גיריקער און חוצפּה-דיקער. זיי האָבן באַקומען מער געלט און נישט איין מויד איז אַוועק אין שטאָט, וואו ס׳האָט איר דערוואַרט דער שרעקלעכסטער גורל.

אַלע שכנים, סיי די יונגע, סיי די אַלטע, האָבן געהאַט געלט, זיי האָבן געשיט דערמיט ווי פון אַ זאַק. זיי האָבן נישט געדאַרפט זייען און נישט קלויבן, געקאָנט קויפן אַלץ וואָס ס׳האָט זיך זיי נאָר געגלוסט. זייער צייט האָבן זיי פאַרברענגט אויף פאַרשידענע פאַרווייַלונגען, אויף שיפן זיך, פישפאַנג, רייטוועגלעך אָדער אויטאָס. פונוואַנען ס׳האָט זיך גענומען צו זיי אַזוי פיל געלט, איז שווער געווען צו פאַרשטיין. קלאָר איז געווען, אַז דאָס געלט קומט פון שטאָט, פון דעם גרויסן קעסלגרוב, וואוהין אַלע-מענס בליקן זענען איצט געווענדעט.

אין אַ געוויסן יולי - טאָג איז געקומען אַ מאַן אויפן דאָרף, און ער האָט עטוואָס געעפנט די טויערן פון וויסן און פאַרשטאַנד. געהייסן האָט ער מעניגג. פּערסוואַל מעניגג איז געווען דער יונג-סטער שותּף פון דער פירמע מעניגג אייזיקסאָן, אַ באַנקיר און אַ מעקלער. ווען די פּרעסקאָטס האָבן זיך דערוואוסט ווי אַזוי ס׳לויטעט זיין אַדרעס, האָבן זיי פול מיט דרך ארץ געעפנט די אויגן. געלויטעט האָט ער:

וואָל סטריט.

---

*) די גאַס אין ניו - יאָרק, וואו ס׳קאָנצענטרירט זיך דאָס גאַנצע בערזע-לעבן פון אַמעריקע.

הער פּערסיוואַל מענינג איז געווען אַ דיקער מענטש, האָט געטראָגן אַ העמד מיט פּאַסן, די הויזן זיינע האָבן געהאַט פון פאָרנט אַ קנייטש שאַרף ווי אַ מעסער. ער האָט אינגאַנצן אויסגע־זען ווי די פאַרקערפּערונג פון וואָל־סטריט... ער האָט אומאויפ־הערלעך דערציילט וועגן די פאַרשידענע באַנק־אָפּעראַציעס, ביי וועלכע מ׳קאָן דורך איין נאַכט רייך ווערן. די פירמע מענינג־אייזיקסאָן, האָט ער גאָוהדיק צוגעגעבן, איז איינע פון די הער־לעכסטע אויפן גאַנצן וואָל־סטריט, און ער, מענינג, האָט אין לאַנד דעמזעלבן צוטרוי, וואָס די גרעסטע פינאַנסיסטן. די אָרעמע אומשולדיקע פאַמיליע פּרעסקאָט האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געהערט, אַז ס׳זאָלן ערגיץ וואו עקזיסטירן ווינקל־בענק.

אדם, דער עלטסטער זון, איז מיט מענינגן אַוועק אויף פישפאַנג צו אינדיאַן־פּאָנד. שמואל איז אַוועק צוזאַמען מיט זיי, צוהעלפן טראָגן די משאות. איבערן וועג האָט ער געהערט אַ סך נייעס וועגן דער גרויסער שטאָט. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיין היימלאַנד איז ווינטער נישט מער ווי אַ מויזן־לאָך. וועגן דעם האָט ער נאָך אין קיין שום טעאָלאָגיש ביכל נישט געלייענט. מענינג האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס אדם ציט זיך נישט אריין אין שטאָט, וואו דער מענטש האָט נאָך אויף עפּעס „אויסזיכטן". ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון מויל דעם האַלב אויסגערויכערטן ציגאַר און דערציילט נאָך עפּיס וועגן טעאַטערן און קאַבאַרעטן. און צום סוף האָט ער זיך ווידער אומגעקערט צו זיין באַליבטער טעמע — וואָל־סטריט.

היינט האָט ער זיך גראָד דערוואוסט וויכטיק נייעס. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גרויס געשעפט. עס האָט זיך געזאָלט גרינדן אַ גרויסער פּלעשלעך־טרעסט. שוין מער ווי אַ יאָר, ווי דער אַלטער העגרי לאָקמען — איר האָט אַוודאי געהערט וועגן אים? ער איז טאַקע דער גרינדער פון דער גרויסער גלאָז־הוטע אין לאָקמענוויל —

— ניין, האָט אדם מודה געווען, ער האָט נישט געהערט וועגן לאָקמענען, דעם פילפאַכיקן מיליאָנער, וואָס האָט אין געהיים איינ־געקויפט גרויסע סכומים גלאָז, אַזוי אַז דער טרעסט מאָנאָפּאָליזירט

דאָס גאַנצע לאַנד. קיינער ווייסט נאָך נישט דערפון — האָט מע־
נינג סודותדיק צוגעגעבן, אָבער באַלד וועט דער עסק אַרויסשווי־
מען, און דעמאָלט וועט דער אַלטער בעל־עבירהניק לאָקמען
שאַרן די דאָלאַרלעך.

— וואָלט אפשר געווען אַ יושר אַריינצולייגן אַביסל געלט
און אָט דער אונטערנעמונג — האָט אדם פּאָרזיכטיק באַמערקט.

— איך מיין אַזוי — האָט מענינג צוגעגעבן שמייכלענדיק —
מ׳טאָר אָבער נישט פאַרלירן קיין צייט.

— איר וואָלט זיך געקאָנט דערוויסן, ווי אַזוי מ׳קאָן איינ־
קויפן די אַקציעס?

— געוויס, דאָס איז דאָך טאַקע אונזער געשעפט.

און דערנאָך האָט דער גורל געוואָלט, אַז איינער פון די
שטאָט־מענטשן זאָל אָפּקויפן ביי אפרימען די אַלטע פאַרם, און
אים אויסגעציילט אויפן טיש דריי קנאַקנדיקע טויזנטער דאָלאַר.
דער אַלטער האָט אינגאַנצן געציטערט, געוויקלט צווישן זיינע
פינגער דאָס גאַנצע אָפּגעשפּאָרטע פאַרמעגן פון זיין גאַנץ לעבן;
ער האָט זיך אַקייגנגעשטעלט ביידע עלטערע זין.

— אדם, — האָט זיך דער אַלטער געווערטט — דאָס איז
דאָך בפירוש שפעקולאַציע.

— ס׳הייבט זיך נישט אָן — האָט אדם געענטפערט —
ס׳איז נישט אויף אַ האָר מער שפעקולאַציע, ווי כ׳וואָלט געקויפט אַ
פערד, וויסנדיק אַז אין קומענדיקן פרילינג וועלן אויספעלן פערד.
ז׳איז גאָר פשוט אַ געשעפט.

— אָבער די פאַבריקן וועלן דאָך אויסאַרבעטן פלעשער פאַר
אַלקאָהאָל־געטראַנקען — האָט זיך נאָך דער אַלטער געווערט —
האַלטסט דו נישט פאַר אוממאָראַליש אויף אַזאַ אופן צו פאַר־
דינען געלט?

— זיי וועלן אויסאַרבעטן פאַרשידענע פלעשער. ווער איז
דערפאַר ערב, צו וואָס זיי ווערן פאַרנוצט?

— און איבעריקנס — האָט ער דיפּלאָמאַטיש צוגעגעבן —
אין דעם פאַל ווערן די פּרייזן געהעכערט. איז נאָך בעסער —
מענטשן קויפן ווייניקער פלעשער.

— אַ סך מענטשן זענען שוין בדיל הדל געוואָרן אויף וואָל סטריט — האָט דער טאַטע געוואָרנט — מ׳קאָן גאָרנישט וויסן קיין זיכערע זאַך וועגן דעם.

— איצט האָבן מיר אַ געלעגנהייט. דאָס קאָן נאָר געשען איינמאָל אין לעבן — האָט זיך אדם געהאַלטן ביי זיינס.

— לייען דורך, טאַטע, צוערשט דעם פּראָספּעקט! — האָט דן אונטערגעהאַלטן דעם ברודערס אַרגומענטן — ווייבאַלד מיר וועלן איצט נישט אויסניצן די געלעגנהייט, האָבן מיר נישט פאַרדינט אויף גאָרנישט מער, ווי ביז דעם סוף פון אונזער לעבן צו הויקערן אונדזערע רוקנס איבער פעלדער.

דער אַלטער אפרים האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט חושד געווען, אַז זיין רוקן-ווייטאָק נעמט זיך פון דער אַרבעט אין פעלד. ער האָט געהאַט פיר מאָרג פעלד; יעדן פרילינג האָט ער זיי פאַראַקערט, געזייט, צוגעזייט דאָרט וואו די שפּאַרבער האָבן אויסגעגעסן. אַ גאַנצן זומער האָט ער געאַרבעט אין פעלד, הארבסט צייט האָט ער געשניטן ס׳קאָרן, אַ זאַנג צו אַ זאַנג איינגעלייגט אין בינטלעך. דערנאָך פלעגט ער זיך אַוועקזעצן ביי די די בערג שיפועים, אויבּ ווינטן האָבן געבלאָזן, אויסגעקלאַפּט פון די זאַנגען קאָרן, צעגויפגעקליבן אַ קערנדל צו אַ קערנדל אין קוישלעך. איז דער שניט געווען אַ געראָטענער, האָט ער אַזוי צענויפגעקליבן קאָרן אין דער ווערט פון הונדערט דאָלאַר. מענינג האָט באַצאָלט אַזאַ סומע פאַר דער יעגער-ביקס, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון זיין צימערל.

איצט האָט פאַרן אַלטנס אויגן געשוועבט דער ריזיקער פלאַשן-טרעסט, מיט דעם קאַפּיטאַל פון פינף און צוואָנציק מיליאָן דאָלאַר. דאָס איז געווען איינס פון די גרעסטע אינדוסטריען אין לאַנד, און די אַקציעס האָבן אין משך פון איין וואָך געקאָנט שטייגן אויף הונדערט און פופציק דאָלאַר.

— קינדער — האָט ער טרויעריק געזאָגט — דאָס געלט וועל איך דאָך נישט אויסגעבן. דאָס געלט גיב איך אייך, כ׳וועל אייך נישט שטיין אין וועג, ווייבאַלד איר ווילט דווקא...

— מיר ווילן! — האָט אדם אויסגערופן

— און וואָס מיינסטו, שמואל? — האָט געפֿרעגט דער אַלטער.

— כ'ווייס נישט וואָס צו זאָגן — האָט שמואל אָפּגעענטפֿערט. דריי טויזנט דאָלאַר איז אַ גאַנץ גרויסע סומע געלט. איך פֿאַרשטיי נישט, צוואָס אייגנטלעך מיר דאַרפֿן נאָך.

— ווילסטו אונז שטיין אין וועג, הייסט עס? — האָט אדם בייז געפֿרעגט.

— חלילה, כ'וויל אייך נישט שטערן — האָט שמואל געענטפֿערט.

לסוף האָט מען זיך אַנטשלאָסן. ווען זיי זענען שוין געווען גרייט צו קויפֿן, האָבן זיי זיך דערוואוסט עפּעס גאָר אַ מאָדנע זאַך. ס'איז איינגאַנצן איבעריק געווען צו קויפֿן אַ גאַנצע אַקציע, ס'איז גענוג געווען צוצאָלן בלויז דעם אונטערשיד. אויף אַזאַ אופֿן האָבן זיי געקאָנט פֿאַרדינען צען מאָל אַזוי פֿיל וויפֿל זיי האָבן גערעכנט. דאָס געשעפֿט איז געשלאָסן געוואָרן. פֿון איצט אָן האָבן זיי אויסגעשריבן די צייטונג און נאָכגעפֿאָלגט די פּרייזן פֿון די אַקציעס פֿון „פֿלאַשן-טרעסט", ווי זיי זענען געשטיגן פֿון $63^1/_8$ אויף $64^1/_4$. איינמאָל אין אָוונט האָט דער אַלטער היירעם דזשאָנס, דער אייגנטימער פֿון אַ בויד, זיי געבראַכט אַ טעלעגראַמע מיט אַ טרויעריקן אינהאַלט. די אַקציעס זענען געפֿאַלן ביז $56^5/_8$, און זיי מוזן צוצאָלן דעם אונטערשיד. צומאָרגנס איז אדם גרייט געווען צו פֿאָרן אין שטאָט, ער וויל אַליין זיך עס דערוויסן, צי עס איז טאַקע אמת. אויפֿן וועג האָט ער באַגעגנט דעם פּאָסט-וואָגן מיט אַ בריוו פֿון דער מעניגג-באַנק. דאָרט איז געווען געשריבן, אַז די אַקציעס האָבן געמוזט פֿאַרקויפֿט ווערן צו פֿופֿציק. שפּעטער האָבן זיי געפֿונען אין דער צייטונג אַ דערקלערונג: דער אַלטער הענרי לאַקמען איז געשטאָרבן אויף אַ האַרץ-שלאַג, און די בער-זע-ספּעקולאַנטן האָבן געוואָרפֿן דעם קורס פֿון די אַקציעס.

די דריי טויזנט דאָלאַר, זענען, אַלזאָ, געווען פֿאַרלוירן. דריי טעג האָבן זיי נאָך גוויטיק געהאַט, כּדי צו באַגרייפֿן דאָס וואָס ס'איז געשען. דאָס אַלץ האָט זיך זיי אויסגעוויזן אומגלייבלעך. איינמאָל נאָך האָבן זיי זיך איבערגעשריבן מיט מעניגגן,

אָבער פון דעם ענטפער האָבן זיי זיך שוין דערוואוסט, אַז פון גאַנצן געלט איז קיין איין דאָלאַר נישט פאַרבליבן. אדם האָט ווילד געשריגן, געשאָלטן ווי אַ משוגענער, דן האָט געשוואוירן אַז ער וועט אַוועק אין שטאָט, ער מוז דערהרגענען מעניגן. דער אַלטער אפרים האָט נאָך אַמאָל אַוועקגעשריבן צו אים אַ בריוו, פול מיט פאָרוואורפן און ביטערניש. ער האָט באַקומען אַ העפלעכן ענטפער: מעניגג וועט גאָרנישט ליידן. ער איז נאָר געוועזן מעקלער, אויסגעפירט נאָר אַ פאַרלאַנג פון זיינעם אַ קליענט. האָט ער דען געקאָנט פאָרויסזען, אַז דער אַלטער לאָקמען וועט שטאַרבן? דערמאָנט אייך — האָט ער צוגעשריבן ביים סוף — אַז כ'האָב אייך געוואָרנט פאַר דער ריזיקע פון דער בערזע. אפרים האָט זיך די וואָרענונג באַין אופן נישט געקאָנט דערמאָנען. אַ חוץ דעם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס דערמאָנען זיך וועט שוין יעצט גאָרנישט העלפן.

שמואל איז נישט געווען אַזוי שטאַרק פאַרזאָרגט פון אָט דעם גאַנצן היזק. נידערגעשלאָגן איז ער געוואָרן צוזעענדיק דעם פאָטערס צער. וואָס אַמאָל האָט דער אַלטער ערגער אויסגעזען. די לעצטע געשעעניש האָט שוין אינגאַנצן דערשלאָגן דעם אַלטן אפרים. עס האָט אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט עלטער געוואָרן מיט גאַנצע צען יאָר. פרילינג-צייט האָט ער זיך צוגעקילט און זיך געלייגט אין בעט. דערנאָך האָט זיך צוגעטשעפעט אַ לונגען-אָנצינדונג — און איידער די זין האָבן באַמערקט די געפאַר, איז דער אַלטער אָפגעשטאַרבן.

פאַרן טויט האָט ער נאָך באַוויזן עפעס צו שעפטשן צו שמואלן. יעצט וועט ער זיך זען מיט דער מאַמע זיינער. שמואל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער טאָר יעצט נישט זיין טרויעריק. ער האָט זיך כמעט געשעמט פאַר דעם געפיל פון איינזאַמקייט און פחד וואָס האָט אים באַהערשט. ער האָט פאַרדעקט זיינע אינערלעכע ליידן און געמאַכט אַ פריילעך פנים, נאָך צופיל פריילעך, לויט דעם, ווי עס האָבן עס פאַרלאַנגט אדם און דן, וועלכע האָבן מער געזאָרגט, וואָס די שכנים וועלן זאָגן, ווי פאַר שמואלס טרויער.

אַ גאַנצן ווינטער האָט שמואל אַ סך אַ דורכגעטראַכט. נאָך דער לויה האָט ער גערופן די ברידער אויף אַ באַראַטונג —

— ברידער — האָט ער אָנגעהויבן — פאַר דרייען איז דאָס ווינקל צו קליין. דן וויל חתונה האָבן. אַלע צוזאַמען זיין דאָ קאָנען מיר נישט. מעניגג האָט גאַנץ ריכטיק געהאַט געזאָגט.

— כ'באַדאַרף נישט וויסן, וואָס דער שווינדלער האָט געזאָגט — האָט אדם איבערגעריסן.

— אָבער אין דעם פאַל איז מעניגג גערעכט געווען. מענטשן פאַרבלייבן אויף אייגענער ערד, טיילן איר וואָס אַמאָל מער און ווערן וואָס אַמאָל שטאַרקער פאַראָרעמט. כ'האָב דערפאַר באַשלאָסן אוועקצוגיין פונדאַנען — אין שטאָט אַריין.

— וואָס קענסטו דען אָנהויבן צו טון אין שטאָט? — האָט דן געפרעגט.

— כ'ווייס נאָך נישט — האָט שמואל אָפּגעענטפערט. כ'וועל טאָן וואָס כ'וועל זיין בכוח. מיינע פאַרלאַנגען גרייכן דאָך נישט אַזוי וויים, אז איך זאָל וועלן מאַכן אַ פאַרמעגן אויף וואָל־סטריט.

— חכמע זיך נישט אַזוי שיין — האָט אים דן איבערגעריסן.

אָבער שמואל האָט נישט געמיינט מיט די ווערטער צו איראָניזירן.

— אַרבעטן וויל איך. כ'בין יונג און שטאַרק. כ'וועל שוין געפינען, עמעצן וואָס וועט מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו אַרבעטן. כ'וועל זיך פלייסן און וועל אַליין זאָרגן פאַר מיין אייגענער צו־קונפט. כ'האָב געלייענט וועגן יונגלעך, וואָס ס'האָט זיך זיי אייגגע־געבן צו דערשלאָגן צו עפּעס.

— נאָרנישט קיין שלעכטער איינפאַל — האָט זיך אָדם אָפּ־גערופן.

— מאַ, פרואוו — האָט דן צוגעגעבן.

— יאָ, אָבער ס'האַנדלט זיך וועגן דעם... — דאָ האָט זיך שמואל פאַרהאַקט, ער האָט מורא געהאַט צו רעדן ווייטער — אויף צו שטעלן די ערשטע טריט דאַרף איך אַביסל געלט.

— הם, געלט, דאָס איז ביי אונז אַ זעלטענע זאַך.

— וויפל ווילסטו? — האָט דן געפרעגט.

— אַזוי פיל, אַז כ׳זאָל קאָנען זיין פאַרזיכערט. כ׳שווער אייך, אַז כ׳וועל שוין קיינמאָל מער נישט קומען צו אייך, ביז כ׳וועל קיין ערפאָלג נישט האָבן. כ׳וויל נישט מאַכן מיט אייך קיין קינדער - שפיל.

— פונוואַנען זאָלן מיר נעמען פאַר דיר געלט? — האָט געוויטעט אַ פראַגע.

— כ׳האָב געמיינט, אַז כ׳וואָלט געקאָנט פאַרקויפן מיין חלק פאַרם.

— דאָס קאָנסטו נישט — האָט זיך אדם שטרענג אָפגערופן — ביזט נאָך מינדעריעריק.

— איר זענט גערעכט, ברידער. אָבער איר קענט דאָך מיך. וויבאַלד מיר וועלן עפּיס אָפּמאַכן, וועל איך זיכער האַלטן וואָרט. איר קאָנט זיין זיכער, אַז כ׳וועל קיינמאָל זיך שוין צו אייך נישט אומקערן. כ׳וועל אייך שוין קיינמאָל נישט זיין צו לאַסט.

— כ׳גלייב, כ׳גלייב... — און אין אדמס קול האָט זיך אַריינגעריסן ספק — אויף קיינמאָל קאָן מען אַפילו נישט זיין אינגאַנצן פאַרזיכערט.

— וויפל פאַרלאַנגסטו? — האָט דן פאָרזיכטיק געפרעגט.

— כ׳רעכן — אַ הונדערטער.

און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— כ׳וועל גיין מאָרגן אויפן דאָרף, כ׳וועל זען, אפשר וועט זיך לאָזן עפּעס מאַכן.

אויף צומאָרגנס איז דן אַוועק אויפן דאָרף. ער האָט זיך אומגעקערט ביינאַכט. די ברידער האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג. דן האָט אַרויסגעצויגן פון זיין קעשענע אַכט צענער אַלאַרן.

— מער האָב איך נישט געקאָנט. ס׳איז מיר נישט אַנגענעם, אויב ס׳איז דיר ווינציק — און האָט אָפּגעהאַקט.

— ס׳מוז גענוג זיין — האָט שמואל געענטפערט. די ברודער האָבן אַרויסגעלייגט אויפן טיש אַ לאַנג ערנסט פּאַפּיר. שמואל איז געווען גענוג העפליך, אַז ער האָט עס איבערגעלייענט, האָט עס תיכף אונטערגעשריבן, און ס׳געשעפט איז פאַרענדיקט געוואָרן.

נאָך די זעלבע נאַכט האָט שמואל פאַרפאַקט אין אַ קליין פּעקעלע זיין ביסל זאַכן. מיטן זון־אויפגאַנג איז ער אַוועק אין וועג אַריין.

און זיינע זוכונגען האָבן זיך אָנגעהויבן.

## III.

ער האָט פאַרוואָרפן ס׳פּעקל אויף די פּלייצעס, פאַרשטעקט די אַכציק דאָלאַר אונטער דער פּאָדשעווקע פון די רעקל, און זיי צוגעשפּיליעט. דאָס האַרץ האָט אים האַסטיק געקלאַפּט. ער איז געווען יונג און פריי. דער וועג איז פאַר אים געשטאַנען אָפן, זיין נשמה האָט געגאַרט נאָך שאַרפע איבערלעבונגען. איז ער אַזוי געשטאַנען אויפן באַרג און נאָכאַמאָל געקוקט אויפן טאַטנס הויז. די ריידע־באַשרייבונגען וועלכע ער האָט געלייענט, האָבן זיך ערוועקט ביי אים אין זכּרון. דערנאָך האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אויסגעדרייט זיך, און זיין וואַנדער־וועג האָט זיך אָנגעהויבן.

דאָס איינציקע פערד, וואָס איז געווען אויפן פאַרם, איז יעצט געווען אויפן פעלד ביים אַקערן. שמואל האָט געמוזט אַדורכמאַכן צו־פוס אַ זעקס מייל ביז צום נאָענטסטן דאָרף. פון דאָרט איז ער מיט אַקס צוגעפאָרן צו אַ קליינער באַן־סטאַציע. ער האָט געדאַרפט דריי שעה וואַרטן אויף אַ צוג, האָט ער באַשלאָסן איינצוקאַרגן די פופצען סענט און איבערגיין זיך צופוס צו דער ווייטערדיקער סטאַציע. אַזאַ שטח האָט ביי אים גאָרנישט אויסגעמאַכט.

אויפן וועג האָט ער געטראָפן אַ יונגנמאַן. ער איז געזעסן ביים באַן־פלאַנט, און ביי אַ קליין פייערל געבראָטן זיך ברויט אויף אַ שטעקן.

— האַללאָ! — האָט יענער אויסגערופן — איר איילט זיך?

— יאָ — האָט שמואל געענטפערט.

דער פּרעמדער איז נישט געווען אַ סך עלטער פאַר אים. נאָר זיין פּנים האָט געהאַט אַ פאַרדעכטיקן אויסזען.

— איר זענט נאָך אַוודאי אַ גרינער אין דער שפּיל — האָט ער געפרעגט.

— אין וואָסער שפּיל ?

דער פּרעמדער האָט זיך צעלאַכט.

— וואוהין פאָרט איר ?

— קיין ניו - יאָרק.

— דעם גאַנצן וועג צופוס ?

— ניין, כ׳גיי ביז צו דער נאָענטסטער סטאַציע.

— אַהאַ ! וויפל קאָסט דאָס אַזאַ רייזע ?

— כ׳מיין, אַז אַ זעקס דאָלאַר.

— הם. און איר האָט דען דאָס געלט ?

— יאָ — האָט שמואל געענטפערט.

— ס׳וועט אייך באַלד פעלן געלט, אויב איר וועט זיך פירן אַזוי פאַרשווענדעריש — האָט דער פרעמדער געזאָגט. — פאַרוואָס פאָרט איר נישט אויף „לינק״ ?

— וואָס איז דאָס אַזוינס ?

— נאַראָנים צאָלן פאַר פאָרן — האָט אים דער פרעמדער געגעבן צו פאַרשטיין — באַלד וועט אַדורכפאָרן אַמשא - צוג. ער בלייבט שטיין ביי דעם ברונעם. פאַרוואָס זאָלט איר זיך נישט אַריינכאַפּן אין איינעם פון די וואַגאָנען ?

שמואל האָט זיך געוואַקלט.

— כ׳וואָלט עס נישט געוואָלט טאָן.

— זעצט אייך — האָט דער פּרעמדער געבעטן.

ער האָט אים מכבד געווען מיט געבראָטן ברויט. שמואל האָט עס פון העפלעכקייט צוגענומען. זיין נייער באַקאַנטער איז שוין אַלס דרייצניעריקער יאַט אַנטלאָפן פון שול, אַדורכגעוואַנדערט די גאַנצע פאַרייניקטע שטאַטן. טאַקע יעצט האָט ער זיך אומגעקערט פון זיין ווינטער - וואַנדערונג איבער מעקסיקע. שמואל האָט אויסגעהערט דעם פאַרשוינס דערציילונגען און ס׳האָט אים געפּייניקט אַן

אומאויפהערלעכער געדאַנק, וואָס פאַר אַ סומע ס׳בלויזע באַן געלט וועט פאַרשלינגען. דאַרף ער עס טאַקע אַזוי פיל אויסגעבן אין איין טאָג?

— קומט מיט מיר — האָט אים דער וואַנד.רער גערופן.

זיי זענען געגאַנגען לענג־אויס דעם פלאַנט. פונוויטן האָט זיך געהערט אַ פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו. ביי שמואלן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו קלאַפּן פון גערייצטקייט.

זיי האָבן זיך באַהאַלטן צווישן די צווייגן, נישט ווייט פון ברונעם. דער צוג איז נישט שטיין געבליבן. ער האָט נאָר איינגעהאַלטן אַביסל דעם טעמפּאָ. שמואלן האָט זיך געדוכט, אַז ער יאָגט נאָך אַזוי אַלץ כסדר מיט אַ ווילדער שנעלקייט.

— אַריינשפּרינגען! — האָט געשריגן דער פרעמדער און איז געלאָפן לענג אויס מיט די שינעס. שמואל האָט געזען, ווי דער פרעמדער האָט אַ שפּרונג געטאָן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין וואָלקן שטויב.

שמואלן האָט פאַרלאָזן דער מוט. ער האָט געוואַרט. אַ וואַגאָן נאָך אַ וואַגאָן האָבן זיך פאַרבייגעשאַרט פאַר זיינע אויגן. לסוף האָט ער זיך באַזיגט. ס׳איז אים געווען אַ חרפה. ניין, ער וועט נישט בלייבן הינטערשטעליק דעם פרעמדן!

ער איז אונטערגעלאָפן. אַ ליידיקער וואַגאָן האָט נאָר וואָס זיך פאַרבייגעשלעפּט פאַר זיינע אויגן. די טירן זענען געווען אָפן. שמואל איז צוגעשפּרונגען און זיך אָנגעכאַפּט ביי די טירלעך. עפּעס האָט אים אָפּגעשלעפּט פון דער ערד, שיער אים נישט אַרויסגעריסן אַ האַנט. אַ וואָלקן שטויב האָט אים פאַרבלענדט. אָבער שמואל האָט זיך געהאַלטן שטייף, ביז ר׳האָט זיך אַ הויב געטאָן אינדערהייך. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער ציטערנדיק אין סאַפּנדיק געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע פון וואַגאָן.

אַ מינוט האָט ער זיך פאַרטראַכט. ס׳געוויסן האָט אים אָנגעהויבן צו פּייניקן. ער פאָרט אומזיסט. איז עס דען נישט אַלצאיינס וואָס גנבה? וואָלט זיך דער אַלטער אפרים נישט געשעמט דערמיט? באַלד ביים אָנהויב פון זיין וואַנדער־וועג איז ער נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון. און דאָס האָט אים געעצהט אַ

מענטש, וואָס האָט זיך געגרייסט מיט זיינע גנבות און שיכּרות! ער האָט באַשלאָסן, אַז באַלד ווי ער וועט נאָר אָנקומען אין שטאָט, וועט ער אַוועק אויף דער באַן - סטאַציע, וועט זיך מודה זיין אין זיין פאַרברעכן און אויסקויפן אַ בילעט!

אין אומגעפער אַ שעה אַרום איז דער צוג שטיין געבליבן. עמעצנס טריט האָבן זיך געהערט פון דער נאָענט. אַ פאַרשעמטער האָט זיך שמואל באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון וואַגאָן. פּלוצלינג איז יענער שטיין געבליבן, פאַרמאַכט די טירלעך און זיך דער־ווייטערט. קייטן האָבן אָנגעהויבן קלינגען. שמואל האָט פאַרשטאַנען, אַז יעצט רוקט מען איבער די וואַגאָנען.

פּלוצלינג איז שטיל געוואָרן.

שמואל האָט געוואַרט אַ שעה. אַן אומרויקער האָט ער זיך געוואָרפן צו די טירלעך. זיי זענען געווען פאַרמאַכט.

ער האָט זיך דערשראָקן, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּאָד־לאָגע און געטראַכט ביי זיך:

— איך וועל בלייבן אַזוי פאַרמאַכט, ביז מיר וועלן אָנקו־מען קיין ניו - יאָרק. אָבער פאַרוואָס רירט נישט דער צוג פון אָרט? אפשר שטייען מיר אויף אַ זייטיקע ליניע ביז ס'וועט דורכ־פאָרן אַ פאַסאַזשיר צוג? — האָט ער ביטער געטראַכט. אָט האָט ער דאָך געקאָנט פאָרן טאַקע אויף דעמזעלבן צוג. אָבער אַז ס'איז אַריבער אַ שעה נאָך אַ שעה, האָט שמואל איצט דערקענט דעם אימהדיקן אמת. דער וואַגאָן איז געווען אָפּגעקייטלט און איבער־גערוקט אויף אַ זייטיקער ליניע.

דריי צוגן זענען פאַרבייגעפאָרן. ביי יעדן מאָל האָט ער געוואַרט, פול שרעק און מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. קיין איינער פון זיי איז אָבער נישט שטיין געבליבן. אַ טויטע שטילקייט האָט געהערשט אַרום. ער איז געזעסן אין דער פינסטערניש, געוואַרט און מורא געהאַט.

ער האָט נישט געוואוסט ווי שפּעט ס'איז. יעדע שעה האָט איצט אין זיין ביטערע לאַגע זיך אויסגעוויזן ווי אַן אייביקייט. ער איז געגאַנגען הין און צוריק ווי אַ חיה אין דער שטייג. דער־נאָך האָט ער זיך ווידער געלייגט, האַרט לעבן די טירלעך. ער

האָט אָנגעשטרענגט דאָס אויער און כסדר געטראַכט, אפשר וועט דאָך ווער אָנקומען. אָפּליגנדיק אַזוי אַ צייט, האָט ער דע־פּילט, אַז ער איז הונגעריק. ער האָט אויפגעגעסן זיין באַשיידן פּעקעלע. נאָכן עסן האָט ער דערפילט דורשט, אָבער וואָס צו טרינקען איז נישט געווען.

ער האָט זיך דערשראָקן. ס'איז באמת גאָרנישט געווען קיין פאַרגעניגן צו ליגן אַ פאַרמאַכטער דורשטיקערהייט. ער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט, געקלאַפּט מיט די פויסטן, געקאָפּעט מיט די פיס אין די טירלעך. אָבער באַלד האָט ער זיך פאַרמאַטערט, אָפּגערוקט זיך אין אַ זייט אויף דער פאָדלאָגע. ער האָט אונטער־געהערט און געציטערט פון פחד און פון קעלט. שמואל האָט געפילט אַז די נאַכט איז שוין צוגעפאַלן, ווייל אין די בערג זענען ביינאַכט נאָך געווען פרעסטלעך.

ס'איז אָנגעפאָרן אַ משא ־ צוג. שמואל האָט עס דערקע־ט נאָך דעם שלעפּן זיך און נאָכן פאַמעלעכדיקן פאָרן. ער האָט נאָכ־אַמאָל אָנגעהויבן צו זעצן אין די טירלעך, געשריגן מיטן גאַנצן כוח. ס'איז נישט געווען קיין ענטפער. ער האָט פאַרשטאַנען ווי־נאַריש ס'איז ס'קלאַפּן אין אַזאַ גערויש.

דער דורשט איז געוואָרן וואָס אַמאָל פיינלעכער. ער האָט געפּרוּווט פאַרגעסן אָן אים, אָבער ער האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט. אַ איבערגעשראָקענער האָט ער ביי זיך געפרעגט, ווילאַנג אַ מענטש קאָן לעבן אָן וואַסער, און צי ער אַליין שטאַרבט שוין נישט אָפּ. דערווייל האָט ער אויך דערפילט הונגער. ער האָט נישט געוואוסט וואָס אים פייניקט שטאַרקער — דער הונגער צי דער דורשט. ער האָט געהערט אַמאָל ווי מענטשן, פאַרן טויט, לעבן איבער זייער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסרופן אין זיין זכרון זיין אייגענע פאַרגאַנגענהייט. זי האָט זיך אים אויסגעוויזן מאָדנע ־ לעבעדיק, פול מיט נייע בעפילן. באַזונדער האָט ער זיך דערמאָנט אַלע זיינע שלעכטע מעשים, שוין אַריינגערעכנט אויך זיין יעצטיק אומזיסט פאָרן, פאַרוואָס ער מוז יעצט אַזוי טייער באַצאָלן.

דערווייל האָט די אַנדערע טייל פון זיין געדאַנק געזוכט וועגן, געוועבט פּלענער. ער האָט דורכגעזוכט דעם גאַנצן וואַגאָן, די פּאָדלאָגע, די ווענט, דעם סופיט. אָבער ס'איז אין ערגיץ נישט געווען קיין לויז ברעטל, אָדער אַ שפּאַרע. דער וואַגאָן איז געווען נאָך איינגאַנצן אַ נייער. דאָס האָט אים נאָך צוגעגעבן אַ פרישע זאָרג. וועט ער דען נישט דערשטיקט ווערן, איידער ער וועט נאָך שטאַרבן פאַר הונגער אָדער דורשט? שוין איצט פילט ער זיך אָפּגעשוואַכט און האָט שטאַרקן קאָפּ - ווייטאָק.

וואָלט ער כאָטש געהאַט אַ מעסערל! וואָלט ער אויסגעשניטן אין דער וואַנט אַ לעכעלע אויף צו שעפּן לופט. דערנאָך וואָלט ער עס פאַרגרעסערט, אויף אַזאַ אופן וואָלט ער אַרויסגענומען אַ ברעט. ער האָט געפונען אויף דער פּאָדלאָגע אַ גרויסן טשוואָק. ער האָט אָרומגעקראַצט די ווענט, אָבער זיי זענען אומעטום געווען פעסט פאַרמאַכט. ער האָט געפּרואווט אַרויסרייסן שפּענדלעך פון די ווענט. דער הונגער און דורשט האָט וואָס אַמאָל שטאַרקער אים געפּייניקט, מינוטנווייז האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז ס'פאָרט פאַרביי אַ צוג, אָבער דאָס האָט זיך נאָר אים אויסגעוויזן פון דעם כסדרדיקן שרייען איז ער הייזעריק געוואָרן, אָן אויפהער האָט ער געריסן שפּענדלעך פון די ווענט. דאָס האָט געדויערט שעהען. אַזוי זענען געוויס פאַרביי טעג און נעכט. אַז ער איז שוין געוואָרן איינגאַנצן אויסגעשעפּט, האָט ער געהערט ווי דאָס גערויש פון אָנקומענדן צוג ווערט וואָס אַמאָל שטילער, זיין קלאַפּ ווערט פאַמעלעכער. לסוף איז דער צוג שטיין געבליבן.

ער האָט צענויפגעקליבן זיין רעשט ביסל כוחות און אָנגעהויבן קלאַפּן אין די טירלעך פון וואַגאָן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז איצט באַדאַרף ער שוינען זיין כוח און וואַרטן ביז דאָס סאָפּען פון דער מאַשין וועט איינגאַנצן שטיל ווערן.

אָבער וואָס וועט זיין אַז דער צוג וועט רירן ווייטער?

ער האָט אויפס'ניי אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער טיר. ער האָט געשריגן, ווי אַ ווילדער. ס'איז איינגאַנצן שטיל געוואָרן. ס'האָט זיך געהערט דאָס צוטשעפּען די וואַגאָנעס. ער האָט נאָך

אַלץ כסדר געקלאַפּט. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ווילדן יאוש. צום סוף האָט זיך אָפּגערופן אַ טעמפּ קול:

— האַללאָ! ווער איז?

— כ׳בין דאָ פאַרמאַכט.

— ווי אַזוי האָט איר זיך אַהין אַריינבאַקומען?

— כ׳בין צופעליק דאָ פאַרמאַכט געוואָרן. כ׳בין שוין האַלב טויט.

— ווער זענט איר?

— כ׳בין געפאָרן אין דעם וואַגאָן.

— אַה, אַ שלעפּער! גוט אַזוי אויף דיר, פאַרבלייב דאָרט וואו די ביסט!

— ניין, ניין, — האָט שמואל זיך געריסן, האַלב משוגע פון שרעק — כ׳וועל דאָ אויסגיין פון הונגער, כ׳ליג שוין דאָ עטלעכע טעג. דערבאַרעמט אייך, לאָזט מיך אַרויס! כ׳וועל עס שוין מער נישט טון!

אַ טויטע שטילקייט, דערנאָך:

— האָסט געלט?

— יאָ, יאָ, כ׳האָב געלט.

— שריי נישט אַזוי! וויפל?

— פאַרוואָס?

— וויפל?

— אַכציק דאָלאַר.

— גוט, גיב מיר דאָס געלט, וועל איך דיך אַרויסלאָזן.

כאָטש ער איז געווען אין דער גרעסטער פאַרצווייפלונג און ביטערער לאַגע, האָבן די לעצטע ווערטער אים שטאַרק אי־בערגעשראָקן.

— כ׳קאָן דאָך אייך נישט אָוועקגעבן מיין גאַנץ געלט! — האָט ער אַרויסגעשריגן.

— גאַנץ פיין. פאַרבלייב זשע דאָרט וואו דו ביסט.

— ניין! ניין! לאָזט מיר כאָטש איבער עפּעס — האָט שמואל געבעט

— גוט. קאָנסט דיר באַהאַלטן פינף דאָלאַר. נאָר אַנטשליס זיך, גיכער.

— גוט! — האָט שמואל איינגעשטימט — כ׳וועל אייך געבן ס׳געלט.

— כ׳האָב פיינט שווינדלערס. פאַרשטייסט?

— כ׳וועל געבן! כ׳וועל געבן! לאָזט מיך נאָר אַרויס!

— דעם קאָפּ וועל איך דיר צעהאַקן, אויב וועסט זיך דער־וועגן מיך אָפּצונאַרן.

שמואל האָט געוואַרט, ער האָט אינגאַנצן געציטערט, ווען דאָס ריגעלע האָט זיך אָפּגערוקט און די טירן האָבן זיך עטוואָס געעפנט. דורך דער שפּאַרע האָט אַ בליץ געטאָן אַ לאַמטער.

— גיב ס׳געלט — האָט געזאָגט ס׳קול לעבן וואַגאָן.

— שוין!

שמואל האָט געטאַפּט ביי די שפּילקעס, וואו דאָס געלט איז געווען צוגעטשעפּעט צו דער פאַדשעווקע פון דעם רעקל.

— כ׳קאָן נישט ציילן. דאָ איז פינסטער.

— גיב, איך וועל שוין איבערציילן.

שמואל האָט אַרויסגעגעבן ס׳געלט דורך דער שפּאַרע. די פינגער פון פרעמדן האָבן דערגרייכט נאָך דעם, אַרויסגעכאַפּט עס און ס׳פייערל איז באַלד נעלם געוואָרן. תחילת האָט שמואל נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ איז געשען. פּלוצלינג האָט ער אָנגע־הויבן שרייען:

— גיט מיר אָפּ מיינע פינף דאָלאַר!

ער האָט אָפּגערוקט די טירלעך און איז אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט נאָך באַמערקט, ווי דאָס געשטאַלט מיטן לאַמטערל לויפט לעגב אויס מיטן פּלאַנט און ווערט פאַרשוואונדן אין דער פינס־טערניש. שמואל איז געלאָפן נאָכן געשטאַלט נאָך, נאָר ער האָט זיך פאַרטשעפּעט און איז אַריינגעפאַלן אין אַ רינשטאָק. ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, האָט דער צוג אָנגעהויבן גיין און ס׳גע־שטאַלט מיטן לאַמטערל איז פאַרשוואונדן.

## IV

שמואלס גאַנצע געלט איז געווען פאַרלוירן. צו שטאַרק האָט אים געפּייניקט דער הונגער און דורשט, אַז ער זאָל זיך מיט דעם שאָדן צופיל איבערנעמען. פלוצלינג האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער געפינט זיך אום האַלבע נאַכט אויף אַ וויסטעניש. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער צוג קאָן אַוועקפאָרן, און ער קאָן דאָ שטאַרבן פאַר הונגער.

ער איז צוגעלאָפן צום פלאַנט, אָנגעהאָנגען זיך אויפן אייזערנעם לייטערל פון אַ משא - וואַגאָן. אָבער ס'האָט געבלאָזן אַ פראָסטיקער ווינט, אַזוי אַז ער האָט געמוזט צוריק אַראָפּקריכן אונטן. יעצט האָט ער ערשט באַמערקט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט זיין פּעקל אין יענעם וואַגאָן.

צום גליק איז דער צוג נאָך אַ שעה אָפּפאָרן שטיין געבליבן. שמואל האָט באַמערקט ווי ערגעץ פינקלט אַ פייערל. איבער דער גאַנצע געגנט האָט זיך פאַרשפּרייט אַ העלע ליכטיקייט. ער האָט פאַרשטאַנען אַז זיי זענען צוגעפאָרן צו אַ גרויסער שטאָט. אויף מזרח האָט דער הימל זיך אָנגעהויבן עטוואָס רויטלען. די הייזלעך האָבן געשטאַרצט ווי שאָטנס.

שמואל איז אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן און אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך, לענג אויס דעם פלאַנט. ער איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט און געפרוירן. איין פענסטערל אין באַן - וואָקזאַל איז געווען באַלויכטן, דאָרט איז געזעסן אַ מענטש ביי אַ שרייב - טישל. שמואל האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר.

— אַריין! — האָט זיך אָפּגערופן אַ קול. שמואל איז אַריין אין קאַנצעלאַריע.

— זייט מוחל, כ'וואָלט נישט געקאָנט באַקומען ביי אייך עפּעס צו טרינקען?

— דאָרט אין ווינקל — האָט דער מאַנספּאַרשוין געענטפערט, נישט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ. אין ווינקל איז געשטאַנען

אַ צעבער וואַסער מיט אַ טעפּעלע. שמואל האָט אָנגעהויבן טרינקען. דער טעם פֿון וואַסער האָט זיך איצט אים אויסגעוויזן פּרעכטיק, ער האָט געטרונקען און געטרונקען, ביז ער איז מיד געוואָרן. דערנאָך איז ער שטיין געבליבן, געוואַרט אַ מינוט. לסוף האָט ער זיך גישט דרייסט אָפּגערופֿן:

— זייט מוחל...

— הא?

— כ'בין טויט-הונגעריק. כ'ווייס אַליין נישט וויפֿל טאָג כ'האָב שוין נישט געגעסן.

— אָה, אין דעם איז עס געגאַנגען! — האָט זיך דער באַאַמטער געבייזערט — טראָגט זיך אָפּ!

— איר האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען — האָט שמואל אַ פֿאַרצווייפֿלטער אַרויסגעשטאַמלט.

— געגאַנגען! — דער באַאַמטער האָט געשריגן — מיר דאַרפֿן דאָ נישט קיין בעטלער!

בעטלער! דאָס וואָרט האָט שמואלן ווי געטאָן שטאַרקער ווי אַ קלאַפּ מיט אַ בייטש.

— כ'בין נישט קיין בעטלער — האָט ער ווילד געשריגן. — איך — — אָבער דאָ איז אים די ווערטער פֿאַרפֿרוירן געוואָרן אויף די ליפּן, ווייל ער האָט געוואָלט אַרויסשרייען:

— כ'קאָן באַצאָלן.

רויט פֿון בושה איז ער אַרויס פֿון דער קאַנצעלאַריע. ער האָט זיך געשוואוירן, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט בעטלען, אָן אונטערשיד וואָס ס'זאָל מיט אים נישט געשען. ער וועט נישט נעמען אין זיין מויל קיין אויסגעבעטלט ברויט.

פֿאַרן וואָקזאַל איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ, דורכגעקרייצט מיט טראַמוויי-שינעס. שמואל האָט זיך פֿאַרקערעוועט אין אַ ברייטער גאַס אַריין, וואָס האָט געפֿירט אין שטאָט אַריין. ער האָט זיך געפֿילט שרעקלעך אָפּגעשוואַכט און פֿאַרמאַטערט. ער איז אַריין אין אַ פֿינסטער טויער, אַוועקגעלייגט זיך אויף דער ערד און אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ ביי דער וואַנט. ער איז אַנדרימלט געוואָרן אויף אַ מינוט. אָבער ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז

שוין געווען גרויסער טאָג. אויף דער גאַס איז שוין געווען אַ לעבהאַפטע באַוועגונג.

שמואל האָט זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער ביי אַ ברונעם און זיך געפילט בעסער. דערנאָך איז ער אַריין אין אַ אָרעם געסעלע. עפּעס אַ קרעמער האָט גראָד אויפגעמאַכט זיין געוועלב. שמואל האָט דערזען אין פענסטער פרוכטן און ברויט, דער הונגער האָט זיך ביי אים געוואַלדיק פאַרשטאַרקט. ר׳האָט געפרעגט דעם קרעמער וועגן אַרבעט, אָבער יענער האָט נאָר אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

שמואל איז געגאַנגען ווייטער. איצט האָט מען שוין אומעטום געעפנט די געוועלבער. ער איז אַריין אין יעטוועדן געוועלב און געפרעגט וועגן אַרבעט, אָבער אומעטום האָט מען אים אָפּגעזאָגט. דער ריח פון די פרישטיקן, פון געבאַקענעם פלייש, קאַווע און פריש ברויט, האָט זיך געריסן אין זיינע נאָז-לעכער. ער האָט צענויפגעדריקט די פויסטן, פערהאַקט מיט די ציין. ניין, ער וועט נישט בעטלען, ער מוז געפינען אַרבעט.

אַזוי איז אַוועק דער פרימאָרגן. שמואל האָט זיך געפרעגט אין די גרויסע און אין די קליינע געוועלבער וועגן אַרבעט. טייל-מאָל פלעגט מען אים געבן אַ העפלעכן ענטפער, אָבער טיילמאָל — אַ בייזן. אָבער אַרבעט האָט ער אין ערגיץ נישט געפונען. ר׳איז אַדורך געגאַנגען לעבן סחורה-מאַגאַזינען, וואו מענטשן האָבן געלאַדעוועט פאַרשידענע סחורות אויף פורן. ר׳איז געווען זיכער, אַז דאָ וועט ער געוויס קריגן אַרבעט. האָט ער זיך געווענדט צו איינעם פון די טרעגער מיט זיין פראַגע.

— ס׳וויפלטע מאָל דאַרף איך אייך זאָגן, אַז ס׳איז דאָ נישטאָ קיין אַרבעט?

— מיר האָט איר נאָך דאָס אַפילו קיין איין מאָל נישט געזאָגט — האָט שמואל ערנסט אָפּגעענטפערט.

— לאָזט מיך געמאַך. ר׳זענט דאָ אַזוי פיל אַז ס׳איז שווער אייך אונטערצושיידן!

— „איר זענט אַזוי פיל" — שמואל האָט זיך איצט דער-מאָנט, וויפל אָרעמע מענטשן ר׳האָט היינט באַגעגנט אין גאַס-

האָבן זיי אויך געזוכט אַרבעט און נישט געקאָנט געפינען? און אפשר האָבן זיי געבעטלט, און האָבן גאָרנישט באַקומען.

אַ שרעקליכע אימה האָט זיך אַריינגעגנבעט אין זיין נשמה. ער האָט זיך צוגעקוקט צו די דורכגייער. טייל פון זיי האָבן אויסגעזען צו זיין גוטהאַרציקע מענטשן. זיי וואָלטן אים זיכער עפּעס געהאָלפן, ווען זיי זאָלן וויסן זיינע צרות. אָבער ווי אַזוי קאָנען זיי זיך וועגן דעם דערוויסן, וויבאַלד ער בעטלט נישט?

לסוף איז ער אַרויסגעקומען אויף דער פּאַרשפּאַט. ער האָט זיך געפרעגט אין פּריוואַטע הייזער וועגן אַרבעט, אָבער דאָ האָט ער אויך נישט געפונען. ס'איז אָנגעקומען מיטאָג-צייט. דורך די אָפענע טירן איז אַרויס דער ריח פון פריש געקאָכטע מאכלים. שמואל האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די ריחות און איז אַוועק צוריק אין שטאָט. ער האָט זיך געפילט וואָס אַמאָל שוואַכער, זיין שרעק איז וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן. אינגיכן וועט ער אינגאַנצן אויסגעשעפּט ווערן פון די כוחות, אַזוי אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט קענען אַרבעטן.

שמואל האָט נישט געוואוסט אַז אָט אין דער ציוויליזירטער וועלט זאָל אַ מענטש קאָנען שטאַרבן פון הונגער. ר'האָט נישט געוואָלט גלויבן אין דעם. דער בלויזער געדאַנק וועגן דעם האָט אים איבערגעשראָקן. וואָס וועט מיט אים זיין? וועלן מענטשן דערלאָזן אַז ער זאָל שטאַרבן אויף די נאַקעטע שטיינער? און אפשר איז טאַקע ערגעץ פאַרהאַן אַזאַ אָרט, וואו מ'לאָזט מענטשן שטאַרבן פון הונגער?

דער טאָג איז אַדורך און שמואל האָט נישט געפונען קיין אַרבעט. עטליכע מענטשן האָבן אים געעצהט ער זאָל גיין אויפן דאָרף, דאָ אין דער שטאָט וועט ער זיכער נישט געפינען. ווייזט אויס, אַז ס'איז אין שטאָט נישט געווען עפּעס אין אָרדענונג, אָבער קיינער האָט אים נישט קלאָר געמאַכט, ווי אַזוי דאָ האָט אויסגעזען די לאַגע.

שמואל האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען די גרויסע שטאָט. ביי אַנדערע באַדינגונגען וואָלט ער זיכער דאָס אַלץ שטאַרק באַוואונדערט. ער איז פאַרביי גרויסע וואָלקנקראַצערס, טראַמווייען,

פייערלעשער און אנדערע וואונדערבארע זאכן. ער האט אויך געזען א מענגע פאבריקן, ריזיקע קוימענס, א מחנה שווארצע פאר־קאפטשעטע געביידעס. ער איז אויך געווען אין ארבעטער־קוואר־טאל, וואו בלייכע קינדער האבן זיך געשפילט פאר ברודיקע הייזלעך. די גאסן זענען פול געווען מיט שווארצען שטויב, און כאטש ס'איז ערשט געווען מאי, האט דארט געברענט ווי אום זומער.

דורך אן אייזערנער בריק איז שמואל אריבער דעם טייך. די גאס איז געווען ברייט — אן אלייע. פרעכטיקע געביידעס זענען געשטאנען אויף בערגלעך. דא האבן אוודאי געוואוינט די רייכע. שמואל האט באוואונדערט די פראכט. לסוף איז ער שטיין געבליבן פאר א ריזיקן פארק, וואוהין מ'איז אריין דורך א גרויסן שטיי־נערנעם טויער, מיט א אויפשריפט „פערוויו".*) דער פארק איז געווען ארומגערינגלט מיט א הויכן אייזערנעם פארקאן. ער האט אריינגעקוקט אינעווייניק און געזען גאוהדיקע פאוועס שפאצירן אויפן גראז. אין דער טיף איז געשטאנען א ווייסער פאלאץ.

שמואל האט נאך מער דערפילט די לערקייט אין זיין מאגן. דא וועט ער זיכער געפינען ארבעט. ער איז אריין אין אן אלייע פון פארק. אז ר'איז שוין באלד געווען ביים ווייסן פאלאץ, איז צוגעקומען צו אים א מענטש, וואס האט אונטערגעגאסן די בלומען.

— וואס פארלאנגט איר דא? — האט ער אויף אים אנ־געשריגן.

- כ'זוך ארבעט — האט שמואל געענטפערט.

— ווילסט קריגן אין דער מארדע? וואס זוכסטו דא, צו אלדע שווארץ יאר?

— וואס האב איך דען געטאן? — האט שמואל פארוואונ־דערט געפרעגט.

— אוועק, דו שלעפער!

---

*) אויף ענגליש — פראכטפולער אנבליק.

שמואל האָט זיך אָפּגעדרייט און איז אַוועק.

שלעפּער! -- האָט ער פאַר זיך איבערגעחזרט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיינע מלבושים. זיי זענען געוועזן פאַרבלאָטיקט פון יענעם פאַל אין רינשטאָק. ס'מאַכט אַ שלעכטן איינדרוק. איינס איז שמואל געווען זיכער — אַז אין דעם קוואַרטאַל וועט ער זיכער נישט באַקומען קיין אַרבעט. און ער איז צוריק אַריבער די בריק.

ס'איז פינסטער געוואָרן, מ'האָט פאַרמאַכט די געוועלבער. שמואל איז געווען זיכער, אַז די נאַכט מוז ער שטאַרבן. אַ ווילדער יאוש האָט אים אַרומגענומען. ער איז אַריין אין ערשטן באַלויכטענעם לאָקאַל, וואָס ר'האָט נאָר געטראָפן אָפן. ס'איז געווען אַ שענק. דער זאַל איז געווען ליידיק, נאָר ביים בופעט איז געשטאַנען אַ מענטש אָנגעטון אין ווייסן.

— כ'בין נישט קיין, בעטלער! — האָט שמואל אויסגעשריגן.

— וואָס? — האָט געפרעגט דער מענטש פון יענער זייט בופעט.

— כ'זאָג, אַז כ'בין נישט קיין, בעטלער, כ'וועל אייך באַצאָלן. כ'שטאַרב פאַר הונגער. כ'מוז עסן!

— האַלאָ, יונגערמאַן — האָט דער שענקער געלאַכט — איר מאַכט עס גאַנץ פיין, ר'קאָנט זיין אַן אַקטיאָר. אָט דאָרט פאַרשטופט אייך דאָס מויל.

— וואָס? — האָט שמואל אַרויסגעשטאמלט, נישט פאַרשטאַנעין וואָס ער זאָגט.

— עסט—האָט דער שענקער אים אָנגעוויזן אויף אַ טיש מאכלים. ער איז שיער נישט משוגע געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו פרעסן, ווי אַ ווילדע חיה, געשלונגען אַלץ, עטלעכע מינוט האָט ער אַזוי געגעסן אָן אויפהער. דער שענקער האָט זיך אים ניי געריק צוגעקוקט. לסוף האָט ער באַמערקט:

— נו, ס'וועט שוין אפשר זיין גענוג.

— וואָס?

שמואל האָט געוואַלט נעמען נאָך עסן.

— גענוג — האָט דער שענקער געזאָגט — ס'וועט זיין פאַר אייך בעסער, כ'זע אַז אייער געשיכטע איז אַ אמתדיקע, אַ קליינע הפסקה וועט אייך גאָרנישט שאַטן.

שמואל האָט געוואָרפן אַ גיריקן בליק אויף די מאכלים, ער האָט געוואָלט עסן וואָס מער

— קומט אַהער דאָ — האָט אים צוגערופן דער באַלעבאָס — וואָס איז מיט אייך געשען?

— מ'האָט מיך פאַרמאַכט אין אַ ליידיקן משא - וואַגאָן.

— הם, דאָס איז גאר אַ נייעס. ווילאנג זענט איר געווען דאָרט פאַרמאַכט?

— וואָסער טאָג איז היינט?

— פרייטאָג.

— מ'האָט מיך פאַרמאַכט מיטוואָך אינדערפרי. כ'האָב גע־מיינט, אַז ס'האָט נאָך לענגער געדויערט.

— אוודאי איז שוין געווען גענוג לאַנג — האָט זיך אָפּגע־רופן דער באַלעבאָס.

— מ'האָט מיך באַשווינדלט אויך — האָט שמואל דערציילט ווייטער — עפּעס אַ מענטש האָט מיר צוגענומען מיין גאַנץ געלט.

פלוצלינג האָט ער זיך פאַרשעמט.

— מיינט נישט, אַז כ'בין אַ בעטלער. כ'וועל אַרבעטן. כ'וועל אייך פאַר אַלעם באַצאָלן

— פיין, פיין. דאָס דאַרפט איר אייך שוין נישט דאגהנען.

— אפשר וואָלט איך געקאָנט ביי אייך אָפּאַרבעטן? האָלץ האַקן?

— מיר ברענען דאָ נישט מיט האָלץ.

— אפשר אַרומרוימען?

שמואל האָט זיך אומגעקוקט אַרום זאַל. ס'איז נישט געווען איבעריק ריין — כ'וועל וואַשן די פאָדלאָגע, גוט?

— מ'וואַשט זי יעדן טאָג באַגינען.

— אַז איר וועט לאָזן, וועל איך מאָרגן קומען און וועל עס מאַכן — האָט שמואל געבעטן — כ'וועל זיכער קומען.

— גלייבט מיר — האָט דער באַלעבאָס געשריגן — הערט מיך, פאַרלאָזט אונזער שטאָט. אין לאָקמעגוויל איז נישט מעגלעך צו געפינען ארבעט.

שמואלן איז אַדורך אַ שוידער.

— לאָקמעגוויל — האָט ער איבערגעחזרט.

— וואָס, איר ווייסט נישט וואו איר געפינט זיך?

— כ'האָב נישט געוואוסט. לאָקמעגוויל. דאָ זענען דאָך דאָ גרויסע גלאָז-הוטעס?

— אוודאי.

— און דאָ האָט געלעבט דער אַלטער העגרי לאָקמען אמת?

— וואָס פאַר אַ שיכות האָט איר צו אים?

— גאָרנישט — האָט שמואל געענטפערט — נאָר מיין פאָטער האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנץ געלט אין די אונטערנעמונגען און ער האָט אַלץ פאַרלוירן.

— צום טייוול!

— אפשר וואָלט איך באַקומען ביי זיי ארבעט, ווען כ'זאָל אַהין צו זיי?

— אפשר. אָבער די פאַבריקן זענען פאַרמאַכט.

— פאַרמאַכט? — האָט שמואל אויסגערופן — אוודאי צוליבן טויט פון אַלטן לאָקמען.

— ניין, די פאַבריקן זענען יעדן זומער פארמאַכט. דאָס יאָר האָט מען זיי שוין פאַרמאַכט אין מערץ. די צייט איז אַ שלעכטע.

— אָך!

— דערפאַר זוכן דאָ אַזוי פיל מענטשן ארבעט — האָט דער שענקער צוגעגעבן. כמעט אַלע פאַבריקן שטייען, די וועבערייען אַרבעטן אויך ווינציקער.

— כ'פאַרשטיי.

— דער אַלטער לאָקמען האָט שטענדיק געטענעט, אַז ס'איז דאָ צופיל גלאָז-הוטעס. אָבער די פאַבריקאַנטן ביי וועמען ר'האָט

אָפּגעקויפט זייערע פאַבריק, האָבן אויסגעמויערט נייע. אַזוי זעט עס דאָ אויס.

אַ קורצע ווײַלע האָבן ביידע געשוויגן. לסוף האָט שמואל צוגעגעבן:

— כ׳וועל קומען מאָרגן, אויף זיכער.

— גוט, גוט — האָט דער שענקער געענטפערט — ר׳זאָלט נאָר נישט פאַרגעסן.

אין זאַל זענען אַריין עטלעכע געסט. דער באַלעבאָס האָט געזאָגט צו שמואלן:

— איצט גייט.

שמואל האָט עס גערן געטון, ער האָט זיך דערמאָנט אַז ער געפינט זיך אין אַ שענק, אַ נעסט פון געהיימניספולן לעבן. ער איז אַרויס אויף דער גאַס, אַ דין רעגנדל האָט געטראָפּט. וואָס האָט ער געקאָנט איצט אָנהייבן טאָן? האָט ער געטראַכט. זינט ער האָט אָפּגעגעסן איז ער געוואָרן שטאַרקער, ס׳איז אים געוואָרן וואַרעמער. אָבער שטיין אונטערן רעגן און נאַס ווערן, האָט אויך אוודאי נישט קיין זינען. ער האָט געפונען אַ פינסטער טויער און האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל.

לאָקמענוויל! וואָס פאַר אַ מאָדנער צופאַל! און אין אָט דער שטאָט זענען געווען הונדערטער אַרבעטסלאָזע. דאָס אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן שמואלן מאָדנע און שרעקלעך. ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז די פאַבריקאַנטן זאָלן לאָזן הונגערן זייערע אַרבעטער, אָט אַזוי, ווי ער האָט געהונגערט? מענטשן וואָס זיי אַליין קענען זיי פאַרזענלעך? איז עס מעגלעך אַז די פאַבריקאַנטן זאָלן זיך איבערגעבן נאָר זייערע אייגענע מסחרים און זאָלן נישט דאגהנען וועגן גורל פון די אַרבעטער?

דער באַלעבאָס פון שענק האָט אים געעצהט אַז ער זאָל פאַרלאָזן די שטאָט. אָבער ווי אַזוי? צו וועט מען אים לאָזן פאָרן אומזיסט מיט דער באַן, אויב ער וועט דערציילן זיין לאַגע? אָבער אפשר וועט ער געפינען איבערן וועג אַן אַרבעט? היינט האָט זיך אים איינגעגעבן עפּעס צו עסן, אָבער דורך אויסבעטלען. צי וועט ער דאַרפן ווייטער בעטלען?

פלוצלינג האָט ער דערהערט טריט. עמעץ האָט זיך דערנענ־טערט צום טויער און געפּרוווט עפענען. שמואל האָט צוריקגע־צויגן א פיס.

— האַללאָ! — האָט יענער אויסגערופן — ווער איז עס?

- נאָר איך אליין — האָט שמואל געענטפערט.

— שטעלט אייך אויף—האָט יענער באַפוילן.

שמואל איז אויפגעשטאַנען. פלוצלינג האָט אים אָנגעכאַפּט אַ האַנט פארן קאָלנער.

— ווער זענט איר?

איידער ער האָט נאָך באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, איז ער צוגעשלעפּט געוואָרן צו דער לאַמטער.

— ווידער אַ שלעפער — האָט אַ קול געבורטשעט, און שמואל האָט מיט שרעק געזען אז ער איז אין די הענט פון אַ פּאָליציאַנט.

— כ׳בעט אייך — האָט דאָס יינגל אַרויסגעשטאַמלט — כ׳האָב דאָך גאָרנישט געטאָן קיין שלעכטס.

— קום מיט מיר! — האָט דער פּאָליציאַנט באַפוילן.

— וואוהין?

דער פּאָליציאַנט האָט אים געשלעפּט אַלץ כסדר נישט רעדנ־דיק קיין איין וואָרט. אַ שרעק האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— איר וועט דאָך מיך אוודאי נישט אַרעסטירטן — האָט ער געטענעט פאַרצווייפלט.

— פאַרשטייט זיך, פאַרוואָס זאָל איך דאָס נישט טאָן?

— כ׳האָב דאָך גאָרנישט געטאָן קיין שלעכטס, כ׳קאָן דאָך גאָרנישט דערפאַר, וואָס...

ער האָט זיך געפּרוווט אַרויסרייסן פון פּאָליציאַנטס הענט, אָבער ער האָט אים געשטיקט מיט זיין שווערע לאַפּע.

— דו ווילסט, כ׳זאָל דיך דערהרגענען — האָט געפרעגט דער פּאָליציאַנט.

שמואל האָט זיך געלאָזט שלעפּן. ער האָט אינגאַנצן גע־ציטערט. טרערן פאַר חרפה זענען גערונען אויף זיינע באַקן. מ׳חצט אים איינזעצן אין תפיסה!

— וואָס איז דאָס? — האָט געפרעגט דער פּאָליציאַנט — דאָס מאַכסטו אַזעלכע קולות?

— איר האָט נישט קיין רעכט מיך צו אַרעסטירן — האָט שמואל געוויינט — כ'האָב גאָרנישט געטון קיין שלעכטס. כ'האָב נישט געהאַט וואו צו גיין, נישט געהאַט קיין פּרוטה אין קעשענע. וואָס בין איך שולדיק?

— וועסט עס דערציילן דעם ריכטער — האָט געענטפערט דער פּאָליציאַנט.

— אָבער זאָגט מיר, וואָס האָב איך געזינדיקט!

— פּאַרמאַך ס'מויל! — און דעם פּאָליציאַנטס לאַפּע האָט ווידער אַ דריק געגעבן שמואלן. דאַן איז שוין שמואל אַנטשוויגן געוואָרן.

## V.

אין פּאָליציי-צירקל איז אויף אַ שטול געזעסן אַ דיקער פּאָליציי-באַאַמטער און צוגעדרימלט.

— ווידער אַ שלעפער — האָט געמאָלדן דער פּאָליציאַנט, ווי ס'וואָלט זיך נישט געלוינט איבערצוועקן צוליב אַזאַ קלייניקייט די הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייט.

— וואָס האָט ער געטון?

— געשלאָפן אונטער אַ טויער — האָט דער פּאָליציאַנט געמאָלדן.

שמואל האָט שוין פאַרשטאַנען, ווי איבעריק ס'זענען אַלע זיינע פּראָטעסטן. מיט שווייגנדיקער פאַרביטערונג האָט ער זיך איבערגעגעבן דעם גורל. ער האָט געענטפערט אויף די געשטעלטע פראגן:

— שמואל פּרעסקאָט, זיבעצן יאָר, געבוירן אין אייבעקאָרן, ערד-אַרבעטער, קיינמאָל נישט באַשטראָפט.

— גוט

דער פּאָליציי - באַאַמטער איז ווייטער זינט לאָפן געוואָרן. שמואלן האָט מען אַוועקגעפירט, באַזוכט און אַריינגעשליידערט אין אַ קאַמער. און די אייזערנע טירלעך פון דער תפיסה האָבן זיך רוישיק פאַרקלאַפּט.

יעצט איז ער געוועז אַליין מיט זיינע ליידן. דאָס איז געווען דער העכסטער שטאַפּל פון זיין ערנידערונג. פריער האָט ער געמוזט בעטלען, דערנאָך האָט מען אים איינגעזעצט אין תפיסה. יעצט איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, וואָס ס׳געשעט מיט די הונגעריקע אַרבעטסלאָזע.

ער איז געלעגן אויפן שטרויזאַק און זיך צעוויינט. פּלוצלינג האָט ער זיך אַ ריס געטון פון אָרט. פון דער שכנותדיקער קאַמער האָט זיך דערטראָגן אַ געשריי, אַ איבערגעשראָקן מוראדיק קול, מער ענלעך צום געשריי פון אַ ווילדער קאַץ, ווי צו אַ מענטשן - שטימע. שמואל האָט אונטערגעהערט. ס׳האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. פון דער צווייטער זייט קאָרידאָר האָט זיך אָפּגערופן אַ קול:

— פאַרמאַך ס׳מויל, מכשפה!

די תפיסה האָט זיך יעצט פאַרוואַנדלט אין אַ משוגעים - הויז. אַ פרוי! שמואל האָט דעריקענט, אַז דאָס איז געווען אַ פרויען שטימע, זי האָט ווילד געשריגן, געזידלט, שמואל האָט נאָך אין זיין לעבן נישט געהערט אַזעלכע שרעקלעכע, עקלהאַפטע ווערטער. ער האָט זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט אַז ס׳עקזיסטירט אַזאַ שמוץ אויף דער וועלט. ווערטער האָבן זיך געשיט ווי מיסט פון אַ מיסט - קאַסטן — און אָט דער גאַנצער ברוד איז געווען פון אַ פרויען מויל.

דאָס שרייען האָט געדויערט אַ צען מינוט. שמואלן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס גאַנצע שיינקייט און הייליקייט פון דער וועלט, איז שוין אויף אייביק פאַרשוואַכט, באַשפּיגן. ס׳איז אַנגעקומען דער תפיסה - וועכטער און האָט געמאַכט אַ ביסל אָרדענונג. און ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן.

שמואל האָט זיך ווידער אַנידערגעלייגט. אין אַ מינוט אַרום האָט ער ווייטער עפּעס אַנטדעקט. ער האָט דערפילט אַ שרעקלעך בייסעניש, אַז ר׳האָט זיך געמוזט קראַצן אויף אַלע זייטן. ער האָט דערזען, אַז ער ליגט אויף אַ ליידיקן שטרוי - זאַק פול מיט וואַנצן. ער האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט מיט ווילדן כעס. קיינמאָל האָט ער נאָך אַזויגס נישט איבערגעלעבט. זייער הויז איז פעווען תמיד ריין. דאָס איז שוין געווען דער העכסטער שטאַפּל גוין געמיינקייט — מ׳האָט אַריינגעוואָרפן אַ אומבאַהאָלפענעם מענטש אין אַ ברודיקן לאָך, וואו די לייז וועלן אים אויפפרעסן.

אינדערפרי האָט מען אים אַריינגעבראַכט קאַווע מיט אַ שטיקל ברויט, דערנאָך האָט מען אים אָפּגעפירט אין פּאָליציי-געריכט.

דאָס, איז געווען אַ גרויסע, אויסגעווייסטע שטוב. צווישן פּובּליקום האָבן זיך געפונען צוויי פּאָליציאַנטן, עטלעכע הערן זענען געזעסן ביי אַ טיש און געשריבן. די אַרעסטאַנטן זענען געשטאַנען פאַר שטענדערס, פאַרפינסטערט און טעמפּ געקוקט פאַר זיך. איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי זיך געשטעלט פאַרן ריכטער, אַרויסגערעדט עטלעכע ווערטער מיט אַ האַלב מויל און צוריק אַוועק צום שטענדער. די זעלבע צערעמאָניע, וואָס מיט הונדערטער יאָרן צוריק. דער עלטערער גראָער ריכטער האָט אויסגעזען ווי אַן איבערגעטועגער פּאַרמעגלעכער סוחר.

לסוף איז געקומען די ריי אויף שמואלן. ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט פאַרן ריכטער. מ׳האָט פאָרגעלייענט זיין נאָמען און אין וואָס ער ווערט באַשולדיקט:

— שלעפּעריי.

— אַלזאָ? — האָט דער ריכטער מעכאַניש געפרעגט — וואָס קאָנט איר אונז דערציילן וועגן דעם?

שמואל האָט טיף אָפּגעזיפצט:

— כ׳בין גאָרנישט שולדיק, מיין הער — האָט ער אָנגעהויבן.

— הער ריכטער — האָט אים אויסגעבעסערט דער פּאָליציאַנט.

— הער ריכטער! מיין גאַנץ געלט האָב איך אָנגעוואוירן. כ׳האָב געזוכט אַרבעט, הער ריכטער.

— איר האָט דאָ באַקאַנטע אין שטאָט?

— ניין, הער ריכטער.

— ווי לאַנג זענט איר שוין דאָ?

— ערשט פון נעכטן אָן, הער ריכטער.

— ווי אַזוי זענט איר דאָ אַהערגעקומען?

— אין אַ משא־צוג, הער ריכטער.

— כ׳פאַרשטיי, איר זענט אָבער געקומען אין אַ נישט פּאַסיק אָרט. מיר דאַ, אין לאָקמענוויל, ווענדן אָן אַלע מיטלען אָפּצוריייניקן די שטאָט פון שלעפּערס. דרייסיק טאָג. דער ווייטער־דיקער!

— הער ריכטער — האָט שמואל זיך געשטיקט.

— דער ווייטערדיקער! — האָט דער ריכטער איבערגעחזרט.

דער פּאָליציאַנט האָט זיך שוין געגרייט אַרויסצופירן שמואלן. ער האָט געשריגן אַ פאַרצווייפלטער:

— הער ריכטער, פאַרשפּאַרט מיך נישט אין תפיסה! — ער האָט זיך געריסן פון פּאָליציאַנטס הענט און געוויינט:

— כ׳בין נישט שולדיק! כ׳בין אַן אָרנטלעכער מענטש כ׳האָב נאָר געזוכט אַרבעט. כ׳האָב גאָרנישט געטון קיין שלעכטס, איר טייט מיך, וויבאַלד איר פאַרשפּאַרט מיך אין תפיסה. האָט רחמנות! האָט רחמנות!

דער פּאָליציאַנט האָט אים געשלעפּט, אָבער אין זיין קול איז געווען אַזוי פיל אויפריכטיקער האַרציקייט, אַז דער ריכטער האָט אַ זאָג געטון:

— וואַרט נאָר!

— צי בין איך דען שולדיק, וואָס מ׳האָט מיך באַגנבעט? — האָט שמואל גיך אַרויסגעוואָרפן די ווערטער פון זיין מויל. ער האָט געוואָלט יעצט אויסנוצן די געלעגנהייט. — וואָס האָב איך דען געקאָנט מער טון, ווי זוכן אַרבעט? כ׳בין ערצויגן געוואָרן אָרנטלעך, הער ריכטער. ווען מיין פאָטער וואָלט געלעבט, וואָלט ער געשטאָרבן פאַר צער, הערנדיק אַז איך זיץ פאַרשפּאַרט אין תפיסה. ער האָט מיך ערצויגן צו אַרבעט.

— ווער איז געווען אייער פאָטער?

— ער האָט געהייסן אפרים פּרעסקאָט, אַ פּאַרמער, איך קאָנט אין אייבאַקאָרן זיך נאָכפרעגן ביי אַלע איינוואוינער וועגן אים. אָ, ווען ער וואָלט דאָ איצט געווען. וואָלט ער אייך געזאָגט, אַז כ׳האָב מיר נישט פאַרדינט אויף תּפיסה! ער איז געווען אויף דער באַפרייאונגס - מלחמה, פיר מאָל געווען פאַרוואונדעט.

אַ מינוט האָט געהערשט אַ שטילקייט. דערנאָך האָט דער ריכטער געפרעגט:

— אין וועלכן פאָלק האָט אייער פאָטער געדינט?

— אין זיבעטן, אין פענסילוואַנישן.

— פאָרזיכטיק, יונגערמאַן — האָט דער ריכטער שטרענג באַמערקט — פרווט מיך נאָר נישט אָפּצונאַרן.

— כ׳וועל אייך נישט אָפּנאַרן, הער ריכטער, — האָט זיך שמואל פאַרטיידיקט.

— צו וועלכער בריגאַדע האָט געהערט דער זיבעטער פּעני־סילוואַנישער פאָלק?

— צו דער דריטער, הער ריכטער.

— ווער איז געווען קאָמענדאַנט פון דער בריגאַדע?

— גענעראַל אַנדערסאָן — אָבער נאָר, ביז צו דער שלאַכט ביי טשאַנסעלאָרסוויל, אין וועלכער ער איז געהרגעט געוואָרן. מיין פאָטער האָט אָנטיילגענומען אין דער שלאַכט.

— איך בין דאָרט אויך געווען — האָט דער ריכטער גע־זאָגט.

— מיין פאָטער פלעגט מיר אָפט דערציילן וועגן דער שלאַכט. זיין בריגאַדע איז געשטאַנען ביים רעכטן פליגל. ביי זיי איז געווען צוויי ריי שיסגרובנס, און די אויפשטענדיקע האָבן געמאַכט אַ קאַוואַלעריע - אַטאַק. זיי האָבן אַטאַקירט צוועלף מאָל אין משך פון איין טאָג. זייערע באָמבעס האָבן אַרויסגעריסן די גרעסטע ביימער פון דער ערד. דער פאָטער האָט מיר דערציילט, אַז קיינמאָל האָבן נאָך די אויפשטענדיקע נישט געקעמפט אַזוי פאַרביסן, ווי דעמאָלט.

— כ׳ווייס עפּעס וועגן דעם — האָט דער ריכטער צוגע־שטימט — כ׳האָב אויך געהערט צו זיי.

אלע אָנוועזנדע האָבן געלאַכט. שמואל האָט זיך שטאַרק פאַררויטלט.

— אַנטשולדיקט, הער ריכטער — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— גוט — און דער ריכטער האָט ערנסט צוגעגעבן:

— צוליב די פאַרדינסטן פון אייער פּאָטער, וועלן מיר נאָך אייך עפּעס העלפן. אָבער מער זאָלט איר אייך שוין דאָ נישט ווייזן!

— כ׳וועל זיך שוין מער נישט ווייזן, הער ריכטער — האָט שמואל גיך געענטפערט. דערנאָך האָט ער ביטער געפרעגט:

— וואָס זאָל איך איצט טון?

— פאַרלאָזן לאָקמענוויל!

— ווי אַזוי? כ׳האָב דאָך נישט קיין איין פּרוטה! ווען איר, הער ריכטער, וואָלט מיר אָנגעוויזן ערגעץ וואו אַן אַרבעט...

— ליידער, קאָן איך שוין נישט. דריי מענטשן האָב איך שוין געגעבן די וואָך אַרבעט. כ׳ווייס שוין מער נישט וועגן פרייע ערטער.

— וואָס וועל איך ערשט — — — — ?

— נאַט אייך אַ דאָלאַר.

— הער ריכטער, כ׳וויל נישט נעמען ביי אייך קיין געלט.

— איר וועט מיר אים קאָנען אָפּשיקן, ווען איר וועט געפינען אַרבעט.

און דער ריכטער האָט אים דערלאַנגט אַ דאָלאַר-באַנקנאָט.

— נאַט אייך! דער אַרעסטאַנט איז פריי. דער ווייטער-דיקער!

שמואל האָט באַהאַלטן דעם דאָלאַר און זיך אָנגעהויבן דערווייטערן. פון טיש האָט זיך אָפּגערוקט אַ הער, וואָס איז געזעסן לעבן ריכטער.

— מעג איך אייך איבעררייסן אַ מינוט?

— ביטע זייער, הער פּראָפעסאָר — האָט דער ריכטער געענטפערט.

— איך וועל אפשר קאָנען שאַפן אַרבעט פאַר אָט דעם יונגנמאַן.

— דאָס וואָלט געווען זייער גוט.

— ער ווייזט אויס צו זיין אַ פעיקער בחור. ער איז ווערט מען זאָל אים מיט עפּעס העלפן.

— גאַר פיין, שמואל! דער הער דאָס איז פּראָפעסאָר סטיואַרט פון לאָקמען־אוניווערזיטעט.

שמואל האָט געקוקט אויפן פּראָפעסאָר. דאָס איז געווען אַ קליינגעוויקסיקער מענטש מיט אַ עלעגאַנטן אויסזען, ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצע באָרד און בריל אין גאָלדענע ראַמלעך.

— דאָס איז מיין וויזיט־קאַרטע — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — זייט ביי מיר מאָרגן אינדערפרי. כ'וועל זען, וואָס כ'וועל קאָנען, וועל איך פאַר אייך טון.

— אַ דאַנק — שמואל האָט געהאַלטן די וויזיט־קאַרטע, און מיטאַמאָל האָט ער דערפילט אַז דער פּאָליציאַנט האַלט אים שוין נישט ביי דער האַנט, אַז ער איז פריי. ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס פון זאַל.

— אַ פריילעך געשעעניש — האָט זיך אָפּגערופן דער פּראָפעסאָר.

— יאָ, אַפילו דאָ מאַכט זיך אויך פון צייט צו צייט עפּעס פריילעכס — האָט דער ריכטער געענטפערט.

שמואלס האַרץ איז פול געווען מיט פרייד. איצט האָט ער נאָך אויף עפּעס אויסזיכטן. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן אַדורכצודרינגען דורך דער דיקער וואַנט פון דער וועלט און געפינען ערגעץ אַ שטיקל רחמנות און מענטשלעכקייט. אָט די דערפאַרונג האָט אים בלויז אָפּגעקאָסט, אָבער מער וועט זיך עס שוין נישט איבערחזרן.

ער איז געגאַנגען לענג אויס דעם טייך, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ שטילער געגנט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים ברעג, אויסגעטון זיך און אָנגעהויבן זיך אַרומוואַשן. כמעט אַ האַלבע שעה האָט ער געריבן זיין קאָפּ מיט זאַמד, צוגעקעמט די האָר מיט די פינגער. דערנאָך האָט ער זיך געגומען צו די מלבושים. דעם איינציקן שענדלעכן אָנדענק וואָס איז פאַרבליבן פון תפיסה, האָט ער באַדאַרפט פאַרטרייבן פון אַלע שפּירן.

אַז ער האָט געענדיקט צו וואַשן די מלבושים, האָט ער זיך אָנגעטאָן און אַוועק אין שענק, וואו ר'האָט געגעסן דעם פֿאַריקן אָוונט.

— האַלאָ — האָט אויסגערופֿן פֿינגגען, דער אייגנטימער פֿון שענק, ווען ער האָט דערזעען שמואלן — איר זענט טאַקע געקומען?

— כ'בין געקומען אייך דערציילן, פֿאַרוואָס כ'בין היינט אינדערפֿרי נישט געקומען צו אייך. כ'האָב נישט געקאָנט, מ'האָט מיך אַרעסטירט.

— צום טייוול — האָט דער שענקער געלאַכט — נו יאָ, ס'איז געווען אַ פֿייכטע נאַכט.

— כ'וועל קומען מאָרגן — האָט שמואל געזאָגט, נישט פֿאַרשטאַנענדיק דעם שענקערס וויץ.

— וואָלסט גלייכער געטון, מיין קינד, ווען וואָלסט אַוועק פֿון אונזער שטאָט — האָט אים דער שענקער געעצהט.

— כ'בין שוין פֿאַרזאָרגט. דער ריכטער האָט מיר געגעבן אַ דאָלאַר.

— הם, אַ דאָלאַר דויערט נישט אייביק.

— אמת. אָבער מ'האָט מיר צוגעזאָגט אַרבעט, איינער אַ הער. דער פּראָפֿעסאָר סטיוואַרט פֿון אוניווערזיטעט.

— דעם פֿאַרשוין קען איך. אַ קליין מענטשל מיט אַ שוואַרצער באָרד.

— יאָ — האָט שמואל געענטפֿערט.

— כ'האָב געזען זיין פֿאָטאָגראַפֿיע אין אַ אילוסטרירטער ציי־טונג — האָט אים דער שענקער ערקלערט — ער איז אַ גרויסער רעפֿאָרמיסט, אומעטום שטופּט ער אַריין זיין נאָז.

— דערפֿאַר טאַקע איז ער אפֿשר געווען אין געריכט — האָט זיך שמואל אָפּגערופֿן.

— זיכער. ער איז אַ פּראָפֿעסאָר פֿון סאָציאָלאָגיע, צי ווי אַזוי הייסט עס דאָרטן. ער מיינט אַז ער קען זיך אויף פּאָליטיק. אָבער ביי די לעצטע וואַלן איז ער אַדורכגעפֿאַלן. אַ דאַנק אונז טאַקע.

— ווער איז דאָס דער „אונזי“? — האָט שמואל געפרעגט.

— אונזער פּאַרטיי, די דעמאָקראַטן, פאַרשטייט זיך. די רעפּאַרמיסטן זענען שטענדיק רעפּובליקאַנער, די סמעטענע פון דער געזעלשאַפט און אַזוי ווייטער. דאָס הייסט, די רייכע פּרעסערס, וואָס גליען זייער אייגן אייזן אין פייער. דער פּראָפעסאָר איז געווען אַ פּריינט פון אַלטן לאָקמען, און לאָקמען האָט געהאַלטן ס׳גאַנצע לאַנד אין זיינע הענט. מיט דריי יאָר צוריק איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטרייק, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסער ווירקונג אויף דער גאַנצער אינדוסטריע. אַ סך וואַסער וועט נאָך אָפּלויפן, איידער אין לאָקמענוויל וועט הערשן די רעפּאָרמיסטן-פּאַרטיי.

— כ׳פאַרשטיי — האָט שמואל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— די רעפּאָרמיסטן מאַכן געוואַלדן אויף די שענקער און אַזוי ווייטער. אָבער ווען די רעפּובליקאַנער זענען געווען ביים רודער האָבן מיר געצאָלט אַזוינע קליינע שטייערן ווי היינט. אָבער וועגן דעם דאַרפט איר נישט דערציילן דעם פּראָפעסאָר.

— אַוודאי נישט — האָט שמואל געענטפערט.

— וואָס טראַכט איר איצט צו טון?

— כ׳וויס נישט, קודם כּל וואָלט איך געוואָלט עפּעס עסן.

— טרינקט אויס אַ גלעזל ביר און בייסט עפּעס צו פון טיש.

— כ׳וואָלט בעסער נישט געוואָלט דאָס אייך טון — האָט שמואל צעמישט געענטפערט.

— אויב אַזוי, טאָ אויף ווידערזען — האָט געלאַכט פון אים דער שענקער.

— כ׳וועל קומען מאָרגן אינדערפרי.

און שמואל איז אַרויס פון שענק.

## VI

ער האָט געקויפט ביי אַ בעקער אַ ברויטל און איז אַריין אין גאָרטן עסן. ברויט איז געווען דאָס ביליקסטע עסן, און אים

איז דער עיקר געגאַנגען אין דער צאָל. עס האָט זיך אָנגערוקט די נאַכט, מ׳האָט געדאַרפט אַ טראַכט טון וועגן אַ נאַכטלעגער. ער האָט נישט געהאַט קיין באַגריף וועגן האָטעלן און אַכסניות, ער איז דעריבער געגאַנגען צום אַרבעטער קוואַרטאַל, נישט דרייסט געשפּאַצירט און זיך אומגעקוקט. ביי אַ שוועל פון אַ טויער איז געשטאַנען אַ עלטערע פרוי, מיט אַ דאַר אויסגעמאַטערט פּנים. זי האָט אויסגעזען זויבער און פריינטלעך. שמואל איז שטיין געבליבן.

— אפשר וואָלט איר מיר געקאָנט אָנווייזן, וואו כ׳וואָלט דאָ געקאָנט דינען אַ צימערל?

די פרוי האָט אויף אים פאַרשנדיק אַ קוק געטון.

— אויף ווי לאַנג?

— כ׳ווייס נאָך נישט, יעדנפאַלס דערוויל נאָר אויף איין נאַכט. און אויב כ׳וועל דאָ געפינען אַרבעט, איז אויך אויף אַ לענגערער צייט.

— אַרבעט אין לאָקמענווייל? — האָט די פרוי אומגלויבלעך געפרעגט.

— מ׳האָט מיר צוגעזאָגט אַרבעט.

— ביי אונז דאָ איז זייער ווינציק אַרבעט — האָט די פרוי געזאָגט — פריער האָב איך געהאַט אָפּגעגעבן צוויי פון מיינע צימערלעך. אַז מ׳האָט פאַרמאַכט די גלאָז-הוטע, האָבן זיך די לאָקאַטאָרן פון מיר אַרויסגעצויגן. איינער פון זיי איז מיר נאָך שולדיק געבליבן דריי דאָלאַר.

— איך... איך קאָן נישט צאָלן קיין סך — האָט שמואל אַרויסגעשטאַמלט.

— קומט אַריין אין שטוב — האָט די פרוי געענטפערט.

שמואל איז איר נאָכגעגאַנגען. ער האָט איר דערציילט זיין לעבנס-געשיכטע. דערנאָך האָט זי אים דערציילט אירע.

זי האָט געהייסן סטידמען. איר מאַן האָט געאַרבעט אין דער גלאָז-הוטע, אַפילו גאַנץ שיין פאַרדינט — אין גוטן סעזאָן פינף דאָלאַר אַ טאָג. אָבער ער האָט געדאַרפט אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן ביים קעסל מיט גליענדיקער פליסיקייט. די אַרבעט איז געווען אַן אַנ-

געשטרענגטע, אַ געפערלעכע. איינמאָל האָט ער באַקומען אַ קאָפּ־ערשיטערונג, ער איז אַרויפגעפאַלן אויף די אָנגעגליטע שטיקער און זיך שטאַרק אָפּגעבריט ס׳פּנים. מ׳האָט אים איבערגעפירט אין שפּיטאָל, און דאָרט האָט ער פאַרלוירן אַן אויג. אָבער ער האָט געמוזט באַלד זיך צוריק אומקערן צו דער אַרבעט כדי צו קענען ערנערן דאָס בני - בית, בפרט, אַז מ׳האָט אײַנגיכן געזאָלט פאַרמאַכן די פאַבריק. האָט ער זיך צו פרי אומגעקערט צו דער אַרבעט און דערפאַר איז די וואונד פאַראומרייניקט געוואָרן, און ער איז געשטאָרבן, אויסגעגאַנגען פון אַ בלוט פאַרגיפטונג.

— יאָ, דאָס איז געווען פאַר צוויי יאָר — האָט די פרוי דערציילט — און מיר האָט מען קיין פּרוטה אַנטשעדיקונג נישט געגעבן. קוים וואָס מיר לעבן דורך. דאָס יאָר איז אַ ערגערס ווי ס׳איז געווען ביז יעצט. מענטשן זאָגן אַז דאָס איז צוליב דער פּאַניק וואָס הערשט היינט אין לאַנד. מ׳פאַרמאַכט איין פאַבריק נאָך דער אַנדערער.

— די מענטשן מוזן דאָ אַ סך ליידן צוליב דעם — האָט שמואל געזאָגט.

— קינדער האָב איך דריי — בלויז מיידלעך, איינע איז איצט אין דער עלטער וואָס זי קאָן פאַרדינען, זאָפּיע הייסט זי, זי אַרבעט אין דער שפּינערײַ, וואָס מ׳האָט יעצט מיט אַ חו״ש צוריק געעפנט. מ׳זאָגט אַז מען וועט דאָס יאָר אַרבעטן אין אַ קלענערן מאַסשטאַב ווי אַלעמאָל. איך אַליין ניי, כ׳טו וואָס כ׳בין נאָר בכוח, פונדעסטוועגן קלעקט אונז נישט אויף צו עסן.

שמועסנדיק אַזוי אָט מיט דער פרוי, האָט שמואל פאַרגעסן זיינע אייגענע דאגות. ער אַליין האָט אויך געשטאַמט פון אָרעמקייט, אָבער אַזאַ אָרעמקייט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. דער גאַנצער קוואַרטאַל איז באַוואוינט געווען מיט אַזעלכע אביונים, וואָס זענען געזונקען אין אָפּגרונט, נישט געפינענדיק קיין אַנדערן אויסוועג, נאָר ווי קעמפן מיטן דלות ביזן סוף לעבן. פרוי סטידמען האָט נאָך דערציילט שמואלן וועגן אירע שכנים — און דער אָטעם האָט זיך אים דערפון פאַרהאַלטן. לעבן איר האָט געוואוינט די פאַמיליע פאַיסער, דער מאַן האָט געקרענקט אויף אַ

ראַק, שוין צוויי יאָר ליגט ער אין בעט, און אין שטוב איז דאָ פינף קינדער. קייגנאיבער האָבן געוואוינט די ראַטשינסקיס, פּאָלאַקן, דאָרטן זענען געווען דריי דערוואַקסענע זין, פעיקע צו אַרבעטן. אַ געוויסע צייט איז זיי געגאַנגען נישט שלעכט. זיי האָבן זיך אַפילו שוין געקאָנט קויפן אַ גראַמאָפאָן — אָבער שוין דריי חדשים ווי זיי זענען אָן אַרבעט.

זיינע אַלע פּאַסירונגען האָבן זיך שמואלן אויסגעוויזן אַ נאַרישקייט אין פאַרגלייך מיט אָט דער אָרעמקייט. ער האָט זיך פּשוט געשעמט וואָס ר'האָט עס זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרצן. און טאַקע — ווען ער האָט זיך מודה געווען פאַר דער פרוי סטידמען, אַז ער קערט זיך איצט אום פון אַ תפיסה, האָט עס אויף איר נישט געמאַכט דעם מינדסטן איינדרוק. אויך איר מאַן האָט מען אַמאָל איינגעזעצט בשעת אַ שטרייק, נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געפאָדערט פון אַ שטרייקברעכער, אַז ער זאָל פאַרלאָזן די אַרבעט.

מ'איז מושווה געוואָרן. שמואל וועט פאַר שלאָפן, אָנבייסן און אָוונט - ברויט דאַרפן צאָלן פינף און דרייסיק סענט אַ טאָג. אַז ער זאָל פאַרבלייבן לענגער, וואָלט ער געקאָנט פאַר פיר דאָלאַר אַ וואָך זיך איינאָרדענען מיט עסן און שלאָפן. אָבער פאַר איין דאָלאַר בלויז שלאָפן אָן עסן.

צוויי יונגע קינדער האָבן זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון שול, דאַרע איינגעשרומפּענע מיידלעך, זייערע קליידלעך זענען געווען צונויפגעניייט פון בלויז שטיקלעך. באַלד איז אויך אָנגעקומען זאָפיע. שמואל האָט געקוקט אויף איר מיט באַוואונדערונג, אין זיין געדאַנק האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט דערזען פאַר זיך, אַ קרעפּטיקע, יונגע מויד, אַזעלכע וואָס ער פלעגט באַגעגענען ביי זיך אויפן דאָרף. אָבער דאָ האָט ער דערזען אַ קראַנק קליינטשיק באַשעפעניש, וואָס האָט אויסגעקוקט אויף צען יאָר. זי איז געווען אַ שטילע, אַ צוריקגעהאַלטענע, געקוקט אויף שמואלן מיט גרויסע טונקעלע אויגן.

— דאָס איז שמואל פּרעסקאָט — האָט פאָרגעשטעלט די

מוטער — ער וועט ביי אונז היינט נעכטיקן, שפּעטער וועט ער אפשר דינגען אַ צימערל.

— גוט מאָרגן — האָט זאָפיע געזאָגט. זי האָט אראָפּגענומען ס'טיכל און זיך אָוועקגעזעצט אין אַ ווינקל.

תחילת האָט שמואל געמיינט, אַז זי טוט עס פּאַר אומ־דרייסטקייט, אָבער שפּעטער האָט ער באַמערקט, אַז זי איז פּשוט אַנידערגעפאַלן פון מידקייט. זי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף דער האַנט און גערירט זיך פון אָרט נאָר דעמאָלט, ווען זי האָט געמוזט.

אויף צומאָרגנס אינדערפרי איז שמואל אַוועק אין שענק אריין, און פיננעגען האָט פון אים שטאַרק הנאה געהאַט. ער האָט אַנידערגעקניט און געריבן די פּאָדלאָגע. שמואל האָט איר אַזוי גרינטלעך אָפּגעוואַשן, אַז זי איז נאָך קיינמאָל נישט אַזוי ריין געווען, זינט די שענק עקזיסטירט. דערנאָך האָט אים דער שענקער מכבד געווען מיט אָנבייסן. ער האָט עס גערן געגעסן, כדי וואָס ווינציקער צו עסן ביי די סטידמענס.

פּראָפעסאָר סטיוואַרט האָט נישט באַשטימט קיין שעה. ער האָט געוואוינט אין אַריסטאָקראַטישן שטאָט־קוואַרטאַל, אויף יענער זייט שטאָט. שמואל האָט דעריבער שוין אכט אינדערפרי אָנגעקלונגען.

— פּראָפעסאָר סטיוואַרט האָט מיר געזאָגט, אַז כ'זאָל ביי אים זיין — האָט ער געזאָגט צו דער דינסט.

דער פּראָפעסאָר איז נישטאָ, אַרויסגעפאָרן.

אַרויסגעפאָרן — האָט שמואל איבערגעחזרט.

אַרויסגעפאָרן קיין ניו־יאָרק. נעכטן האָט מען אים אומ־געריכט אַרויסגעפאָדערט.

— ווען קומט ער?

— ער ריכט זיך צו קומען איבערמאָרגן, אָבער ס'איז נישט זיכער.

שמואל האָט אַ פאַרזאָרגטער געקוקט אויף די דינסט.

— וואָס ווילט איר? — האָט זי געפרעגט.

— ער האָט מיר צוגעזאָגט אַרבעט.

— אַ, אויב אַזוי טאָ קומט שוין אין עטלעכע טעג אַרום זיך נאָכפרעגן. — שמואל איז געשטאַנען בײַ דער טיר און געשוויגן. די מויד האָט פאַרמאַכט די טיר און זיך אומגעקערט צו איר אַרבעט.

שמואל איז געשטאַנען ווי פאַרטויבט. יעצט האָט ער דערזען ווי ווינציק די וועלט אינטערעסירט זיך מיט זיין גורל. דער גרויסער געלערנטער האָט שוין וואַרשיינלעך אינגאַנצן פאַרגעסן אָן אים.

ער האָט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי וואַרטן. אַ פּחד איז אים באַפאַלן בעת ער האָט געטראַכט וועגן זיין לאַגע. זיין פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון זעכציק סענט. ער קאָן שוין נישט לענגער פאַרבלייבן בײַ דער פרוי סטידמען. שמואל האָט איר אַלץ דערציילט, און זי האָט אים געעצהט אָט וואָס:

לעבן הויז האָט זיך געפונען אַ שטיקל ערד, אינגאַנצן פאַרשאָטן מיט ליידיקע פּודעלעך פון קאָנסערוון. אַז שמואל זאָל עס וועלן אָפּרייניקן און פאַרזייען די ערד, וועט זי אים געגעבן דערפאַר עסן. ער האָט געבאָרגט אַ לאָפּאַטע און שמואל האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט.

ס'זענען אַדורך צוויי דריי טעג און דער פּראָפעסאָר איז נאָך אַלץ נישט געקומען. דאָס איז געווען שבת אין אָוונט. שמואל איז געזעסן אויף די טרעפּ און זיך אָפּגערוט נאָך דער שווערער אַרבעט. לעבן אים איז געזעסן זאָפיע מיט פאַרמאַכטע אויגן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן דער מויער. די נאַכט איז געווען אַ הערלעכע, אַ וואַרעמע, דאָס מיידל האָט פאַמעלעך דערפילט אַ צאַרטע רויקייט. און ס איז געווען אַזוי, אַז זאָפיע האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט שמואלן.

— איר האָט ליב מוזיק? — האָט זי אים געפרעגט.

— יאָ, זייער ליב.

— נישט יעדער האָט ליב מוזיק; כ'מיין די אמתע מוזיק אַזוי ווי ס'שפּילט זי פרידריך.

— כ'ווייס נישט, — האָט שמואל געענטפערט — ווער איז דאָס דער פרידריך?

איינער פון מיינע חברים, אַ דייטש. זיין טאַטע איז אַ צייכנער אין אַ דיוואַנען - פאַבריק. פרידריך ברעמער שפּילט אויף פידל.

— כ׳וואָלט אים זייער גערן געוואָלט הערן.

— איר ווערט קאָנען גיין מיט מיר. איך גיי דאָרט יעדן זונטאָג נאָך מיטאָג. אין מיטן וואָך האָב איך נישט קיין צייט.

אויף צומאָרגנס האָט שמואל זיך באַקענט מיט די ברע־מערס. זייער הייזל האָט זיך געפונען אונטערן שטאָט, אַרומגע־רינגלט מיטביימער, דאָרטן זענען אַפילו אויך געוואַקסן בלומען. דאָס הייזל איז געווען זייער קליין, ניין קינדער האָבן עס אינגאַנצן פול געמאַכט. יאָהאַן, דער פאָטער איז געווען אַ הויכער מענטש, ער האָט געהאַט אַ רויט פּנים מיט אַ שטעכנדיקער טשופּרינע. אין שטאָט האָט מען פון אים נישט געהאַלטן, מ׳האָט אים גערופן „סאָ־ציאַליסט". שמואל האָט אַבסאָלוט קיין באַגריף נישט געהאַט וועגן דעם. די פרוי ברעמער איז געווען אַ קליינטשינקע, פון די גרויסע צאָל געבורטן איז זי געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט. אינטערעסאַנט האָט שמואלן אויסגעוויזן דער פופצניעריקער פרידריך, אַ בלייך בחורל מיט אַ אַסקעטישן אויסזען, מיט געקרייזלטע האָר אין שוואַר־צע אויגן.

פאַר דער משפּחה ברעמער איז די מוזיק געווען ממש אַ הייליקייט. דער פאָטער האָט געשפּילט אויף פאָרטעפּיאַן דער צווייטער זון אויף אַ וויאָלאָנטשעל. בשעת מ׳האָט געשפּילט, איז ס׳גאַנצע בני בית, אַפילו די קליינע קינדער, געזעסן מיט ברייט צעעפנטע אויגן, ווי אין חלום.

שמואל האָט נאָר געקענט טעלעכע „פּאַטריאָטישע" לידלעך, טעלעכע כאָר געזאַנגען און טאַנץ מעלאָדיעס. אָבער די מוזיק וואָס ער האָט יעצט דאָ דערהערט, האָט געעפנט פאַר אים נייע האָריזאָנטן אין זיין לעבן. ער האָט זיך איינגעהערט מיט באַוווּנ־דערונג און דרך - ארץ. וואָס פאַר אַ ליידן און ווילדע בענקשאַפט, וואָס פאַר אַ צער זייער שפּילן האָט דערוועקט אין דער נשמה! פרידריך האָט זיך געלערנט ביים טאַטן. דאָס ציען מיטן בויגן איז נישט אַלעמאָל געווען גלייך, מיט די הויכע טענער איז נאָך

אָפּטמאָל געווען פאַר אים שווער. שמואל האָט זיך אָבער אַבּ־סאָלוט נישט פאַרשטאַנען אויף דעם, ער האָט נאָר געטראַכט וועגן דער מוזיק. עס איז איבעריק געווען אים דאָ קלאָר צו מאַכן, דאָ זענען בכלל איבעריק געווען קאָמענטאַרן, פון אַ יאָר הונדערט האָבן געערדט ערשט צו אים די נשמות פון בעטהאָווען און שובערט, זיי האָבן אויפגעדעקט יעצט פאַר אים די שיינקייט פון דער גייסטיקער וועלט, די וועלט, וואו די מענטשהייט שפּאַנט מיט נישט זיכערע טריט.

שמואל האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין צופרידנקייט, און די ברעמערס האָבן דערפון הנאה געהאַט. אין דער געגנט האָבן זיי ווייניק געפונען פאַרערערס. זיין באַוואונדערונג האָט זיי דערהויבן ווי מיט פליגל, זיי האָבן נאָך געשפּילט אַ גאַנצן מיטאָג, דערנאָך האָבן זיי פאַרבעטן שמואלן מיט זאָפיען אויף וויעטשערע, כדי זיי זאָלן שפּעטער ווייטער קאָנען הערן שפּילן.

— איר דאַרפט זיך ווידמען דער מוזיק — האָט ער געזאָגט צו שמואלן ביים עסן — ביי אייך ווייזן זיך סימנים פון אַ געבוירענעם קינסטלער.

אַזאַ אָוונט־ברויט, ווי מ'האָט דאָ דערלאַנגט, האָט שמואל שוין לאַנג נישט געזען. אויף אַ גרויסן טעלער איז געלעגן קאַלט פלייש, אַ שיסל הייסע יויך, געקאָכטע קאַרטאָפל, אַ גרויסע צאָל שטיקלעך ברויט האָבן פול געמאַכט דעם טיש. ס'איז אויך געשטאַנען אַ וואונדערבאַרער דייטשישער „פּודינג" און צו שמואלס גרויסן וואונדער — האָט מען נאָך אויך דערלאַנגט אַ קרוג ביר. יאָהאַן האָט מכבד געווען די געסט מיטן ביר, אַז זיי האָבן אָפּגעזאָגט, האָט ער איינער אַליין אויסגעטרונקען די גאַנצע קרוג. נאָכן עסן איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. פרידריך האָט ווידער אָנגעהויבן שפּילן אויפן פידל. די פיינלעכע בענקשאַפט, וואָס די פידל־טענער האָבן אַרויסגעוויינט, האָט שמואלן דערלויבט אַריינצודרינגען אין דעם לעבן פון אָט דער דייטשישער פאַמיליע. דער פאָטער איז געווען אַ גוטהאַרציקער, אַ סענטימענטאַלער, אָבער אַ פּראָזאַאישער מענטש, די מוטער איז תמיד געווען פאַרפאָרעט מיט די

קינדער. פרידריכס נשמה האָט אויך געליטן איי אַט דער סביבה — וי האָט זיך געריסן צום לעבן

אין דיוואַנען-מסחר האָט זיך נעפאָדערט אַ גרויסע צאָל פאַרשידנאַרטיקע מוסטערן. יאָהאַן ברעמער האָט געמוזט גאַנצע טעג זיצן ביים צייכן-ברעט און צייכענען מיט פאַרבן קליינע פירעקן. פאַר אָט דער אַרבעט האָט ער באַקומען יעדע וואָך דרייסיק דאָלאַר, פרידריך האָט פאַרן העלפן באַקומען צוועלף. אַ געהאַלט איז עס געווען אַ גאַנץ שיינער. דער פאָטער האָט געטריבן דעם זון אויסצוגעפינען וואָס אַמאָל מער מוסטערן. אָבער פרידריך האָט פיינט געהאַט די אַרבעט, שטענדיק געחלומט וועגן מוזיק. פאַר אים איז די מוזיק געווען נישט סתם אַ טרוים, נאָר עפּעס אומענדלכעס, אַ קאַמף פאַר באַפרייען זיך פון דער קנעכטשאַפט פון אָט דער וועלט. אויך דער אַלטער ברעמער איז יונגערהייט געווען אַזעלכער, דעמאָלט ווען ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, ביז וואַנען דער יאָך פונם פאַמיליען-לעבן האָט אים געמאַכט געזעצטער. קיינער האָט עס נישט געקאָנט דערציילן. דאָס האָט נאָר אַרויסגעקלונגען פון די טענער פון פרידריכס פידעלע. שמואל האָט דערקענט די טראַגעדיע פון אַן אַ:דערנס נשמה. זאָפיע האָט געשלונגען די קלאַנגען, איר פנימל איז געוואָרן לעבהאַפטער, דער אָטעם האָט זיך באַוועגט האַסטיקער און טיילמאָל האָט זי אָפּגעווישט אַ טרער פון אויג.

אויפן וועג אַהיים האָט זי זיך אָפּגערופן צו שמואלן:

— כ'ווייס נישט צי ס'איז גוט פאַר מיר, איינצוהערן זיך אין אַזאַ מוזיק.

— פאַרוואָס? וויבאַלד איר פילט זיך דערביי גליקלעך?

— יאָ, גליקלעך, אָבער דערנאָך אומגליקלעך, ווייל עס וועקן זיך ביי מיר פאַרשידענע פאַרלאַנגען. איך ווער אומצופרידן, וואָס אַמאָל ווערט מיר שווערער די אַרבעט אין דער פאַבריק.

— וואָס אַרבעט איר דאָרט? — האָט שמואל געפרעגט.

— כ'בין דאָס, וואָס מען רופט אַ שפּולן-מיידל, איך פעסטיק צו דעם פאָדעם צו די ליידיקע שפּולן.

— איז דאָס אַ שווערע אַרבעט?

— שווער איז עס נישט. נאָר מ׳באַדאַרף אַ גאַנצע צייט דערבײַ שטיין און שטענדיק טון ס׳זעלבע דורכן גאַנצן גרויסן טאָג. דאָס מאַכט דעם מענטש צו נאַר, פאַרטעמפּט דעם געדאַנק. די לופט אין דער פאַבריק איז פול מיט שטויב און די מאַשינען קלאַפּן כסדר. סוף כל סוף געוויינט מען זיך צו דערצו; אָבער גוט איז עס נישט.

אפשר אַ מינוט זענען זיי אַזוי געגאַנגען אין שווייגעניש, פלוצלינג האָט זאָפיע אים אַ פרעג געטון:

— צי האָט איר הנאה זיך איינצוהערן פאַרשידענע זאַכן?

— יאָ!

— איך האָב עס אויך גערן געטון, ווען כ׳בין נאָך קליין געווען.

— און פאַרוואָס טוט איר עס נישט ווייטער?

אויף שמואלן האָבן אירע רייד געמאַכט אַן איינדרוק, גלייך זי וואָלט שוין געווען אַן אַלטע פרוי.

— די אַרבעט מאַטערט מיך צופיל אויס. אין מיין שטיבל האָב איך אַ סך בילדלעך אויף די ווענט, כ׳האָב זיי אויסגעשניטן פון אילוסטרירטע צייטשריפטן, וואָס מ׳פלעגט מיר שענקען. אַ סך בילדלעך שטעלן פאָר גאַנץ שיינע זאַכן, פייגעלעך, בלומען, אַלטע שלעסער, שיינע פרויען. כ׳דערצייל מיר אַליין די געשיכטע פון אָט די בילדלעך. איך רעד מיר איין, אַז כ׳לעב דאָרט, ווו עס געשען אָט די אַלע מעשהלעך, אָט דאַכט זיך מיר, אַז עס געשעט מיט מיר עפּעס וואונדערבאַרס און אָנגענעמס גלייכצייטיק. אפשר חילט איר זען די בילדלעך?

-- זייער גערן!

— אָט וועגן די געשיכטעס חלום איך און דעמאָלט, ווען פרידריך שפּילט אויף זיין פידעלע, האַלט איך דאָס בילדל פון סיר גאַליבאַדאַ*) אין מיין האַנט. ער שטייט לעבן אַ פערד און האַלט אַ שווערד אין זיין האַנט. אַמאָל האָב איך געטרוימט וועגן אָט אַזאַ פירשט, ס׳האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אָט-אָט קומט ער מיך אוועקנעמען ערגעץ אין אַ ווילדעניש אַוועק, וואו ס׳איז נישטאָ די אַלע

*) אַ ריטער פון דער לעגענדע וועגן קעניג אַרטור און זיינע מקורבים

פאַבריקן. אָבער היינט גלויב איך שוין ניט אין דעם אַלעם.

— פאַרוואָס ?

— שוין צו שפעט. מיט מיר איז עפּעס נישט אין אָרדע-נונג. כ'דערצייל נישט קיינעם, ווייל די מאַמע וועט האָבן צער, נאָר כ'בין שטענדיק פאַרמאַטערט, דער קאָפּ טוט מיר תמיד וויי. ווען כ'בין אַליין קאָן איך נישט איינשלאָפן. אין מיינע אויערן רוישן כסדר די פאַבריק-מאַשינען.

— אוי — האָט שמואל מיט שרעק אַרויסגעשריגן.

— דאָס איז גאָרנישט, ס'איז גאָרנישט — האָט זי רויק געזאָגט. צו דעם איז נישטאָ קיין עצה. נאָר דעמאָלט ווען פרידריך שפּילט, גיט מיך עפּעס אַ כאַפּ אָן.

זיי זענען געגאַנגען ווייטער.

— פרידריך איז זייער אומגליקלעך — האָט זאָפיע נאָך אַ מינוט צוגעגעבן.

— איך גלייב — און שמואל האָט פּלוצלינג אַ פרעג געטון.

— איר וואָלט נישט געקענט קריגן עפּעס אַן אַנדערע אַרבעט.

— וואָס ? צו שווערע אַרבעטן בין איך שוואַך. און איבעריקנס, וו וואָלט איך דאָס געקאָנט פאַרדינען דריי דאָלאַר וועכנטלעך ?

— דאָס איז דען שוין אַזוי פיל ?

— יאָ, דאָס באַקומט מען אַז מ'אַרבעט כסדר:

— צי אָט די אַרבעט שוואַכט אָפּ אַלע מיידלעך ? איינע, וואָס איז היינט געווען ביי אייך זעט אויס אַ געזונטע און קרעפּטיקע.

— בערטיע, מיינט איר ? פאַר איר איז די אַרבעט אַ שפּילכעל. זי איז צוזאַמען מיט אירע עלטערן, הערט אויף צו אַרבעטן, ווען ס'גלוסט זיך איר. זי וויל נאָר פאַרדינען אויף אַ קליידל און אין טעאַטער אַריין.

— און די צוויטע, די וועלכע מ'האָט באַגעגנט היינט גייענדיק אין גאַס.

— כעלע דעוויס? מיט איר איז ווידער עפּעס אַנדערש ווי, זי איז נישט קיין ערלעך מיידל.

— נישט ערלעך? — האָט שמואל געפרעגט פאַרחידושט. נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און אַנטשוויגן געוואָרן. ס'איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין דעם סדר פון דער וועלט, ווי גוטע מענטשן זענען קראַנק און אויסגעדאַרט און שלעכטע מענטשן זענען געזונט און פריילעך.

— וואָס ווילט איר זאָגן — האָט שמואל איר לסוף געפרעגט.

זי לעבט מיט אַ יונגנמאַן..

שמואל האָט זיך שטאַרק פאַרויטלט. ווי אַזוי האָט ער דאָס געקאָנט שטעלן אַזאַ נאַרישע פראַגע? באַך אַ ווײַלע איז די פאַרשעמטקייט אַפּגעטרעטן און אים האָט אַרומגענומען אַן אימהדיקע פאַרוואונדערונג. אויף זאַפיען איז גאַרנישט געווען צו דערקענען. דאָס דרייצניעריקע מיידל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קינד פון צען יאָר, האָט געהערט אינגאַנצן פרייַ.

— איך פאַרשטיי — האָט שמואל אַרויסגערעדט מיט מאַטערניש.

— אַסך מיידלעך טון ס'זעלבע — האָט אים זאַפיע געגעבן צו פאַרשטיין. זיי ווייסן, אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט חתונה האָבן. מיין מאַמע זאָגט אַז זיי טון שלעכט.

ער איז געגאַנגען איבערן גאַנצן וועג אַ שווייגנדער, נישט געטראַכט מער וועגן דעם פאַרגעניגן פון דער מוזיק.

מאָנטיק אינדערפרי האָט שמואל זיך דערוואוסט, אז פראָפעסאָר סטיואַרט איז שוין צוריקגעקומען, איז ער אוועק צו אים, און דערווייל געזעסן אין ארבעטסצימער פון דעם גרויסן געלערנטן, וואָס האָט דערווייל אין א צווייטער שטוב געגעסן פרישטיק.

דאָס איז געווען א גרויסע שטוב, אָנגעהאָנגען מיט פאָליצעס ביכער. אין מיטן איז געשטאנען א טיש פול מיט ביכער און פאפירן. שמואל האָט זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, ס'זאָל זיין אויף דער וועלט אזוי פיל ביכער. ער האָט געקוקט אויף זיי מיט דרך=ארץ, געפילט, אַז אָט יעצט געפינט ער זיך ביים קוואל פון קענטעניש. פון זיין כאראקטער און פון זיין ערציונג, האָט ער תמיד געפילט א געוואלדיקע ערפורכט פאַר יעטוועדער אויטאָריטעט. ער האָט געגלויבט אין דער מאיעסטעט פון דער גערעכטיקייט. דערפאַר האָט אים אזוי וויי געטון, ווען ער איז אַרעסטירט געוואָרן. ער האָט געגלויבט, אַז דער קלויסטער איז גאָטס הויז און די גייסטלעכע די פירער פון פאָלק. און דאָ אויף דעם אָרט שטייט דער אוניווערסיטעט=בנין, און ער, דער פראָפעסאָר, אויף וועמען ער וואַרט, איז דורך די פירער פון זיין דור אויסגעוויילט געוואָרן פאַר דעם כהן=גדול פון דעם וויסנשאפטס=היכל. שמואל איז געווען אומגעווינלעך דאנקבאַר דעם פראָפעסאָר פאַר זיין גוטמוטיקייט. ער איז גרייט געווען יעדע עצה פון אים צוצונעמען מיט אונטערטעניקייט.

— אָך יאָ — האָט געזאָגט דער פראָפעסאָר און געווישט די בריל מיט זיין זיידן טאַשן טיכעלע — שמואל... און ווי אַזוי איז אייער צונאָמען? שמואל...

— פרעסקאָט, הער פראָפעסאָר.

— יאָ, יאָ, שמואל פרעסקאָט, און ווי אַזוי איז עס אייך דערגאַנגען איבער דער צייט?

— זייער גוט, הער פּראָפעסאָר.

— כ'האָב געוואָלט פאַר אייך איבערלאָזן אַ צעטעלע, אָבער כ'האָב פאַרגעסן וועגן דעם. כ'האָב געזאָגט זייער אַ סך אַרבעט, מיין אָפּפאָרן איז געווען אינגאַנצן איטגעריכט. איך... הם... איך מיין, אַז איר האָט אויף מיר נישט געוואַרט.

— כ'האָב נישט געהאַט מער וואָס צו טון, הער פּראָ־פעסאָר.

— ליידער מוז איך אייך מיטטיילן, אַז כ'האָב פאַר אייך גאָר נישט געקאָנט טון.

ביי שמואלן האָט זיך צונויפגעקאַרטשעט ס'האַרץ.

— זעט איר — דער פּראָפעסאָר איז געווען אין קענטי־קער פאַרלעגנהייט — מיין שוועסטער האָט געזוכט אַ גערטנער, אָבער זי האָט שוין צוגענומען אַן אַנדערן.

שמואל האָט אויסגעשטאַרצט די אויגן אויפן פּראָפעסאָר.

— און אַזוי ווי ער טויג זיך גאָרנישט שלעכט צו אָט דער אַרבעט — קאָן זי אים נישט אָפּזאָגן.

שמואל איז נאָך אַלץ געשטאַנען און כסדר געקוקט אויפן פּראָפעסאָר. דער פּחד און דער אומעט האָט ביי אים אָפּגענו־מען דאָס לשון.

— ס'טוט מיר זייער לייד, דאַרף איך אייך ערשט דען זאָגן דאָס? אָבער איך ווייס דאָך באמת נישט וועגן אַנדערע אַרבעט פאַר אייך.

— טאָ וואָס קאָן איך יעצט אָנהייבן צו טון?

— ס'איזווירקלעך שלעכט.

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. דערנאָך האָט שמואל שטיל געפרעגט:

— הער פּראָפעסאָר וואָס קאָן טון אַ מענטש, אַז ער איז הונגעריק און אַרבעטסלאָז?

— גאָט ווייסט — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט.

און ווידער איז שטיל געוואָרן, דעם ענטפער האָט דער גלויביקער שמואל אַליין זיך געקאָנט געבן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט דער פּראָפֿעסאָר איינגעזען, אַז זײַן ענטפֿער איז נישט געווען קיין באַפֿרידנדיקער.

— זעט איר — האָט ער אָנגעהויבן — דאָ, אין לאָקמענווייל הערשן אומגעוויינלעכע פֿאַרהעלטעניש. מ'האָט שוין גע=געפּרוווט צומאַכן דעם פֿלעשלעך=טרעסט, האָט ער דערפֿירט דערצו, אַז מ'האָט צוגעבויט נײַע פֿאַבריקן, און יעצט האָבן מיר דאָ אַן איבערפּראָדוקציע. אַ חוץ דעם איז יעצט נישט לאַנג ערפֿונדן געוואָרן אַ מאַשין, וואָס פֿאַרטרעט צוועלף אַרבעטער.

— און די צוועלף אַרבעטער וואָס וועלן יעצט טון?

— ביסלעכווייז רעגולירן זיך די פֿאַרהעלטעניש. די אַרבעטער וואַרפֿן זיך איבער אויף אַנדערע צווייגן.

— אויך די שפּינערייען אַרבעטן אין אַ קלענערן מאַסשטאַב.

— יאָ, ס'זענען אויך דאָ פֿאַראַן צופֿיל שפּינערייען.

— אויף אַזאַ אופֿן וועט לסוף אַלץ זײַן צו פֿיל.

— ווארשיינלעך. אין אמתן גייען נאָך אַרײַן אין חשבון די אויסלענדישע מערק. אָבער די אמתע סיבה שטעקט טיפֿער.

פּראָפֿעסאָר סטיוארט האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַ ווײַלע, ער האָט באַטראַכט שמואלן און דעמאָלט אפֿשר געפֿרעגט זיך אַליין: צי גייט נישט לאיבוד זײַן גאַנצע חכמה? אָבער שמואל האָט געקוקט נײַגעריק, אָנגעשטרענגט.

— אונזערע עקאָנאָמיסטן — האָט דער פּראָפֿעסאָר ווייטער גערעדט — האָבן מורא צו זאָגן דעם אמת: ס'איז דאָ צופֿיל מענטשן אויף דער וועלט.

שמואל האָט אַ ציטער געטון פֿאַר שרעק, אָט, דער אימהדיקער פֿאַרדאַכט איז אים אַליין אײַנגערעכטן געפֿאַלן אויפֿן געדאַנק.

— כ'פֿאַרשטיי — האָט ער איבערגעשראָקן געענטפֿערט — אָבער צי איז דען דאָס נישט שרעקלעך פֿאַר די, וואָס זענען איבער דער צאָל?

— דעם איינצלנעם מענטשן גייט ער זיך אַזוי אויס

אָבער פאַר דער גאַנצער מענטשהייט איז עס אַ טובה. אַזוי איז דער פּראָצעס פון לעבן.

שמואל האָט געשוויגן, אָבער זײַנע אויגן האָבן געבעטן: גיט עס מיר קלאָר צו פאַרשטיין...

— קוקט אײַך צו צו דער נאַטור, איר וועט זען ווי ס׳ווערן געבוירן אַן אומגעצײלעכע צאָל יחידים, וואָס קענען נישט דערגרייכן זייער פולקומענהייט. דער לאַקס לייגט מיליאָנען אייער, אויף יעדן צווייגל זענען פאַרהאַן הונדערטער שפּראָצונגען. אַט די אַלע איינצעלנע קומען פאַר זייער עקזיסטענץ, אָבער לעבן בלייבן נאָר די, וואָס זענען שטאַרקער און קאָנען זיך צופּאַסן צו די באַדינגונגען, דאָס זעלבע געשעט אויך מיטן מענטש, נאָר אויף אַזאַ אופן קאָן די מענטשהייט אָדער פאַרפולקאָמט ווערן, אָדער בלייבן שטיין בײַ איר יעצטיקע שטופע. די וואָס שטאַרבן זענען מקריב זייערע לעבנס פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

עס קאָן אפשר אויסקומען וווּנדערבאַר, אָבער שמואל האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט אַ זאַץ: „די פעיקערע דערהאַלטן זיך ביים לעבן". ער האָט יעצט איבערגעלעבט דאָס זעלבע. וואָס די דענקנדיקע וועלט, מיט זיבעציק יאָר צוריק. וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע געדאַנקען! ווי אַזוי זיי האָבן דאָס ארומגענומען דעם פלאַנטער פון דער וועלט! ווי פאַרשטענדלעך דאָס איז! הונדערטער פאַקטן האָט מען געקענט דערמיט פאַרגלייכן. און ער, שמואל, ער האָט נאָך קיינמאָל וועגן דעם נישט אַ טראַכט געטון. דער קאַמף פאַרן דאַזיין, דאָס לעבן פאַרן פעיקן!

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט שמואל אַנטדעקט די מוזיק, יעצט האָט ער אַנטדעקט די וויסנשאַפט. אָך, ווי וואונדערבאַר איז דער מענטשלעכער גייסט, וואָס קאָן צונויפנעמען די אומענדלעכע פאַרשיידנאַרטיקע לעבנס-געשעענישן און אויסדריקן זיי אין איין מענטשלעכן געדאַנק! שמואל האָט געפלאַמט פון באַגייסטערונג — כ׳פאַרשטיי — האָט ער איבערגעחזרט אַלץ כסדר — כ׳פאַרשטיי,

— דאָס איז דאָס געזעץ פונם לעבן — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט — קיינער קאָן זיך קעגן דעם נישט אַנטקעגנשטעלן.

— אַז מיר זאָלן פּרוּוון דאָס אַלץ איבערצוזאָגן ערשט. ווען מיר ווערן צום ביישפּיל פילאַנטראָפּן — האָט שמואל געפרעגט — וואָלטן מיר אויך געגאַנגען קעגן די נאַטור און געמאַכט נאָך ערגער?

— יאָ, געוויס אַזוי.

שמואל האָט טיף אָפּגעזיפצט. ווי פּשוט ס'איז אָט דער גאַנצער פּראָבלעם, אין ליכט פון דער וויסנשאַפט! אָ, ווי לאַנג ער ברעכט שוין זיין מוח, פּייניקט זיך, און דאָך איז ער תמיד געווען אין דער האַנט פון דער נאַטור. ס'איז גאָרנישט נייטיק געווען צו דענקען וועגן עפּעס. מ'האָט געקאָנט מיט יעדן פּראָבלעם זיך פאַרלאָזן אויפן גורל פון דער נאַטור.

— די נאַטור מאַכט קיינמאָל נישט קיין פעלערן — האָט דער פּראָפעסאָר ערקלערט שמואלן.

אין אָט דער נייער באַלויכטונג, איז שמואלס צופאַל געווען פאַרשטענדלעך.

— הייסט עס, אַז די אַרבעטסלאָזע זענען טאַקע אָט די, וואָס ווערן פאַרטיליקט אין קאַמף פאַר זייער עקזיסטענץ?

— יאָ — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט.

— און זיי שטאַרבן דערפאַר, ווייל זיי זענען נישט פעיק?

— יאָ, הערבערט ספּענסער האָט עס פאָרמולירט אויף אַזאַ אופן: די אומפעיקייט צו דערגרייכן עפּעס איז אַ באַווייז, אַז דער אידעאַל איז שלעכט אויסגעפירט געוואָרן. און אין אונזער אינדוסטריעלער געזעלשאַפטס-אָרדנונג וועט דער „עפּעס" פאַרשטאַנען אַלס אַרבעט.

— ווער איז דאָס דער הערבערט ספּענסער? — האָט שמואל געפרעגט.

— איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אויף דעם געביט.

— און דערפאַר — האָט שמואל ווייטער פילאָסאָפירט — זענען די אַלע וואָס געפינען אַרבעט, פעיקע מענטשן. און די

רייכע, די וואָס פאַרדינען מיליאָנען, זענען נאָך פעיקער.

— יאָ, יאָ־אָ.

— הייסט עס, אַז מיט דעם ווערט מיין פּראָבלעם אויך פשוטער: איך געפין נישט קיין ארבעט, מוז איך שטאַרבן.

דער פּראָפעסאָר האָט געוואָרפן אויף שמואלן א פאַרשנדיקן בליק. שמואלס אויפריכטיקייט איז געווען בולט. ער האָט נישט געטראַכט יעצט וועגן זיך אליין, יעצט האָט ער אַנטדעקט די רעכט פון לעבן.

— כ'בין שטאַרק צופרידן דערמיט, וואָס איר, הער פּראָפעסאָר, האָט מיך אין דעם אַלעם קלאָר געמאַכט — האָט שמואל געצויגן ווייטער — אָבער ס'וואָלט נויטיק געווען צו זאָגן דאָס זעלבע די טויזנטער מענטשן, וואָס מוזן שטאַרבן פון הונגער.

— צו וואָס וואָלט דאָס זיי גענוצט?

— זיי וואָלטן לסוף פאַרשטאַנען אַלץ. יעצט ליידן זיי, פאַרשטייען גאָר נישט. ווען מ'זאָל זיי אָבער געבן צו פאַרשטיין, אַז מ'איז זיי מקריב פאַר דער מענטשהייט? זיי וואָלטן דאָך אליין געמוזט איינזען, אַז ס'איז אַ געוואַלטיקער אונטערשיד.

— איך גלייב נישט, אַז די מענטשן וואָלטן עס אויפגענומען רויק — האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט מיט אַ לייכטן שמייכל.

— פאַרוואָס?

— וואָלט עס נישט מאָדנע געקלונגען אין מויל פון אַ מענטשן, וואָס האָט געהאַט ערפאָלג?

— ניין. כ'מיין אַז איר האָט רעכט אויף אייער ערפאָלג, נישט אמת?

— כ'מיין אַזוי.

— איר האָט געפונען ארבעט... — שמואל האָט זיך אַ ווײַלע געוואַקלט — כ'ווייס נישט ווי אַזוי אַ פּראָפעסאָר באַקומט ארבעט, נאָר כ'פאַרשטיי, אַז די פאַרמעגלעכע, די קלוגע און בעסערע מענטשן, געבן געלט אויפן אוניווערזיטעט. אמת?

— יאָ.

— און די מענטשן האָבן אויך אייך אויסגעקליבן?

ווידער האָט דער פּראָפעסאָר געוואָרפן אויף שמואלן אַ בליק. ער האָט געענטפערט:

— הם, יאָ, מ'קאָן עס אַזוי אויך פאַרשטיין

— דאָס איז אַ באַווייז, אַז איר האָט דאָס רעכט צו לערנען. איר קענט די זאַך רויק געבן צו פאַרשטיין, זאָגן דער מענטשהייט: — איר זענט דאָ צופיל, איר זענט נישט נויטיק, איר מוזט דעריבער שטאַרבן!

דער פּראָפעסאָר האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ:

— דאָס איז אוממעגלעך.

שמואל האָט, ווי זיין געוואוינהייט זיך פאַרטראַכט, געזוכט. לסוף האָט ער געפונען אַן אויסוועג.

— כ'פאַרשטיי — האָט ער אויסגערופן — כ'פאַרשטיי אין וואָס מיר נויטיקן זיך — מיר נויטיקן זיך אין טאַט!

— טאַט?

— יאָ, מיר, די געשלאָגענע, אַליין מוזן מיר זיך לערנען, לערנען פון אונזער אייגן לעבן. דאָס מוז זיין אַ מין גייע רעליגיעזע אויפלעבונג.

— איך זע נישט אין דעם קיין נויטווענדיקייט — האָט דער פּראָפעסאָר שמייכלענדיק צוגעגעבן, נישט ווילנדיק פאַראינטערעסירט.

— ווייל איר געהערט נישט צו אונז — האָט שמואל אויסגערופן נאָכאַמאָל — קיין שום זייטיקער מענטש קאָן אונז נישט פאַרשטיין, קיינער. לייכט איז צו געהערן צו די וואָס האָבן ערפאָלג אין לעבן. יעדער פון זיי האָט זיך אַ באַקוועמע וואוינונג געגנוג עסן, אַלץ וואָס ער באַדאַרף. ווער אָבער ס'האָט קיין ערפאָלג נישט אין לעבן, ווער ס'ליגט אויפן אָפּגרונט, דער הונגערט ליידט, קעלט און קראַנקהייטן. שטענדיקער טרויער, אַ פּחד, יאוש — אָבער איר קענט וועגן דעם גאָרנישט וויסן. איך קען דאָ אין דער שטאָט אַ מיידל, וואָס אַרבעט אין דער שפּינעריי, די אַרבעט טייט איר אָפּ, טייט איר לייב און נשמה און צו דעם אַלעם צו האָט זי נישט מער קיין אַרבעט ווי אויף אַ האַלבן טאָג. איר מאַמע מוז ערנערן די קינדער פון נייען — דאָס גאַנצע

ני-בית שטאַרבט אויס ביסלעכווייז פֿון הונגער. היינט האָבן זיי מיך גערופֿן צו זייער פּרישטיק, אָבער איך האָב זיי אָפּגעזאָגט, כ׳האָב געזען, אַז זיי האָבן נישט מער ווי ברויט מיט קאַרטאָפֿל, וואָס איז קוים גענוג געווען פֿאַר איין מענטש. דאָס פֿאַמעלעכע אויסראָטן, דאָס שטופֿנווייזע שטאַרבן פֿון הונגער געדויערט צו לאַנג. און אָט די מענטשן נאַרן זיך נאָך מיט האָפֿנונג. צי איז נישט אַזוי, הער פּראָפֿעסאָר? יענע מענטשן גענאַרן זיך נאָך אַלץ כסדר מיט דער האָפֿנונג, נאָר דערפֿאַר ווייל קיינער קומט זיי נישט זאָגן. „די וועלט איז איבערפֿולט, איר מוזט אַוועקגיין, כדי מיר זאָלן האָבן מער ערפֿאָלג“. צי זעט איר דען נישט, אַז איר שאַדט זיך אין אייערע צילן? אָט די אַלע מענטשן בלייבן לעבן, זיי געבויערן קינדער, וואָס אַמאָל מער קינדער, און אַלץ פֿאַרערגערט זיך, אָנשטאָט ס׳זאָל זיך פֿאַרבעסערן. עס הערשן קראַנקהייטן, פֿאַרברעכנס, די גאַנצע וועלט גייט אונטער. וואָס פֿאַר אַ זינען האָט די גאַנצע וועלט, וואָס איז ענלעך צו אָט דער שטאָט? אָרעמע הייזלעך, פֿול מיט שמוץ, קראַנקהייט, הונגעריקע, פֿאַרמאַטערטע מענטשן. איך פֿאַרשטיי גאָרנישט, ווי אַזוי איר, וואָס לעבט אין וואָוילטאָג, קאָנט פֿאַרטראָגן אייער אייגן לעבן, ווילאַנג עס עקזיסטירן אַזעלכע פֿאַרהעלטעניש.

— הם — האָט דער פּראָפֿעסאָר סטיוואָרט געזאָגט, געקוקט אויף שמואלן מיט פֿאַרזשמורעטע ברעמען. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, צי זאָל ער לאַכן צי זיך אויפֿרעגן. שמואל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין מער נישט וואָס צו טון ביים פּראָפֿעסאָר. יענער האָט אים דאָך שוין אויסגעלערנט אַלץ, וואָס ר׳האָט אים נאָר געקאָנט אויסלערנען. איבעריקנס איז דעם פּראָפֿעסאָר אויך שווער געווען צו פֿאַרשטיין, ער האָט געהערט צו יענער וועלט, צו דער וועלט פֿון וואוילטאָג. יענע מענטשן האָבן געהאַט זייערע פּראָבלעמען. דעם פּראָפֿעסאָרס אומפֿאַרשטענדלעכקייט איז נאָך קענטיקער געוואָרן ביי אָט די ווערטער:

— עס טוט מיר זייער לייד, וואָס כה׳אָב אייך געמוזט אַנטוישן, אַז כ׳וואָלט געקאָנט אייך אַרויסהעלפֿן מיט עפּעס געלט...

— ניין – האָט שמואל האַסטיק געענטפֿערט — איר טאָרט

נישט געבן קיין געלט. דאָס וואָלט געהייסן גיין קעגן דער נאַטור, דאָס וואָלט געהייסן פילאַנטראָפּיע.

— הם, יאָ, אָבער . . . איר האָט געזאָגט, אַז איר האָט נאָך היינט נישט געפרישטיקט. וואָלט איר נישט געוואָלט אַריינגיין אין קיך און דאָרט עפּעס עסן?

— וואָס פאַר אַ זינען האָט עס אָפּצושלעפּן דעם ענין? — האָט שמואל ווילד אויסגערופן — ווי באַלד איך וויל מיין נייע לערע באַוואוסט מאַכן, מוז איך דאָך צומערשט אָנהייבן פון זיך אַליין!

— מיט אַ ליידיקן מאָגן קאָן מען קיין דרשות נישט האַלטן — האָט דער פּראָפעסאָר זיך אָפּגערופן.

אָבער שמואל האָט אָפּגעענטפערט:

— די לערע מוז באַוויזן ווערן מיט דער טאַט.

נאָך די ווערטער האָט ער זיך דערווייטערט. פּראָפעסאָר סטיואָרט האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטישל, וואו ס׳איז געלעגן דער מאַנוסקריפּט פון זיין ריזן-ווערק „די מעטאָדע צו לינדערן דאָס שלעכטס. טעאָריע און דער פּראָגראַם”. דאָס אָנגעהויבענע זייטל האָט געטראָגן דעם טיטל: אַרבעטסלאָזיקייט און די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער געזעלשאַפט”. דער פּראָפעסאָר איז געזעסן איינגעבויגן איבער דעם טישל און אויף עס לאַנג געקוקט...

## *VIII*

שמואל איז געגאַנגען איבער אַ לאַנגער אַלעע און געטראַכט איבער זיין פּראָבלעם. זיין ערשטער ברען איז פאַרשוואונדן, פאַרשידענע שוועריקייטן זענען אַרויסגעשוואומען. שמואל האָט נאָך געגלייבט אין דער טעאָריע. ער האָט שוין אָבער געזען די שטערונג, ביי וואָס דאָס אויספירן וואָלט אָנגעטראָפן. ערשטנס וואָלט גאָרנישט אַזוי לייכט געווען דאָס פאַרשפּרייטן אָט די לערע. ווען מ׳זאָל מיט בלויזע ווערטער זי פאַרשפּרייטן, וואָלט מען דיך זיכער געהאַלטן פאַר אַ נויר, אָנווענדן עס ווידער אין טאַט, וואָלט-

עס גאָר נישט אזוי גיך פּאָפּולער געוואָרן, ווייל קיינער האָלט זיך וועגן דעם נישט דערוואוסט. אז ער זאָל אזוי למשל שטארבן די נאָענטסטע טעג פון הונגער? דעמאָלט וואָלט נאָר געווען איין מענטש ווינציקער אויף דער וועלט, און ווי ס׳ווייזט אויס זענען דאָך געווען אזוי פיל מיליאָנען „איבער דער צאָל“.

ווען ער האָט געשמועסט מיטן פּראָפעסאָר וועגן אָט דער טעאָריע, האָט ער בלויז פארגליכן אקייגן זיך אליין. יעצט האָט ער זיך פאָרגעשטעלט, ווי אזוי ס׳וואָלט געווען, ווען ער קומט אהיים, און זאָגט צו די פרוי סטידמען, אז זי דארף א סוף מאַכן מיט איר נוצלאָז מאַטערניש און פאר דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט דארף זי שטארבן צוזאמען מיט אירע דריי קינדער. ער האָט אליין תיכף געזעען, אז ער וואָלט דאָס נישט געקאָנט טון, אז אזא אויפגאַבע איז געווען איבער זיינע כוחות, אָן ספק, אז נאָר דערפאר, ווייל ער האָט אליין געהערט צו די אונפּעיקע. די אויפגאַבע וואָלט געקאָנט אויספירן א זעלכער, וואָס קאָן אינגאנצן נישט די סטידמענס, וואָס באַהאַגדלט די גאַנצע זאַך ריין וויסנשאַפטלעך.

איין צווייטע שוועריקייט האָט זיך אויסגעוויזן שמואלן נאָך באדייטנדער — טרייבט דען נישט אָט דאָס לעצטע צו זעלבסטמאָרד? וואָלט נישט געווען פאַר אים די פשוטסטע לעזונג פון אָט דעם „פּראָבלעם“, ווען ער זאָל זיך אָנבינדן א שטיין אויפן האַלז און אריינשפּרינגען אין וואַסער אַריין? שמואל האָט חרטה געהאַט, פאַרוואָס ער האָט נישט געשטעלט דעם פּראָפעסאָר די פראַגע. אָבער דערנאָך האָט אים דער בלויזער געדאנק איבערגעשראָקן. ער האָט זיך דערמאָנט, אז מ׳האָט געלערנט מיט אים, אז זעלבסטמאָרד איז א גרויסע זינד. ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דאָס איינטאָניקע, לאַנגווייליקע לעבן, וואָס ער האָט פאַרברענגט יעצט, האָט אין א גרויסע מאָס געמוזט פאַראורזאַכן צו פאַרנעמען די גאַנצע פראַגע אויף אַזא אופן, ווי ס׳האָט זיך אים מיט א מינוט צוריק אויסגעוויזן. אנדערש וואָלט געווען, ווען מ׳וואָלט געקאָנט שטארבן ווי א מערטירער פאַר וויל פון דער מענטשהייט! אָדער אויף א מלחמה אין העלדיש

קאַמף מיטן שונא! אָדער אין אַ מוראַדיקע מגפה, אַלס קראַנקנ־פלעגער! אַזוי איז מען געשטאָרבן ביסלעכווייז פון הונגער — אין דער צייט, ווען אַנדערע האָבן זיך געבאָדן אין וואוילטאָג. שמואל האָט געזוכט אַן אַרבעט וואָס זאָל אים באַדראָען זיין לעבן, אָבער די אַלע ערטער זענען, ווייזט אויס, אויך געווען פאַרנומען. די וועלט האָט אים נישט באַדאַרפט, נישט קיין לעבעדיקן און נישט קיין טויטן.

איז אים דעריבער פאַרבליבן נאָר צו שטאַרבן פאַר הונ־גער. אַזוי ווי ער האָט נאָך היינט גאָרנישט געהאַט געגעסן, איז ער גרייט געווען שוין איצט אָנצוהייבן אַ קאַמף מיטן הונגער. ער האָט פאַרצויגן זיין פּאַסיק, פאַרהאַקט די ציין, און אַזוי זיך געגרייט צום קאַמף מיטן בייזן וואָלף — דעם הונגער.

ער איז ווייטער געגאַנגען איבער דער ברייטער גאַס און געחלומט וועגן אַ מעגלעכקייט מקריב צו זיין זיך פאַר די נאָ־ענטסטע.

ער איז גראָד פאַרביי דעם גרויסן, ווייסן פּאַלאַץ „פּער־וויאָ", פון וואַנען ס'האָט אים נעכטן אַרויסגעיאָגט דער גערט־נער און אים אָנגערופן שלעפּער. מיט אַמאָל האָט ער דערהערט אַ געקלאַפּעריי פון פערד־קאָפּיטעס, ער האָט זיך אומגעקוקט און געזען אַ וואָלקן שטויב, אַ פערד איז ווילד געלאָפן. ער האָט איינגעגראָבן זיין בליק אין פערד און פלוצלינג באַמערקט — אַ קאַרעטע און אַ מענטש זיצנדיק אינעווייניק. יעצט האָט ער פאַר־שטאַנען וואָס ס'איז געשען: אַ פערד האָט זיך צעווילדעוועט. דאָס אַלץ האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי אַ נס, וואָס איז געווען ווי אַן ענטפער אויף זיין געבעט. ער איז געווען גרייט פאַר אַ קרבן, און איצט האָט זיך טאַקע געמאַכט דאָס געלעגנהייט. ער האָט זיך נישט געוואַקלט אַ מינוט, ער האָט געוואוסט, וואָס ער האָט צו טון. ער איז געווען אַנטשלאָסן, אָנגעשטרענגט.

ער איז אַרויסגעלאָפן אויף דער מיטן גאַס. דאָס פערד איז כמעט צו אים צו אין דעם זעלבן מאָמענט, ס'איז געווען אַ פּרעכטיק ראַסאָווע פערד, ווילד פון שרעק — דאָס אַלץ האָט פאַרגעשטעלט אַ שרעקלעך בילד. שמואל האָט אויסגעשפּרייט די

הענט, דאָס פערד איז מיט אַ געאייל געלאָפן אַנטקעגן אים, אַרויפגעריסן זיך אויפן טראָטואַר, אָבער שמואל איז גיך אַ שפּרונג געטון אין דער הייך, אָנגעכאַפּט ביים צוימל און געהאַלטן פעסט מיטן גאַנצן כּוח. דאָס פערד האָט אים שיער נישט אַרויסגעריסן די אָרעמס. אָבער ער האָט זיך נאָך פעסטער געהאַלטן ביים צוימל. ס'פערד האָט געפּרוווט זיך אַרויסרייסן, אָבער שמואל האָט עס אָנגעכאַפּט ביי די נאָזלעכער און זיי שוין מער נישט אָפּגעלאָזט. אַזוי איז ער געהאָנגען מיט פאַרמאַכטע אויגן, דריקנדיק ווי מיט אַן אייזן דעם פערדס נאָזלעכער.

לסוף איז דאָס פערד שטיין געבליבן, דער מענטש וואָס איז געזעסן אינעווייניק אין דער קאַרעטע, איז יעצט אַרויסגעשפּרונגען און געאיילט שמואלן צו הילף.

— מיין גאָט! — האָט ער אויסגערופן — איר זענט אַ דרייסטער מענטש!

דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, בלייך ווי אַ מת. ער האָט אינגאַנצן געציטערט.

— ווי אַזוי האָט איר זיך גענומען דערצו? — האָט ער זיך געפרעגט מיט אַ שטים פון אַ טויטן.

— כ'האָב אים פּשוט געהאַלטן מיטן גאַנצן כּוח.

— אָ, גאָט, ווי איך בין אייך דאָס דאַנקבאַר — האָט ער אויסגערופן — איר האָט אָפּגעראַטעוועט מיין לעבן!

שמואל האָט נאָך אַלץ כּסדר געהאַלטן דאָס פערד, וואָס האָט נערוועז געציטערט.

— כ'וואָלט אים דאָך געקאָנט אַליין איינהאַלטן, נאָר די לייצעס האָבן זיך איבערגעריסן. איר זעט?

און דער יונגערמאַן האָט געוויזן שמואלן אַ שטיק לייצע.

— וואָס האָט דאָס אַזוי איבערגעשראָקן אייער פערד? — האָט שמואל געפרעגט.

— גאָרנישט. מעגלעך, אַז אַ שטיקל וויים פּאַפּיר אויפן שאָסיי. דאָס איז אַ שרעקלעך נאַריש פערד. ס'איז תּמיד געווען אַזוי — ער האָט געדראָט מיט דער פויסט צום פערד — ביי גאָט, ווי כ'וועל דיר נאָך באַצאָלן!

— פאַרזיכטיק! — האָט שמואל אויסגערופן — איר וועט אים ווידער איבערשרעקן. — ער האָט נאָך פעסטער אָנגענו־מען דאָס פערד, וואָס איז ווידער געוואָרן אומרויק.

— איך האַלט אים שוין. יעצט וועט ער שוין רויק זיין — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט.

— האַלט אים פעסט — האָט שמואל באַמערקט. ער האָט צוגעדריקט די האַנט צום שטערן און זיך אַ וואַקל געטון — איך... איך מוז זיך אויף אַ ווײַלע זעצן, דער קאָפּ דרייט זיך מיר.

— איר זענט פאַרוואונדעט? — האָט יענער געפרעגט באַ־זאָרגט.

— ניין... אָבער איך האָב נאָך היינט גאָרנישט געגעסן, כ'בין אָפּגעשוואַכט.

— גאָרנישט געגעסן? פאַרוואָס?

— כ'בין אָן ארבעט.

— אָן ארבעט? גרויסער גאָט, מענטש, הונגערט איר טאַקע?

שמואל האָט שוואַך אַ שמייכל געטון.

— כ'האָב אָנגעהויבן הונגערן.

ער האָט זיך געזעצט ביים וועג, דער יונגערמאַן האָט איינגעקלאַמערט אין אים זיין בליק און געפרעגט:

— ווױנט איר אין לאָקטענוויל?

— ניין, כ'בין דאָ אַהערגעקומען מיט עטלעכע טעג צו־ריק. כ'האָב געוואָלט פאָרן קיין ניו־יאָרק, אָבער אויפן וועג האָט מען מיך באַגנבעט. דאָ קאָן איך נישט געפונען קיין אַר־בעט, כ'האָב אָט דעריבער באַשלאָסן אַ סוף צו מאַכן מיט מיין לעבן דורך אַ הונגער־טויט.

— אָ גאָט! — האָט יענער אויסגערופן מיט שרעק.

— דאָס איז גאָרנישט, ס'איז גאָרנישט.

דער פרעמדער האָט געקוקט אויף שמואלן צעמישט, און שמואל האָט זיך פאַרקוקט אויף אים. ער האָט געוואָלט זען, וועמען ער האָט אָפּגעראַטעוועט ס'לעבן. דער יונגערמאַן איז

געווען אפשר מיט צוויי יאָר עלטער פאַר אים. יעצט, ווען זיין פּנים האָט באַקומען די אמתדיקע קאָליר, האָט זיך שמואלן אויסגעוויזן, אַז ער האָט נאָך אין זיין לעבן קיין שענערן מענטש נישט געזען. ער האָט געהאַט אַ העל פּנים, לאַכנדיקע אויגן, גאָלד-בלאָנדע האָר. ער האָט געטראָגן אַ זיידן העמד און אַ ווייס-פלאַנעלן אַנצוג. שמואל האָט דערקענט אין דעם אַלעם די פאַרקערפּערונג פון רייכטום. דאָס פערד איז געווען אַ ראַסאָווע. די קאַרעטע האָט געהאַט גומענע רעדער, דאָס געשפּאַן איז געווען פון זילבער. שמואל איז געווען צופרידן, ער איז זיכער געווען, אַז ער האָט אָפּגעראַטעוועט ס'לעבן ביי אַ גרויסער פּערזענליכקייט, איינעם פון די שטאַרקע מענטשן, פון די מענטשן, וואָס האָבן יאָ געהאַט ערפאָלג.

— וויבאַלד ס'איז אייך שוין בעסער — האָט יענער געזאָגט — טאָ זייט אַזוי גוט און האַלט דאָס פערד. איך וועל צענויפבינדן דאָס ציימל, און דערנאָך וועל איך אייך מיטנעמען מיט מיר, אַז איר זאָלט קודם כּל עפּעס עסן.

— ניין, ניין — האָט שמואל זיך אַנטקעגנגעשטעלט — באַמת אייך נישט, אַלץ איז אין אָרדענונג.

— אָבער צום טייוול, מענטש! איר גלויבט דאָך אָבער נישט, אַז איך זאָל גאָרנישט פאַר אייך טון.

— כ'האָב נישט געטראַכט, אַז... — האָט שמואל אָנגעהויבן.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן — האָט אים דער אַנדערער איבערגעריסן — איך וועל שוין פאַר אייך געפינען אַרבעט, איר וועט האָבן אויסזיכטן.

— אַרבעט? — שמואלן האָט שטאַרק אַ קלאַפּ געטון דאָס האַרץ. אַ מינוט האָט ער נישט געוואוסט ווי אַזוי ער זאָל זיך צו דעם אַלעם באַציען, אויף וואָס פאַר אַן אופן ער זאָל עס פאַרגלייכן מיט זיין נייער פילאָזאָפיע. אָבער אַרבעטן איז דאָך אים ערלויבט, ער האָט זיך דאָך גאַנץ ערלעך פאַרדינט דערויף, אַפילו אַז אַ צווייטער זאָל צוליב אים זיין אַרבעט פאַרלירן. צי האָט ער נישט באַוויזן מיט אַ מינוט צוריק זיין

פעיקייט, צי איז ער נישט אַרויס פון קאַמף ווי אַ זיגער? יאָ, ער קאָן פֿאַרנעמען אַן אָרט צווישן די מענטשן וואָס האָבן ערפאָלג, ער וועט קאָנען העלפן זאָפּיען מיט איר מוטער.

ער האָט זיך גיך אַריס געטון און צוגעהאַלטן דאָס פערד.

— איר וועט אייך קאָנען מיט אים אַן עצה געבען? — האָט ער געפרעגט דעם אַנדערן.

— יאָ. יעדנפאַלס וועלן מיר פרוון — ער איז אַריינגעשפרונגען אין דער קאַרעטע און אַ כאַפּ געטון ביי די לייצעס — קומט אַריין! — שמואל איז איינגעשטיגן אין דער קאַרעטע און זיי זענען געפאָרן אין שטאָל אַריין.

— דערציילט גאָרנישט וועגן דעם פאָרפאַל — האָט פּלוצלינג יענער געבעטן.

— גוט.

— מיינע פריינד האָבן תמיד צו מיר טענות, פאַרוואָס כ'פאָר מיט דע קאַרעטע.

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט שמואל געפרעגט.

— ווייל זיי אַלע פאָרן אויף אוטאָס. נאָר מיין טאַטע איז נאָך פאַרבליבן געטריי דער טראַדיציע פון פערד, און אויך איך האָב זיי ליב.

— ביי אונז אינדערהיים איז נאָר געווען איין פערד — האָט שמואל געענטפערט — כ'האָב אים זייער ליב געהאַט.

— ווי אַזוי הייסט איר? — האָט דער פרעמדער געפרעגט. שמואל האָט אים געזאָגט זיין נאָמען.

דערנאָך האָט ער אים דערציילט אַלץ, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. קודם כל האָט ער אים געגנוי דערציילט וועגן זיין אַרעסט, ווייל ער האָט פאַר קיינעם נישט געוואָלט לייקענען. זיין פריינד איז אַריבערגעגאַנגען איבער דער פּאַסירונג צום אָרדענונג, אויסרופנדיק ביינז:

— פאַרשאָלטענע געמיינהייט.

— וואוהין זענט איר געגאַנגען בשעת מיר האָבן זיך געטראָפן? — האָט ער געפרעגט שמואלן.

— כ'בין נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען פון פּראָפעסאָר סטיואַרט.

— פונוואַנען? פון אַלטן סטיוואַרט? פונוואַנען קענט איר אים?

— ער איז געווען דעמאָלט אין געריכט, ער האָט מיר צוגעזאָגט אַרבעט, אָבער שפּעטער האָט ער פאַר מיר נישט געקאָנט געפינען. צי קענט איר אים?

— יאָ, איך בין געגאַנגען אויף זיינע לעקציעס.

— איר שטודירט אויפן אוניווערזיטעט?

— פריער האָב איך געשטודירט — איידער מיין טאַטע איז נאָך געשטאָרבן. דערנאָך האָב איך אויפגעהערט. כ'האָב פייגט דאָס לערנען.

שמואל האָט זיך געחידושט — ס'איז אייך אודאי נישט נייטיק צו שטודירן — האָט ער לסוף באַמערקט.

— ניין. מיין טאַטע האָט שטאַרק געהאַלטן פון אַלטן סטיוואַרט. מיך האָט דער מענטש געלאַנגווייליקט ביז צום שטאַרבן. ווי אזוי געפעלט ער אייך?

— זעט איר, איך האָב זיך געפונען אין אַנדערע באַדינ־גונגען ווי איר. מיר האָט זיך דאָס אַלץ, וואָס ער האָט גע־זאָגט, אויסגעוויזן פּרעקטיק.

— וואָס האָט ער אייך געזאָגט?

— ער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס כ'קאָן נישט געפינען קיין אַרבעט. וויזט אויס, אַז ס'איז דאָ צופיל מענטשן אויף דער וועלט, און איך געהער צו די אומפעיקע. איך קאָן נישט פירן דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ, און דער־פאַר מוז איך שטאַרבן.

— צום טייוול! — האָט דער פרעמדער אויסגערופן.

שמואל וואָלט צופרידענער געווען, אַז יענער זאָל אַזוי נישט שעלטן, אָבער אפשר איז דאָס אַ געוווינהייט פון די, וואָס האָבן ערפאָלג.

— איך בין זייער דאַנקבאַר געווען דעם פּראָפעסאָר — האָט ער ווייטער גערעדט — פריער האָב איך אַבסאָלוט קיין באַגריף נישט געהאַט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אַז איך האָב זיך דערוואוסט, אַז די גאַנצע פראַגע באַרירט קודם כל דעם

הויל פון דער מענטשהייט, האָב איך שוין נישט געלייגט קיין אַכט אויף מיר אַליין.

שמואלס פריינט האָט אויסגעשטאַרצט אויף אים די אויגן — אַ קאָמישע געשיכטע.

— כ׳האָב געפירט אַ לאַנגע דיסקוסיע מיטן פּראָפעסאָר, כ׳האָב אים געוואָלט איבערצייגן, אַז ער דאַרף זיין לערע פאַר־שפּרייטן צווישן די מאַסן. אין לאַקמענוויל זענען יעצט פאַר־האַן טויזנטער, וואָס שטאַרבן פאַר הונגער. צי איר וואָלט גע־וואָלט שטאַרבן פון הונגער, נישט ווּיסנדיק צוליב וואָס?

— כ׳מיין, אַז כ׳וואָלט נישט געוואָלט.

און דער ייִנגערמאַן האָט ווידער געוואָרפן אויף שמואלן אַ פאַרחידושטן בליק.

זיי זענען געפאָרן אַ לאַנגע צייט לענג־אויס מיטן פּאַרק,ביים אייזערנעם טויער. לסוף זענען זיי צוגעקומען צו אַ גרויסן שטיינערנעם טויער, אויף וועלכן ס׳איז אויסגעקריצט געווען: „פּערוויאַ״. צו שמואלס גרויסער פאַרוווּנדערונג זענען זיי טאַקע דאָרט אַריינגעפאָרן.

— וואוהין פאָרט איר? — האָט ער געפרעגט.

— אַהיים.

שמואל האָט אַציטער געטון — איר וווינט דען דאָ? — האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— יאָ — האָט יענער געענטפערט.

שמואל האָט פאַרטיפט זיין בליק אין דער אַלעע און אויף די גרעזער, ווו ס׳האָבן געשפּאַצירט די פּאַוועס.

— כ׳האָב דאָ אויך געזוכט אַרבעט — האָט ער דער־ציילט דעם פריינט — אָבער מ׳האָט מיך פונדאַנען אַרויסגע־טריבן.

— צום טייוול! אָבער היינט וועט מען אייך פונדאַנען נישט אַרויסטרייבן!

ביידע האָבן געשוויגן. דערנאָך האָט שמואל געזאָגט: — איר האָט מיר נאָך נישט געזאָגט, ווי אַזוי איר הייסט.

— כ'האָב געמיינט, אַז איר ווצט אַליין פאַרשטיין — האָט יענער געענטפערט מיט אַ שמייכל.
— פונוואַנען ?
— אָבער יעצט — שוין — — — איר ווייסט דען נישט וועמען דאָס אַלץ געהערט ?
— כ'ווייס נישט.
— דאָס איז דער פאַלאַץ פון אַלטן לאָקמען.
שמואל האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם, ער האָט זיך צוגע־האַלטן ביים קאָרעטע־געזעס.—לאָקמענס פאַלאַץ—האָט ער איבערגע־חזרט מיט א דערשטיקט קול — לאָקמענס פאַלאַץ.
ער האָט זיך איינגעקוקט אין דער גרויסער, ווייסער גע־ביידע, אין די זיילן און די טויערן. ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט — לאָקמענס פאַלאַץ!
— איך בין אַ זון פון אַלטן לאָקמען -- האָט יענער אים העפליך געגעבן צו פאַרשטיין — איך הייס אַלבערט, מיינע קאַליגן רופן מיך בערטיע.

## IX

כדי צו באַגרייפן ווי געהעריק, פאַרוואָס אָט די דאָזיקע ידיעה האָט אַזוי איבערראַשט שמואלן, דאַרף מען אריינדרינגען אין זיין דאַמאָלסדיקן גייסטיקן צושטאַנד. שמואל האָט מיטן גאַנצן כוח געזוכט פאַרפולקומענהייט. דער גרויסער געלערנטער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי מען דערקענט פולקו־מענהייט. אין דעם קאַמף פאַר עקזיסטענץ האָט דער אַלטער לאָקמען געהאַט מער ערפאָלג ווי עמיצער אַנדערש פון שמואלס באַקאַנטע. צו לאָקמענען האָבן געהערט די ריזיקע גלאָז־הוטעס אין דער שטאָט און אין נאָך אַנדערע פאַרשידענע געגנט. ער איז געווען דער אייגנטימער פון דער שטאָטישער באַן,

פון די גאַז־פאַבריקן און וואַסער־לייטונג, די שטאָט און דער אוניווערסיטעט האָט געטראָגען זיין נאָמען. דער שענקער פינ־נעגן האָט דערציילט שמואלן, אַז ער האָט פון יאָרן אָן נאָכ־געקאָנטראָלירט די טעטיקייט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. שמואל האָט יעצט געזען זיין הערלעך פאַרמעגן, לאָקמענס פאַ־לאַץ, וואָס איז געווען, ס'זאָל אין אים וווינען אַ קעניג. אָ, ווי פולקום ער האָט דאָס געמוזט זיין! וואָס פאַראַ גוטס האָט ער פאַר דער וועלט געטון, וואָס מ'האָט אים באַלוינט מיט אַזאַ מאַכט און פּראַכט!

דער יונגער לאָקמען איז געווען פונקט אַזוי, ווי שמואל האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַ אמתער פּירשט. דאָך איז ער געווען אַ גוטמוטיקער, העפלעכער, ער האָט געירשנט די גוטע מעלות פון טאַטן — און אַלס אויסערלעכער סימבאָל: דאָס גאַנצע פאַר־מעגן און מאַכט. און אַזאַ אָרעמען דאָרפישן יינגל האָט גע־טראָפן דאָס גליק, אָפּצוראַטעווען ס'לעבן פון דעם הערלעכן מענטש. שמואל וועט יעצט בלייבן נאָענט צו אים, ער וועט אים קאָנען באַדינען — צוקוקן זיך צו זיין אַרט לעבן, אַנט־פּלעקן די סודות פון זיין פאַרפולקומענהייט! שמואל איז נישט געווען קיין פיליסטער, אָבער דאָך האָט זיך אים געשמעלט טרערן פון דאַנקבאַרקייט אין די אויגן. זיי זענען געשטאַנען פאַרן פּאַלאַץ, פונוואַנען עס איז אַרויסגעלאָפן אַ לאָקיי.

— פיליפּס! — האָט דער יינגערמאַן אויסגערופן — גיט נאָר אַ קוק אויף די לייצעס.

דער לאָקיי האָט זיי באַקוקט מיט שרעק.

— ווייזט זיי אַנדערסאָגנען, איך מעגט אים פרעגן, צי ס'צאָל נאָך ווינציק פאַר אַ געשפּאַן, אַז ער זאָל מיר אַזוינס צושטעלן.

— גוט, הער לאָקמען.

זיי זענען אויסגעשטיגן פון דער קאַרעטע, אַדורך דורך אַ גרויסע טעראַסע, וואו ס'האָבן זיך געפונען אַ מענגע באַקוועמע פאָטעלן, טישלעך, דיוואַנען און זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ

גרויסן קאָרידאָר. דאָרט איז געשטאַנען אַ מענטש אָנגעטון אין ליבעריע.

פּעטערס — האָט דער יונגער לאָקמען געזאָגט — דאָס איז שמואל פּרעסקאָט. כ׳האָב מיר נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט די פּערד און ער האָט מיר צוגעהאָלפֿן. ער האָט נאָך היינט נישט געגעסן. ברענג אַריין עפּעס עסן.

— גוט, הער לאָקמען. וואו גרייטן צום טיש?

— אין פרישטיק־צימער. דאָרט וועלן מיר וואַרטן. ברענג גיך.

— גוט, הער לאָקמען. — און פּעטערס האָט זיך דערווייטערט.

שמואל האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט. אַזאַ פּראַכט האָט ער אַפילו אין חלום נישט געזען, ס׳איז פּשוט געווען אומגלויבלעך, כמעט שרעקעוודיק. דער גרויסער זאַל איז הויך געווען ביז צום דאַך, די ווייסע מירמלנע טרעפּן ווייסע מירמלנע גאַלעריע האָט פאַרבלענדט. דער מירמלנער אויוון איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס׳האָט געקאָנט אַריין דאָרט אַ האַלבער בוים. אין דער טיפעניש האָט זיך געזען אַ שפּריצנדע פאָנטאַנע, מיט פּאַלמען און פּראַכטפולע בלומען. דורך אַ ריי אָפענע טירן האָט מען געזען די גרויסע צימערן מיט בילדער און גאָבעלינען. שמואלן האָט זיך געדוכט, אַז דאָס מעבל איז געווען פון ריין גאָלד.

— קומט — האָט דער יונגער לאָקמען אים גערופן. און זיי זענען אַרויף די טרעפּ.

אינמיטן וועג האָט זיך שמואל אָפּגעשטעלט און איינגעהאַלטן זיין אָטעם. ער האָט באַמערקט פאַר זיך אַ בילד פון אַ באַקעטער פרוי אין איר נאַטירלעכער גרויס. קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער נאָך אַזעלכעס נישט געזען. ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

פון דער גאַלעריע זענען זיי אַריינגעקומען אין אַ ליכטיקן ווייסן צימער. די ווענט זענען אויסגענייט געווען מיט ווייסן זייד, פון דעם צימער האָט מען געקאָנט אַרויסגיין אויף

אַ גרויסן גאַניק. דאָרט זענען געווען פול בלומען און פייגל,
וואָס האָבן גע[illegible]ען. אויף די ווענט האָבן געהאָנגען בילדער, וואָס
האָבן פאָרגעשטעלט טאַנצענדיקע וואַסער=נימפן. די ריחותדיקע
געשטאַלטן זענען געהילט געווען אין שלייערס, נאָר זיי זענען
געווען אַזוי פיל, אַז דער אָרעמער שמואל האָט זיי נישט גע=
קאָנט איבערציילן. ער האָט געזוכט מיט זיין געדאַנק אַ דער=
קלערונג, פלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט אין דעם אילוס=
טרירטן תנך, וואָס ער האָט געזען ביים טאַטן אין שטוב. אפשר
זענען די אומבאַפלעקטע ווענוס, וואָס וואוינען אין אָט די פּאַ=
לאַצן, געוואָרן אַזוי פרום, ווי אַמאָל פאַרן באַווייזן זיך פון
שלאַנג אין גן=עדן — — —
דער יונגער לאָקמען האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ פּאָ=
טעל און אָנגעהויבן אויספרעגן זיין פריינט. ער האָט זיך גע=
וואָלט דערוויסן אַלע איינצלהייטן פון שמועס, וואָס שמואל האָט
געהאַט מיטן אַלטן סטיוואָרט. ער האָט געזען שמואלס פאַרווו=
נדערונג און ער האָט געוואָלט וואָס גאָענטער אים דערקענען.
שמואל האָט געענטפערט אויף די געשטעלטע פראַגן.
— איר זענט אַ מאָדנער פאַרשוין — האָט לאָקמען גע=
זאָגט נאָך אַ געוויסער צייט, אָבער שמואלן האָט עס גאָרנישט
נעאַרט.
אַ דינער איז אַריינגעקומען מיט אַ טאַץ פול מיט מאכלים.
אַ צווייטער האָט מיט דער הילף פון נאָך איינעם,
אויפגעשטעלט אַן אויסלייג טישל. ווי שיין איז גע=
ווען דאָס זילבערוואַרג און די קריסטאָלענע כלים! און
דאָס טישטוך דאָס ווייסע ווי שניי, און וואָס פאַר אַ וואונדער=
באַרע אומבאַקאַנטע מאכלים! אַ הויכער טורעם פון בלויז שטיק=
לעך ברויט, וואָס איין שטיקל האָט פאַר אַ הונגעריקן געקלעקט
אויף איין צאָן. און ווילדבערעט און גאַלערעט. געדעמפטער
פאשטעט, אַלץ איז געווען מיט בלויז סיורפּריזן: אין די
קאַרטאָפל איז געווען אייער און אין קוכן קרעם. דער קעז
האָט אויסגעזען גרין און פאַרדעכטיק. דערפאַר אָדער האָבן
די בערעלעך מיט דער סמעטענע געוועקט ביי אים צוטרוי, און
שמואל האָט באַקומען מוט.

— ווייטער — האָט דער באַלעבאָס אויסגערופן, דערנאָך האָט ער באַמערקט, אַז שמואל שעמט זיך און ער האָט באַפוילן — פעטער, דאַרפסט דעם הער נישט באַדינען! — שמואלן איז לייכטער געוואָרן ווען די דינער זענען אַרויס פון צימער.

— שטערט אייך נישט — האָט דער יונגער לאָקמען געזאָגט לאַכנדיק. — וויבאַלד איר ווילט נאָך עפעס בעטן, טאָ דאַרפט איר אייך גאָרנישט שעמען.

שמואל האָט געגעסן די געטלעכע מאכלים, ער האָט יעצט געזען זאַכן, וואָס דער מענטשלעכער גייסט וואָלט זיי באַדאַרפט ערפינדן דורך יאָרן, דאָס צוגרייטן דאָס וואָלט געדאַרפט דויערן טעג און אַפילו וואָכן. ער האָט זיך אַליין געשטעלט אַ פראַגע, פונוואַנען נעמען זיך די אַלע שפייז אַרטיקלען, וויפל הענט זענען באַשעפטיקט געווען ביים צוגרייטן אָט דאָס אַלץ. ער האָט אויך געטראַכט איבער דעם, צי אַלע וואָס עסן אָט די מאכלים, זענען אַזוי צאַרט און איידל ווי זיין נייער פריינט.

דער פריינט האָט הנאה געהאַט, ער האָט געוואָלט יעצט אויסנוצן זיין „מאַכט“ אינגאַנצן — צי וואָלט איר נישט געוואָלט אָנקוקן מיינע גיטער? — האָט ער געפרעגט שמואלן.

— זייער גערן — האָט שמואל געענטפערט.

— איך וועל אייך וויזן, וויבאַלד איר וועט נאָך קאָנען גיין נאָכן עסן.

דאָס מאָל האָט דאָס עסן אַבסאָלוט נישט באַשווערט שמואלן צו גיין, ביידע זענען זיי אַדורכגעגאַנגן דעם גאַנצן „פערוויאָ“. אויף אַזאַ אופן האָט שמואל זיך באַקענט מיט נייע לעבנס-מעגלעכקייטן

ווי באַלד ס'האָט עקזיסטירט עפעס אויף דער וועלט, וואָס שמואל האָט יאָ פאַרשטאַנען, איז עס געווען די דאָרפס-ווירטשאַפט. אין „פערוויאָ“ איז אַלץ געפירט געוואָרן לויט די מעטאָדן פון בוך. ביי זיי אין שטוב איז געווען עטלעכע בוימלעך בעז און עטלעכע שורות פיאָניעס, דאָ זענען געווען גאַנצע מאָרגעס פראַכטפולסטע בלומען, זעלטענע געוויקסן, וואָס האָבן געשטאַמט פון גאַנצן ערד-קוגל. אין דער היים איז שמואלס

[illegible]וען צו מעלקן די קי. אין די קאַלטע טונקעלע הינטער [illegible] איז עס גאָרנישט לייכט געווען. דאָ האָט ער גע־זען מוסטערהאַפטע אַנשטאַלטן מיט צענטראַל־באַהייצונג, עלעק־טרישע באַלייכטונג, ווענט פון קאַפלעס באַשלאָגן מיט ניקל. די אָפּשטאַמונג־באַשרייבונג פון די קי האָט געהאָנגען איבער זייערע מאָר־דעס. די שטאַל־אַרבעטער האָבן געטראָגן ווייסע קליידער מיט גומענע הענטשקעס. ס'איז דאָרט געווען אַ ריזיקער הינער־הויף, דאָרט האָבן גאַוהדיק געשפּאַצירט אַלערליי עופות. אויף די גרעזער זענען געשטאַנען הייזלעך פאַר פאַרשידענע פייגל. זיי האָבן אויך באַזוכט די פּרעכטיקע הינט שטאַל און באַקוקט די ריזיקע צאָל ראַסאָווע הינט.

— מיין פאָטער האָט דאָס אַלץ געקויפט פאַר מיר — האָט דער יונגער לאָקמען ערקלערט — ער איז געווען זיכער, אַז איך וועל זיך פאַראינטערעסירן מיט דער לאַנדווירט־שאַפט.

— און איר אינטערעסירט אייך מיט דעם אַלעם?

— נישט זייער — האָט לאָקמען געענטפערט מיט גרינג־שעצונג — אַט זעט איר אַ „פּונש“, ווי אַזוי געפעלט ער אייך? „פּונש“ איז געווען אַ הונט פון די מיאוסטע באַשעפענישן וואָס שמואל האָט באַר אַמאָל אין זיין לעבן געזען. — איך... איך ווייס נישט צי כ'וואָלט אים גערן געוואָלט האָבן — האָט שמואל געענטפערט.

— דאָס איז אַ יאַפּאַנישער בולדאָק — האָט אים דער יונגער לאָקמען ערקלערט — ער האָט געקאָסט דריי טויזנט דאָלאַר.

— דריי טויזנט דאָלאַר — האָט שמואל אויסגערופן מיט שרעק — ווי קאָן מען עפּעס אַזוי פיל באַצאָלן פאַר אַ הונט?

— ער איז ווערט די סומע — האָט לאָקמען געלאַכט.

יעצט זענען זיי אַוועק צו די פערד. זיי זענען איינגע־אָרדנט געווען אין אַ באַזונדערן פּאַלאַץ. דאָרט זענען געווען ריזיקע צאָל לאָנקעס — צו וואָס דאַרפט איר אַזוי פיל פערד? — האָט שמואל געפרעגט.

— מײַן פֿאָטער האָט נאָך פֿאַרמאָגט די סטאַדע. איך, וואָס אמת, האָב נישט דערצו קײן צײַט.

— ווער רײַט אויף די אַלע פֿערד?

— איך שפּיל אַ סך ספּאָרט, כ׳בין אַ גוטער „פּאָלאָ״־שפּילער.

— אַזוי — האָט שמואל געזאָגט אומבאַהאָלפֿן, ווײַל ער האָט נישט געוווּסט, וואָס ס׳איז דאָס אַזוינס „פּאָלאָ״.

— היבאַלד אײַך אינטערעסירן פֿערד, וועל איך אײַך געבן דאָ אַן אַרבעט — האָט לאָקמען ערקלערט.

— אַ דאַנק — האָט שמואל אויסגערופֿן מיט באַגײַסטע־רונג — דאָס וואָלט געווען פּרעכטיק.

אַ גאַנצן טאָג וואָלט ער געקאָנט באַקוקן די אַלע וווּנ־דערבאַרע זאַכן, אָבער דעם באַלעבאָס האָט זיך שוין געלאַנגווײַ־ליקט, ער האָט זיך שוין אויסגעדרײט אַהײם. — ס׳איז שוין צײַט אויף צווײט פֿרישטיק — האָט ער געזאָגט — אפֿשר זענט איר שוין ווידער הונגעריק?

זײ האָבן זיך אָװעקגעזעצט אויף דער טעראַסע. פּלוצ־לינג האָבן זײ דערהערט פֿערדס טריט. — האַללאָ! — האָט דער יונגער לאָקמען אויסגערופֿן קוקנדיק אויף דער אַלעע, — דאָס איז גלעד.

אַ פֿערד איז מיט אַ גאַלאָפּ געלאָפֿן לענג אויס מיט דער אַלעע. דער אָנטרײַבער איז העלדיש געזעסן, אַזוי, אַז שמואל האָט יעצט שפּעטער באַמערקט אַז ס׳איז געווען אַ פֿרוי. דאָס איז געשען דעמאָלט, ווען זי האָט אַ באַוועג געטון מיט דער האַנט אין עפּעס אויסגערופֿן. זי האָט פֿאַרהאַלטן די פֿערד, דערלאַנגט די לײַצעס דעם דינער און איז אַרויף אויף דער טעראַסע און שמואל האָט יעצט דערזען, אַז דאָס איז אַ יונג, פּרעכטיק מײדל.

זי האָט גיך געטעטעמט, די האָר זענען איר אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן שטערן, די באַקן האָבן בײַ איר געגליט. שמואלן האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט נאָך קײנמאָל קײן שענערע נישט געזען, ער האָט זיך אײַנגעקוקט און איז ווי פֿאַרכישופֿט געוואָרן. ער

האָט נישט געוואוסט, אַז עס עקזיסטירן אויף דער וועלט אַזעלכע שיינקייטן. אין זיין גאַנצער אויפרעגונג האָט ער זיך דערמאָנט, ווער עס שטייט פאַר אים: אַ פרוי פון דער העכערער ספער. אַ פרוי פון די זיגער, וואָס שטייגט אַריבער אַלע אַנדערע.

— האַללאָ! בערטיע! — האָט זי אויסגערופן.

— האַללאָ! — און בערטיע האָט צוגעגעבן — מיין קוזינע פריילן וויגאַנט. גלעד! דאָס איז שמואל פּרעסקאָט.

דאָס מיידל האָט זיך לייכט פערנייגט, באַטראַכט שמואלן מיט אַ זעלטענעם געמיש פון נייגעריקייט און גאוה. זי האָט געהאַט טונקעלע האָר און אַ יענטאַליש געזיכט, אירע באַוועגונגען זענען געווען פלינק, אַ שאַרפער בליק, דאָס קול באַפעלעריש, ס'איז תיכּף קענטיק געווען אַז דאָס איז געווען אַ מענטש געוואוינט צו באַפעלן — אומגעדולדיק, אוואַנטוריסטיש, ליידנשאַפטליך און גאוהדיק.

— כ'האָב געהאַט אַ פאַרפאַל — האָט בערטיע איר ערקלערט — שמואל האָט מיר געראַטעוועט ס'לעבן.

שמואל האָט אַ ציטער געטון, באַמערקענדיק מיט וואָס פאַר אַ אינטערעסירונג דעם מיידלס געזיכט האָט אויפגעלעבט.

— ווי אַזוי איז עס געשען? — האָט זי געפרעגט.

— אַזוי, איך בין געפאָרען מיט היצקאָפּן.

— טאַקע?

— יאָ, די לייצן האָבן זיך איבערגעריסן. באַלד ביים טויער האָט ער אָנגעהויבען לויפן ווי אַ משוגענער, אַזוי האָט ער געווילדעוועט אפשר צוויי דריי מאָל.

— און דערנאָך וואָס איז געשען?

— שמואל האָט אים איינגעהאַלטן.

— ווי אַזוי?

— ס'איז געווען פּראַכטפול. גלעד, דער מוטיקסטער טאַט, וואָס כ'האָב נאָר ווען עס איז געזען. ער האָט זיך געוואָרפן צום פערד, אָנגעכאַפּט ביים ציימל און — געראַטעוועט מיר ס'לעבן.

דער גאַנצער אינטערעס פון מיירל איז געווענדט געווען צו דעם שטאַרק באַזאָרגטן שמואלן.

— פּרעכטיק! — האָט ער אויסגערופן. און דערנאָך:

— פונוואַנען קומט איר?

— פון אַ פאַרם — האָט בערטיע געענטפערט פאַר שמואלן.— ער איז געווען אויפן וועג קיין ניו־יאָרק, זוכן דאָרט מזל. אָבער שטעל דיר פאָר גלעד, אז מ׳האָט אים באַגנבעט. ער האָט אַדורכגעוואַנדערט אונזער גאַנצע שטאָט, געזוכט אַרבעט, שיער געשטאָרבן פון הונגער.

— אוממעגלעך!

גלעדיס האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגעוויזן שמואלן אַן אָרט אַקעגנאיבער זיך — דערציילט מיר עפּעס וועגן אייך! — האָט זי באַפוילן און אָנגעהויבן אויספרעגן וועגן זיין לעבן מיט זיינע צופאַקן.

דער אָרעמער שמואל האָט יעצט אויסגעזען ווי אַן עדות אין געריכט, ער איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער פאַרדאַגהט און שרעקעוודיקער. גלעדיסן האָט עס גאָרנישט געאַרט. זי האָט אים אויסגעפרעגט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט אַנטפּלעקט פאַר איר זיין גאַנץ לעבן. ער האָט איר אַפילו דערציילט וועגן מענינגן, דעם מעקלער, און ווי אַזוי זיי האָבן דאָס גאַנצע געלט אויף די אַקציעס פון פּלעשלעך־טרעסט פאַרשפּילט. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט וועגן די באַגעגעניש מיטן אַלטן סטיואַרט, און ער האָט געמוזט נאָכאַמאָל איבערדערציילן דעם גאַנצן שמועס מיטן פּראָפעסאָר, און לסוף אַפילו דערמאָנען זיינע סאָציאַליסטישע אָנשויאונגען. בשעת שמואל האָט אַזוי דערציילט זיין לעבנסגעשיכטע, האָט פריילן וויגאַנט מיט איר קוזין שמייכלענדיק זיך אָנגעקוקט. ס׳איז אָנגעקומען דער דינער, ער האָט צוויסן געגעבן, אַז דער פרישטיק איז שוין דערלאַנגט. שמואל האָט זיך איבערגעשראָקן אַריס געטון, פּלוצלונג האָט ער ווי אין חלום דערזען, ווי ער זיצט ביים טיש אַקעגן פריילן ווייגאַנט, ווי זי באַטראַכט אים מיט אירע אומבארחמנותדיקע אויגן.

— כ׳גיי שוין — האָט ער געזאָגט.

— גוט — האָט בערטיע געענטפערט — קומט מאָרגן איבערדערפרי. מיר וועלן איבערשמועסן די זאַך.

— גוט.

— וואָס טראַכסטו מיט אים צו טון? — האָט גלעדיס געפרעגט.

— ער וואָלט געוואָלט אַרבעטן אין די שטאַלן.

— ניין — האָט זי זיך אַנטקייגנגעשטעלט — דאָס קאָן נישט זיין.

— פאַרוואָס?

— דו קענסט דאָך פון אים נישט מאַכן קיין פערדס־יונג, בערטיע, ער איז נישט צוגעפּאַסט דערצו. ער האָט אַנדערע פעיקייטן, און איז פריער פאַר אַלעם אַ שיין יונגל.

שמואל האָט זיך פאַרויטלט, ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און ווידער האָט ער דערפילט אויף זיך דעם דורכדרינגליכן בליק.

— פאַר מייגעטהעגן זאָל זיין אַזוי — האָט בערטיע געענטפערט.

— אָבער וואָס לייגסט דו פאָר?

— כ׳ווייס נאָך נישט. יעדנפאַלס עפּעס בעסערס.

— גלעד, ער קען צו ווינציק צו קאָנען ווערן אַ דינער...

— יאָ, אָבער עפּעס אַן אַרבעט אויסער דער שטוב וואָלט ער דאָך געקאָנט... וואָלט ער נישט געקאָנט ווערן אַ גערטנער?

— איר האָט ליב בלומען, שמואל?

— יאָ, פריילן — האָט שמואל גיך געענטפערט.

— מיר וועלן אים מאַכן פאַר אַ גערטנער — האָט פריילן וויגאַנט ערקלערט.

אויף אַזאַ אופן איז באַשטימט געוואָרן שמואלס גורל.

שמואל האָט זיך געזעגנט און געאיילט אַ היים. ער איז געווען שטאַרק אויפגערעגט, מ׳האָט אים אַריינגעלאָזט אין הימל פון גליק, אַוועקגעזעצט מיט געטער ביי איין טיש —

און ראָרט וועט ער שטענדיק זיין! זיין נייער באַלעבאָס האָט אים געגעבן אַ פינפער-דאָלאַר-באַנקנאָט. שמואל האָט אויפן וועג אָפּגעטרעטן אין אַ שפּייז געוועלב און אין באַלד אַרויס-באַלאָדן מיט פּעקלעך. דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אין נאָך עפּעס, ער איז אַריין אין אַ געוועלב פון מענער-וועש און זיך געקויפט אַ ווייסן קאָלנער מיט אַ רויטן גרין געשפּריצטן קראַוואַט, גרייט געבונדן, אַז ער זאָל נישט דאַרפן לאַנג אַר-בעטן ביים אָנטון. דערנאָך איז ער אַהיים צו די סטידמענס. די אַלמנה מיט די קליינע קינדער האָבן אויסגעהערט זיינע איבערלעבענישן פאַרגאַפט, מיט ברייט צעעפנטע אויגן. אַז זאָ-פיע איז אַהיימגעקומען, האָט ער געמוזט אַלץ פון ס'נייע אי-בערחזרן.

דאָס מיידל האָט ברייט צעעפנט די אויגן ווי אין חלום:

— פריילין וויגאַנט. פריילין גלעדיס וויגאַנט?

— יאָ, צי ווייסט איר עפּעס פון איר?

— כ'האָב איר שוין געזען — האָט זאָפיע געענטפערט באַגייסטערט — צוויי מאָל.

— ווירקלעך?

— יאָ, זי איז געקומען איינמאָל צו אונז אין קלויס-טער אַריין. דאָס איז געווען בשעת ווייַנאַכט.

— געהערט זי אויך צו דעם קלויסטער?

— ניין, נאָר די מיסיע האָט דעמאָלט איינגעאָרדנט אַ פייערונג. די רייכע קומען נישט צו אונז אין קלויסטער אַריין, זיי געהערן צום קלויסטער פון הייליקן מאַטיאַס, וואָס שטייט אויפן באַרג. אָבער דאָס מאָל איז זי געקומען צו דער פיי-ערונג, זי האָט געהאָלפן צעטיילן די מתנות. אָנגעטון איז זי דעמאָלט געווען אינגאַנצן רויט. אין אירע קליידער איז גע-ווען עפּעס אַזאַ ווייכס, ריחותדיקס, ווי מ'זעט עס אַמאָל אין חלום. און זי איז געווען אַזוי שיין, שמואל! אין די האָר האָט זי געהאַט פאַרפלאָכטן אַ רויז, וואָס האָט אַזוי זיס גע-שמעקט, אַז דער ריח פון איר איז פשוט געווען נישט צו פאַרטראָגן. די האָט געשמייכלט צו אַלע קינדער און זיי גע-

נעבן די מתנות. איך האָב אויך פון איר געקריגן אַ פּעקעלע, וי האָט אויסגעזען דעמאָלט ווי אַ פירשטין, כ'וואָלט גערן גע־ווען פאַר איר געקניעט, געקושט אירע פיס.

— יאָ — האָט שמואל צוגעשטימט.

— און איר האָט זיך מיט איר באַגעגנט! — האָט זאָ־פיע אויסגערופן ענטוזיאַסטיש — גערעדט מיט איר! פונוואַנען האָט זיך גענומען צו אייך אַזאַ דרייסטקייט?

— איך — כ'מיין, אַז כ'בין געווען אומגעלומפּערט.

— וואָס האָט איר איר געזאָגט?

— איך געדענק שוין נישט אַזוי גענוי.

— כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געהערט איר שטים — האָט זאָפיע ווייטער גערעדט — ווען כ'האָב איר געזען צום צווייטן מאָל, האָט זי גערעדט, אָבער דער גערויש פון די מאַשינען האָט פאַרטויבט אירע ווערטער. דאָס איז געווען אין דער פאַבריק... זי איז געקומען מיט נאָך מענטשן, באַקוקט אַלץ. איר ווייסט דען נישט, אַז די פאַבריקן געהערן צו איר פאָטער?

— כ'האָב נישט געוואוסט דערפון.

— ער פאַרמאָגט אַ סך זאַכן אין לאָקמענעוויל. זי איז אַן איינציקע טאָכטער און אַזוי פּרעכטיק שיין, אַז אַלע פאַר־געטערן איר. כ'האָב צוויי בילדלעך פון איר, אויסגעשניטן פון די אילוסטרירטע צייטשריפטן. קומט, כ'וועל זיי אייך ווייזן.

ביידע זענען געלאָפן אויף די טרעפּ, אַרויף אין דער־הייך. איבער דעם בעט האָבן געהאָנגען צוויי אָפּגעבלאַקירטע אויסשניטן פון צייטונגען, איינס האָט פאָרגעשטעלט די פריילן גלעדיס אין איר אָוונט־טואַלעט, ס'צווייטע אין אַ זומער קליידל ווי זי האַלט רויזן אין דער האַנט.

— צי האָט איר שוין געזען עפּעס שענערס? — האָט דאָס מיידל געפרעגט — פאַר מיר זעט זי אויס ווי אַ כשופ־מאַכערין. כ'האָב אויסגעטראַכט פאַר איר די צאַרטסטע ווערטער

מיט וועלכע זי האָט צו מיר גערעדט. זי מוז זיין אַ גוטע אַ מענטש, וואָס איז אַזוי שיין, איז זיכער צאַרט און גוט.

— געוויס — האָט שמואל איינגעשטימט. דערנאָך איז אים געקומען אַ געדאַנק אין מוח — זאָפיע — האָט ער געזאָגט — זי האָט געזאָגט, אַז כ׳בין אַ שיין יינגל. איז עס אמת?

זאָפיע האָט געוואָרפן אויף אים אַ גיכן בליק — אודאי, נאַרעלע!

שמואל איז געשטאַנען פאַרן צעבראָכענעם שפיגל, וואָס האָט געהאָנגען אויף דער וואַנט, באַטראַכט זיך מיט פאַראינטערעסירונג.

— זעט איר דען נישט, ווי איר זענט הויך און קרעפטיק — האָט זאָפיע געפרעגט — און וואָס פאַר אַ שיינע פאַרבן איר האָט?

— כ׳האָב קיינמאָל דאָס נישט באַמערקט — און דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אין זיין בייעם קראַוואַט.

— און איר האָט מיט איר גערעדט! — זאָפיע האָט זיך ווידער פאַרטיפט אין די בילדלעך און נאָך אַ פאַמעלעכן גוטהאַרציקן געדאַנק, האָט זי געזאָגט — ווייסט איר וואָס, שמואל? איך שענק אייך די בילדלעך. איר וועט זיי אויפהענגען ביי אייך אין צימערל.

— ניין, דאָס טוט נישט — האָט שמואל זיך אַנטקעגנגעשטעלט.

אָבער זי האָט זיך געהאַלטן ביי אירס — כ׳געדענק איר אויף אויסענווייניק. פאַר אייך וועלן זיי האָבן אַ גרעסערן ווערט, איר האָט שוין מיט איר גערעדט!

## X

ויף צומאָרגנס אינדערפרי איז שמואל שוין געווען אין „פערוויאָ". ער איז געוואָרן איבערגעשיקט צום אויבערגערט-

נער און באַשטימט אַלס געהילף.

— גיט צו וויסן, ווי אַזוי עס דערגייט אייך — האָט דער יונגער לאָקמען געזאָגט — און פאַרשטייט זיך, אַז דעמאָלט, ווי באַלד כ׳וועל קאָנען וועל איך פאַר אייך עפּעס טון.

— אַ דאַנק, הער לאָקמען — האָט שמואל געענטפערט, פול דאַנקבאַרקייט. ער האָט נישט געוואוסט, אַז די אַרויסגעזאָגטע ווערטער פון לאָקמענען אין געגנוואַרט פון גערטנער, האָבן אים געמאַכט פאַר אַ מענטש אַן „אויסדערוויילטן", אַ געגנשטאַנד פון פאַרערונג און אייפערזוכט פון אַלע אַנדערע דינער.

„פּערוויאַ" איז געווען אַ קליין וועלטל פאַר זיך. אַחוץ די שטאַל-אַרבעטער און ערד-אַרבעטער, האָבן פינף און צוואַנציק מענטשן באַדינט לאָקמענען אַליין. זיי זענען געווען געטיילט אויף „קלאַסן", געטיילט אויף „ראַנגעס". אַ שטרענגע עטיקעט, ביי וועלכער אַלע האָבן זיך דאָ שטרענג געהאַלטן. די געהילפן פון דער הויז-באַלעבאָסטע, האָט פול מיט פאַראַכטונג געקוקט אויפן דינסט-מיידל. עס זענען געווען פיר פאַרשידענע עס-זאַלן פאַר דער דינערשאַפט, די העכערע „קאַטעגאָריע" האָט זיך נישט געוואָלט זעצן צום זעלבן טיש מיט דער נידעריקער. דאָס אַלץ האָט תחילת פאַר אַ פרעמדן אויסגעזען אומבאַגרייפלעך. פּאַמעלעך האָט ער אָבער דערקענט, ווי אַזוי דאָס סיסטעם האָט זיך אַנטוויקלט. ס׳איז געווען אַזוי ווי אין אַ קעניגלעכן הויף, מ׳האָט אונטערשיידט די וואָס האָבן באַדינט דעם הער, ווי זענען געהאָרן באַשאָקען מיט ערע — לויט דער וויכטיקייט פון דער דינסט, לויט דער אָפּטקייט, וואָס זיי האָבן זיך געטראָפן מיט דער „קעניגין". אַ סך פון די דינער זענען געווען אויסלענדער. שמואל האָט געזען מיט באַדויערונג, אַז די מערסטע טייל פון זיי האָט אַבסאָלוט קיין אַכט נישט געלייגט אויף דער חשיבות פון זייער פאַך. זיי האָבן געגעסן און געטרונקען אַ סך, געווען אייפערזיכטיק און פול שווינדל. אָבער דאָס האָט שמואל זיך יעצט ־־מגעזען שפּעטער, ווייל תחילת, האָט ער צוזאַמען מיט אַלע געהאַט דעמזעלבן באַוואוסטזיין, ווי גרויס און

חשוב עס זענען די לאָקמענס. די דינערשאַפט פלעגט גאַנצע שעהן פאַרברענגען אויף שמועסן וועגן אָט דער פאַמיליע, וועגן איר רייכטום און מאַכט, וועגן די מנהגים און שוואַכקייטן און וועגן די מנהגים פון זייערע פריינט. דער ערשטער מענטש, מיט וועלכן שמואל האָט זיך באַפריינדעט, איז געווען קאַטיאַ היילי, אַ פריילעכע אירלענדערין, זי האָט געדינט ביי לאָקמענען פאַר אַ נייטאָרין. קאַטיא האָט צוגעצויגן שמואלן מיט איר אָפטן שמייכלען. אויף צו להכעיס די עלטסטע דינסט האָט זי אים מיטגענומען אויף אַ שפּאַציר. שמואל האָט גערן געהערט דעם מיידלס דערציילונגען. הער אַלבערט, ווי ס'האָט איהם גערופן די דינערשאַפט, האָט געהאַט איינקינפט יעדעס יאָר זיבעציק טויזנט דאָלאַר. וואָס ער האָט געטון מיט אַזאַ ריזיקע סומע, האָט קיינער נישט געוואוסט. פון פאָטערס טויט אָן לעבט ער אַזוי אייבזאַם. פריער איז געווען די פריילן אַאוועליאַ, דעם אַלטן לאָקמענס אַ שוועסטער, אַ שלעכטע קראַנקהאַפטע אַלטע מויד, זי האָט געפירט די ווירטשאַפט, אָבער זי איז פאַר צוויי יאָר געשטאָרבן. דער אַלטער לאָקמען האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר זיינע בהמות, אָבער זיינע גיטער זענען אים ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען. הער אַלבערט, ווידער, זאָרגט פאַר ביידע נישט, נישט פאַרן ערשטען און נישט פאַרן אַנדערן, זיין צייט פאַרברענגט ער מייסטנטייל אין ניו־יאָרק, דערפאַר טוט דאָ יעדער איינער ווי אים גלוסט זיך, מ'באַגנבעט אים אויף אַ שרעקליכן אופן. דאָך וויל ער נישט הערן די עצות פון דער משפחה, אַריינצונעמען עמעצן, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט די ווירטשאַפט.

הער אַלבערט איז נאָך געווען מינדעריעריק, מיט זיין פאַרמעגן האָט אָנגעפירט הער היקמאַן, דער אַדוואָקאַט פון דער פאַמיליע לאָקמען און זיין פעטער, הער ווייגאַנט. ווייגאַנט איז געווען אַ פאַבריקאַנט און קאַפּיטאַליסט, — אָבער אויך, ווי קאַטיאַ האָט דערציילט, אַ גרויסער געלערנטער. שמואל האָט אים אַמאָל געזען פאַרן פּאַלאַץ אין אַן אויטאָמאָביל. אַ הויך־געוויקסיקער שטאָלצער מענטש מיט גראָע וואָנסן. ער האָט גע־

הוינט אין אַ גרויסן פּאַלאַץ אויף אַ באַרג. פרײלן גלעדיס איז געווען זײן אײן־און־אײנציקע טאָכטער. דער אַלטער לאָק־מען האָט איר אָפּגעשריבן אַ גרויס פאַרמעגן, זי איז געווען בײ אים די באַליבסטע פּלימעניצע. די משפּחה האָט איר געוואָלט משדך זײן מיט אַלבערטן, אָבער פרײלן גלעדיס האָט זיך גע־ברוגזט אַלעמאָל, ווען מ'האָט געשמועסט דערפון, בײדע האָבן געזאָגט אַז זײ ליבן זיך נישט, און קאַטיאַ האָט בעשטעטיקט, אַז זײ האָבן געזאָגט אמת. פרײלן גלעדיס איז ערצויגן גע־וואָרן אין אַן ערשטקלאַסיקע שולע, יעצט האָט זי געוואָלט פאָרן צו איר פרײנדין קײן ניו־יאָרק, אָבער דער פאָטער האָט פאַר־לאַנגט צו האָבן איר בײ זיך, פון וואָס זי איז גאָרנישט צו־פרידן געווען. זי איז אַזאַ שײנע, אַז אַלע פארגעטערן איר. אָבער אַז זי צובײזערט זיך... — און קאַטיאַ האָט שוין ס'איב־ריקע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

שמואל איז צופרידן געווען פון זײן פרײנדין, די קלײנע אירלענדערן, איר ברודער איז געווען אַ חתן מיט דער קאַ־מערדינערן פון פרײלן גלעדיס. דורך אים האָט זי זיך דער־וואוסט אַלץ וועגן שמואלס געטין. ער האָט אויך געהערט פון פרײלן גלעדיסעס וואונדערבאַרע קלײדער. פון איר פּרעכטיק רײט־פערד, פון איר געשיקטקײט בײם טעניס און איר לײדנשאַפט צו שאָקאָלאַד. פרײלן גלעדיס האָט פאַריקן זומער פאַרבראַכט אין פּאַריז. זײ האָבן פאַרמאָגט אַ זומער־ווילע אין אַדיראָנדאַק־דעס, זי איז אַרויסגעפאָרן דאָרט יעדן אויגוסט אויף אַן אויטאָ, דעם טײך איז זי דורכגעפאָרן אויף אַ מאָטאָר־שיפל. קאַטיאַ האָט געוואָלט שמועסן מיט שמואלן עפּעס וועגן אים און וועגן זיך אַלײן, אָבער ער האָט זיך אַלץ אויסגעפרעגט וועגן פרײלן ווײגאַנט.

ער האָט געטראָגן אירע בײדע פאָטאָגראַפיעס אין וועסטל־קעשענע. אַז ער פלעגט אַרבעטן אין גאָרטן, פלעגט ער זיך אומאויפהערלעך אײנהערן צו די טריט פון איר פערד, אָדער צום גערויש פון איר אויטאָ. אײנמאָל, אין אַ גליק־לעכן פרימאָרגן, ווען ער איז אַזוי אַרײן אין קאָרידאָר, באַלײגט

מיט בלומען, וואָס זענען אָפּגעריסן געוואָרן פאַר דער הויז-באַלע-באָסטע, איז ער פלוצלונג שטיין געבליבן פאַר דער פריילן גלע-דיס. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן האַסטיק קלאַפּן, און אָנשטאָט צו גיין ווייטער, וואוהין ער האָט געדאַרפט, איז ער גאָר שטיין געבליבן, צווישן אַ העלפט פון די רויזן אויף דער ערד.

דאָס פנים פון פריילן גלעדיס איז באַשטראַלט געוואָרן.

— דאָס זענט איר שמואל! — האָט זי פריידיק אויס-געדופן.

— יאָ, פריילן גלעדיס.

— ווי געפעלט אייך אייער באַשעפטיגונג?

— זייער גוט, פריילן גלעדיס – ער האָט געפילט אַז ער האָט אַזוי ווינציק געזאָגט און ער האָט נאָך צוגעגעבן:

— ס'איז מיר פשוט שווער אויסצודריקן, ווי גליקלעך איך בין.

— דאָס פרייט מיך זייער. איך בין איבערצייגט, אז איר זענט אַ גוטער אַרבעטער.

— כ'טו אַלץ, וואס איך בין נאָר בכוח, פריילן גלע-דיס.

אַ ווילע האָט געהערשט אַ שטילקייט, דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— איר דאַרפט אייך נאָך אַ סך אויסלערנען?

— יאָ, אָבער עס האַנדלט זיך אין די בלומען, וועלכע כ'האָב אַלעמאָל זייער שטאַרק ליב געהאַט.

ווידער האָבן ביידע געשוויגן. פלוצלינג האָט פריילן ווייגאַנט געפרעגט:

— שמואל, פאַרוואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן?

— פאַרוואָס? פאַרוואָס? – האָט ער אַרויסגעשטאַמלט — פריילן גלעדיס... איך...

דער אָרימער שמואל איז שיער נישט משוגע געוואָרן פאַר שרעק – איך... איך... האָב ווירקלעך... נישט געוואָלט... פאַר גאָרנישט אויף דער וועלט...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. פריילן ווייגאַנט האָט אַלץ

נישט אָװעקגענומען פֿון אים איר גוטמוטיקן פֿאַרשנדיקן בליק — צי בין איך דען אַזוי שיין ? — האָט זי געפֿרעגט.

שמואל האָט האַלב דערשראָקן געעפֿנט די אויגן, געקוקט אויף איר צעטומלט. לסוף האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט:

— יאָ.

— דערציילט מיר עפּעס װעגן דעם — האָט זי געזאָגט און איר בליק האָט אויפֿגעטרייסלט שמואלן ביז צו דער נשמה — דערציילט נאָך עפּעס — האָט זי איבערגעחזרט.

— איר... איר... זענט שענער װי אַלע מענטשן, װאָס איך האָב נאָר אַמאָל געזען.

— שמואל, איר קענט אײַך נאָך נישט אויף פֿרויען.

— כ׳װײס עס, כ׳בין דאָך נאָר אַ ייִנגל פֿון דאָרף.

זי האָט געװאַרט, אַז ער זאָל נאָך עפּעס רעדן — די מיידלעך בײַ אונז... — האָט ער שטיל געשעפּטשעט — זענען שיינע... אָבער איר... איר. — און דערנאָך זענען אים פּלוצלינג געקומען די װערטער — איר זענט אַ פּרינצעסין.

— אָ, װען װעט איר שוין געפֿינען װערטער — האָט זי געזאָגט שמייכלענדיק — איר זענט אינגאַנצן אַן אַנדערער. און נאָך אַ מינוט האָט זי צוגעגעבן: — אָ, איר אַליין װייסט נישט שמואל, װי אַנדערש איר זענט װי אַלע אַנדערע.

— אַנדערש — האָט ער איבערגעחזרט אירע װערטער.

— יאָ, איר זענט אַזוי יונג, אַזוי פֿריש. איר װאָלט פֿאַר מיר אַלץ געטון, אמת ?

— יאָ.

— איר װאָלט אײַנגעשטעלט פֿאַר מיר אײַער לעבן, װי איר האָט עס געטון פֿאַר מײַן קוזין ?

אין שמואלס ענטפֿער איז גאָרנישט געװען קיין ספֿק.

— איך װאָלט געװאָלט, ס׳זאָל זיך מאַכן דערצו אַ געלעגנהייט — האָט זי געזאָגט לאַכנדיק. און דערנאָך האָט זי צוגעגעבן — אָבער אין דער אַלטעגלעכקייט מאַכט זיך גאָרנישט

שמואל האָט שווייגנדיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן. ער האָט אינגאַנצן בעציטערט.

— וואָס ווילט איר טון מיט דער רויזן?

— איך דאַרף זיי טראָגן פאַר די באַלעבאָסטע.

— גיט מיר איין רויז!

זי האָט אַרויסבאַקומען פון זיין האַנט אַ רויז, שמואל האָט איר געגעבן, און זי האָט צוגעשפּילעט צו איר קלייד. — איר קאָנט מיר אָפּט ברענגען רויזן — האָט זי געזאָגט מיט איר וואונדערבאַרן שמייכל — פאַרגעסט נישט אָן דעם.

און ווען זי האָט זיך שוין געגרייט אַוועקצוגיין, האָט זי באַרירט מיט איר האַנט זיינע.

אַז שמואל האָט דערפילט די באַרירונג פון אירע וואַרעמע פינגער, האָט ער אינגאַנצן אויפגעציטערט. דער קאָפּ האָט זיך אים צומישט, עפּעס פאַרבלענדטס, סטיכישס האָט אים באַהערשט, עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט נאָך ביז יעצט נישט געפילט, זי איז אַדורך דעם קאָרידאָר און אים איבערגעלאָזט אַליין. ער האָט זיך געמוזט אָנשפּאַרן ביים טיש, אַ גאַנצן טאָג איז ער געווען ווי פאַרטויבט, מינוטנווייז האָט אים אָנגעכאַפּט עפּיס אַ געפיל פון ווילד גליק. גלעדיס האָט זיך מיט אים אינטערעסירט. גלעדיס האָט צו אים אַ שמייכל געטון, באַרירט זיינע הענט.

אין אָוונט איז ער געגאַנגען צו די סטידמענס, ער האָט געוואָלט דערציילן זאָפיען זיינע אַלע איבערלעבענישן. ביידע זענען זיי גאַנצע שעהן געזעסן און געשמועסט וועגן דעם. ער האָט וואָס אַמאָל געגומען איבערדערציילן פון ס'ניי. זאָפיע האָט אויסגעהערט דאָס אַלץ מיט גלאַנצעדיקע אויגן, פאַרלייגט די הענד ווי ביי אַ תפלה — אָ, שמואל — האָט זי געשעפּטשעט באַגייסטערט — כ'האָב געוואוסט, אַז פריילן גלעדיס וועט אייך פאַרשטיין. זי איז אַזוי פּרעכטיק — כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז זי מוז אויך גוט זיין!

## XI

ס'איז אַוועק אַ וואָך און שמואל האָט זיין גערטנערישע ... נישט געזען. ער האָט בלויז געלעבט מיט די ערינערונגען פון זייער לעצטער באַגעגעניש. ביים שניידן די בלומען, האָט ער געטרייסט זיך מיט די וואונדערבאַרע געשעענישן, וועגן דעם אָפּראַטעווען פון דעם געפאַר, וואָס ס'האָט באַדראָט דאָס לעבן פון זיין באַלעבאָס וועגן פאַרשידענע העלדנטאַטן. צום ערשטן מאָל, האָט זיך אים די אַרבעט אויסגעוויזן לאַנגווייליק, זי איז דאָך געווען אַזוי ווינציק ראָמאַנטיש! אָ, ווען ער וואָלט אַזוי געווען אַ שאָפער ביי גלעדיסן! אָדער אַ וועג-ווייזער ביי אירע אויספלוגן אויף די בערג! אָדער ווי דער, וואָס האָט געפירט דאָס פּרעכטיקע וואַסער-שיפל. שמואל האָט אַ סך געטראַכט, ער האָט מורא געהאַט, אַז די גראָע אַלטעגליכקייט זאָל אים אַמאָל איינגאַנצן נישט פאַרשלינגען. ער האָט אַבסאָלוט נישט געפילט, ווי נאָענט ס'איז די געוואַלטיקע ענדערונג.

בערטיע לאָקמען האָט געוויילט עטלעכע טעג ביי זיינע פריינט צו גאַסט. אַ געוויסן נאָכמיטאָג איז ער געקומען אומגעריכט.

שמואל האָט געוואוסט, אַז מ'האָט בערטיע נישט אָפּגעוואַרט, ווייל אַנדערש וואָלט זיין שטוב אויסגעזען, זי וואָלט געווען אָנגעפילט מיט בלומען. דער גערטנער איז נישט געווען. ווען דער אויטאָ איז געקומען צופאָרן, האָט שמואל אויף אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָפּגעשניטן בלומען און זיי אַוועקגעטראָגן אין פאַלאַץ. ער האָט זיי איבערגעלאָזט אינם צימער פון דער באַלעבאָסטע און איז איר אַוועק זוכן. אין עס-צימער האָט ער געטראָפן בערטיען, ער האָט גראָד אַרויסגעגעבן באַפעלן פעטערסן. שמואל, אַלס באַשיידענער געהילפס-גערטנער האָט זיך באַדאַרפט אָפּרוקן אין אַ זייט. אָבער ער איז געגאַנגען ווייטער און בערטיע האָט געשמייכלט צו אים אָנגענעם און געזאָגט — האַלאָ, שמואל!

— גוט מאָרגן, הער אַלבערט.
— ווי גייט עס מיט דער אַרבעט? זענט איר צופרידן?
— אויסערגעוויינליך — און ער האָט צוגעגעבן — כ'האָב אייך געבראַכט נאָר אייניקע בלומען.

בערטיע האָט זיך ווידער געווענדט צו פּעטערסן, און שמואל האָט טאַקע געוואָלט אַוועקגיין, אָבער פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון אַן אויטאָ פאַרן הויז.

— וואָס איז דאָס? — האָט בערטיע אויסגערופן. ער האָט געקוקט אויף דער טעראַסע וואו ס'איז געשטאַנען אַ גרויסער, רויטער אויטאָ. אינעווייניק זענען געזעסן עטלעכע יונגע מענטשן, זיי האָבן באַוועגט מיט די הענט און גערופן:

— בערטיע! בערטיע!

בערטיע איז געווען שטאַרק פאַרוואונדערט: — אָך, צום טייוול! — האָט ער געברומט און ער איז אַרויס באַגריסן די געסט.

שמואל האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט באַדאַרפט יעצט בלייבן שטיין, ער האָט זיך באַדאַרפט וואָס גיכער דערווייטערן. אָבער וויענדיק איינער פון די אויסדערוויילטע, האָט ער נאָך נישט געוואוסט, וואָס ער באַדאַרף יעצט טון. אַ חוץ דעם, האָבן זיי, די מענטשן פון דער העכערער וועלט, זיך אים אויסגעוויזן אַזעלכע פּרעכטיקע באַשעפענישן, אַז ער האָט זיי געוואָלט בעסער באַקענען.

אין אויטאָ זענען געזעסן צוויי יונגע מענער, זיי זענען געווען כמעט אַזוי שיין ווי בערטיע. אַחוץ זיי איז אויך געווען פיר יונגע פרײלנס. זיי זענען אויך געווען שיינע, כמעט ווי די פרייל גלעדיס, אָבער זיי האָבן געמאַכט אַ וואונדערבאַרן איינדרוק, אפשר צוליב זייער ספּעציעלער אויטאָ-קליידונג.

די מיידלעך זענען געווען צאַרטע, דופּטיקע באַשעפענישן, מיט פנימער, ווי בלומען, קליינע הענטלעך און פיסלעך. האָבן געהאַט אויף זיך אַלע פרייליגגס = פאַרבן. אויף

די הױטן זענען געװען פײגעלעך, בלימלעך און פרוכטעך, און פון די היט זענען אַראָפּגעהאָנגען דינע װאַלן. װען זײ זענען אױסגעשטיגן פון אױטאָ, האָט שמואל באַמערקט זײערע עלעגאַנטע זאַקן, די בענדלעך און שיכלעך. זײ האָבן געלאַכט, געװיצלט זיך און פרײדיק זיך דערנענטערט צו דער טעראַסע.

— דו פרײסט דיך אָרנישט מיט אונזער קומען, בערטיע? — האָט אױסגערופן אײנע פון די מײדלעך.

— באַרויק דיך, אַלטער פרײנד, קײנער פון אונז װעט דיך נישט פאַרראַטן — האָט אײנער פון די יונגעלײט געזאָגט.

— מיר װעלן זײן פײנע מענטשן, מיר װעלן זיך באַצײטנס אָפּטראָגן — האָט צוגעגעבן אַ צװײטע.

אײנע פון די מײדלעך האָט באַזונדער געצױגן אױף זיך שמואלס אױפמערקזאַמקײט, װײל זי האָט אױסגעזען ערנסטער און האָט זיך געהאַלטן רויקער װי אַלע אַנדערע. זי איז געװען אַ קלײנטשינקע, זי האָט געטראָגן אַ רױזיק-װײס קלײד מיט װײסע שלײפלעך, איר פנים איז געװען רײצנד. שמואל האָט נאָך אַזעלכעס קײנמאָל נישט געזען. יעצט האָט זי זיך געװאָרפן אױף לאָקמענען און אים אַרומגענומען דעם האַלז.

— בערטיע! — האָט זי אױסגערופן — איך בין שולדיק. איך האָב זײ געצװאונגען, זײ זאָלן דאָ מיט מיר אַהערפאָרן. כ'האָב אַזױ געגאַרט דיך צו זען. דו ביסט נישט בײז אױף אונז?

— נײן — האָט בערטיע געענטפערט — כ'בין נישט בײז.

— טאָ פרײ זיך — האָט דאָס מײדל געזאָגט, — זי האָט אים נאָר אַמאָל געגעבן אַ קוש — זײ אַ ליב ײנגל.

— שױן, גוט — האָט בערטיע װאַקלדיק געענטפערט — כ'װעל זײן אַ ליב יונגל, בעלאַ.

— מיר האָבן דיר געװאָלט מאַכן אַ סיורפּריז, — האָט אײנער פון די יונגעלײט אים ערקלערט.

— ס'איז טאַקע פאַר מיר אַ סיורפריז — ס'האָט אױס-

געזעזן נאָר בערטיעס ענטפער האָט פריילעך געמאַכט די געסט, ווייל אַלע וואָבן אָנגעהויבן הויך צו לאַכן.

— ער פאַרבעט אונז נישט צומאָל אין שטוב אַריין — האָט איינע פון די מיידלעך באַמערקט. — קום, דאָלי, מיר וועלן באַקוקן זיין פאַלאַץ.

די געסט זענען אַריין אין קאָרידאָר אַריין. שמואל האָט נאָך געהערט דאָס גערויש פון זייערע זיידענע קליידער, ער האָט געפילט אַ ריח, ווי פון אַ מזרח־גאָרטן, דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק צו דער דינערשאַפט.

ביי דער דינערשאַפט האָט ער זיך דערוואוסט, אַז איינער פון די פאַרשוינען, האָלידע, איז דער יונגסטער זון פון באַן־מאַגנאַט, זיין שוועסטער איז געווען אַ כלה מיט אַן ענגלישן פרינץ. דער צווייטער יונגערמאַן איז געווען אַ יורש פון אַ האָלץ־קעניג פון מערב, און כאָטש ער איז יעצט אַלט געווען נישט מער ווי צוואַנציק יאָר, איז ער שוין געווען פאַרפּלאָנטערט אין אַ גט־פּראָצעס. ווער עס זענען געווען די יונגע דאַמען, דאָס האָט קיינער געבוי נישט געוואוסט, מ'האָט באָר געמאַכט פאַרשידענע פאַר שמואלן אומפאַרשטענדלעכע באַמערקונגען.

באַלד איז באַוואוסט געוואָרן, אַז די געסט בלייבן אויף אָוונט־ברויט. ס'איז געוואָרן אַ שטאַרקע באַוועגונג. אין די אייבערשטע אַפּאַרטאַמענטן האָט אַלץ געקאָנט ערליידיקט ווערן ווי אַמגיכסטן, אָבער אונטן, וואו ס'האָט געאַרבעט די דינערשאַפט, איז גאָרנישט געווען אַ קלייניקייט, דורך צוויי שעה צוצוגרייטן אַן אָרנטלעך מאָלצייט. אַפילו שמואל האָט געמוט צוהעלפן -- ער איז צופרידן געווען דערפון, אויף אַזאַ אופן האָט ער דאָך געקאָנט פאַרבלייבן אין פאַלאַץ. ער האָט געזען ווי פעטערס איז אַרויסגעגאַנגען פון קעלער מיט נאָך אַ דינער. ביידע האָבן געטראָגען אַ קויש, פול מיט פלעשער. שמואל האָט דאָס אַלץ אַדורכגעטראַכט ביים שיילן די קאַרטאָפל. די איינציקע זאַך, וואָס ס'איז אים נישט געפעלן געוואָרן, אין דער

פירונג פון אַט די „הויכע ספערן", איז געווען דאָס, וואָס אַלקאָהאָל האָט דאָרט נעשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע. אין עסצימער איז אויפן בופעט שטענדיק געשטאַנען פלאַשן מיט ליקער, דאָס האָט מען דערלאַנגט די געסט ביי יעטוועדער געלעגנהייט. אויך די פרויען האָבן דאָרט געטרונקען — אַפילו פריילן גלעדיס. דאָס האָט שוין שמואלן אַרויסגעבראַנגט פון גלייכגעוויכט און אים ערשיטערט.

אַט דאָ האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן די „הויכע פענסטער", וואָס ווייסן גוט, וואָס זיי טוען, אָבער צי איז טרינקען אַלקאָהאָל נישט געווען פאַר יעטוועדן אייינציקן — אַ פאַרברעכן? מיט דער פראַגע איז געווען ס'זעלביקע, וואָס מיט דער פראַגע וועגן זעלבסטמאָרד, ער האָט אָנגעהויבן צו צווייפלען. און האָט דער אַלקאָהאָל נישט די זעלבע ווירקונג אויף די רייכע, וואָס אויף די געוויינלעכע מענטשן? אָדער אפשר טרינקען זיי, עפעס אַזוינס, וואָס מאַכט זיי נאָר פריילעך, אָבער נישט פאַרשיכורט? די דינערשאַפט פלעגט תמיד זיין שיכור, ביי יעדן מאָל, ווען זיי האָבן געגאָסן ליקער פון די פלעשלעך אין די גלעזלעך אַריין.

די פראַגע האָט שמואלן שטאַרק געפייניקט. אָבער דאָס נאָר צוליב זיין באַלעבאָס — וויל וועגן זיך אַליין, אַז ער זאָל אַזוי זינדיק ווערן, און אָנהייבן טרינקען אַלקאָהאָל, וועגן דעם האָט ער אינגאַנצן נישט געטראַכט.

דאָס אָוונט-ברויט איז שוין געווען צוגעגרייט. דורכן לופטשיק פון שפייז-צימער האָט שמואל געהערט דאָס גערויש און געלעכטער, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דאָרט. ווייַן האָט מען אַרויפגעצויגן וואָס אַמאָל מער. ס'איז געווען, ווייזט אויס, אַ פריילעכע סעודה. זי האָט שוין געדויערט קנאַפע דריי שעה און ס'גערויש איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, אַזוי, אַז מ'האָט שוין געהערט איבערן גאַנצן פּאַלאַץ. זיי האָבן אָנגעהויבן זינגען ווילדע לידלעך, מיט מאָדנע ווילדע רעפריינען, וואָס האָבן שמואלן איבערגעשראָקען. אין דער אמתן האָבן זיי רעכט געהאַט דערצו — אַט די גליקלעכע ערפאָלגרייכע מענטשן, צו

לעבן אין אַזאַ פרייד און אין אומאויפהערלעכע פאַרגעניגנס, אָבער — שמואל האָט אַלץ כּסדר געהערט דאָס אויסשיסן די קאָרקעס פון די שאַמפּאַן-פלעשלעך. איז דען טאַקע ריכטיק דאָס טרינקען אַלקאָהאָל? שוין געווען שפּעט ביינאַכט און די געזעלשאַפט האָט זיך נאָך געווײלט. אין דרויסן האָט זיך געטראָגן אַ שטורעם. דונערס האָבן געקנאַלט, בליצן האָבן געלויכטן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. די דינערשאַפט האָט שוין נישט געהאַט מער וואָס צו טון, איז זי אַוועק זיך אָפּרוען. שמואל האָט זיך נישט געקענט לייגן שלאָפן, האָט ער זיך אומרויק געשלעפּט אַ געפּייניקטער. איצט איז דער גאַנצער פּאַלאַץ מיטן אויסנאַם פון עס-צימער שוין געווען ליידיק. שמואל האָט זיך אַרויפגעכאַפּט מיט די אונטערשטע טרעפּ אין דער הויך. איינגעקורטשעט, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי די טיר, וואָס האָט געפירט אין דעם צימער און איינגעהערט זיך אין גערויש. ער איז געזעסן אַזוי אַ צען מינוט, געהערט די געזאַנגען און די? געשרייען. צוליב די דונערן איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין וואָס זיי האָבן גערעדט. פּלוצלינג האָט זיך צווישן די אַלע קולות אָפּגערופן אַ פרויען-שטים, אַ שרעקעוודיקס, אַן אויפרעגנדיקס, שמואל האָט זיך אויפגעשטעלט און איז נעלם געוואָרן טיף אין קאָרידאָר. ער האָט נישט געוואוסט, צי די געשרייען האָבן אויסגעדריקט ברוגז, שרעק, צי גאָר פּיין. איינס איז געווען זיכער, אַז זיי זענען נישט מחמת פאַרגעניגן און פון צופיל פרייד. ער האָט אינגאַנצן געציטערט, געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און איינגעהערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אַ געמיש פון קולות, דערנאָך ווידער די פרויען-שטים: — ניין, ניין, דאָס טאָרסט דו נישט... ניין!

— זעץ דיך, אידיאָט! — דאָס איז געווען בערטיע לאָקמענס קול.

אַ צווייטע פרויען-שטימע האָט גערופן: פאַרמאַך — די מאָרדע! וואָרג פאַר דיינע אייגענע געשעפטן.

— איך נעם דיר אַרויס אַן אויג, דו טייוול! — האָט

געשריגן די ערשטע פרויען-שטים, און דערנאָך האָבן זיך גע-
שיט ווילדע קולות. די אַנדערע פרוי איז נישט שולדיק גע-
בליבן קיין איין זידל-וואָרט. שמואל האָט פאַרשטאַנען, אַז
דאָרט קומט פאָר עפּעס אַ סיכסוך. טייל פון די געסט האָבן
זיך באַמיט שלום צו מאַכען און טייל נאָך צו פאַרשאַרפן די
מחלוקה. יעצט האָבן שוין אַלע געשריגן, ביידע פרויען
האָבן געבּרומט ווי שאַקאַלן. די קולות האָבן שמואלן
דערמאָנט די שרעקליכע געוואַלדן, וואָס ער האָט יעצט
נישט לאַנג געהערט אין פּאָליציי-אַרעסט. מיט שרעק
האָט ער זיך צוגעהערט. פּלוצלינג — אַ קלאַפּ פון צעהאַקט גלאָז,
און צווישן דעם גערויש – בּערטיעס קול: אַרויס! די טירן
האָבן זיך געעפנט און פאַר שמואלס אויגן האָט זיך אַנטפּלעקט
אַ שרעקלעך בּילד. פאַר אים איז שטיין געבּליבּן דאָס ריי-
צנדיקע, שטראַלנדיקע מיידל, וועלכע האָט אין אָוונט בּערטיע
געקושט אויף דער טעראַסע. איר פּנים איז געווען רויט פון
חיינען, די האָר זענען ווילד אַראָפּגעהאנגען אויף אירע אַקסלען.
וואַנזין האָט פאַרקרומט אירע איידעלע שטריכן. זי האָט גע-
שריגן מיט אַלע כּוחות. בּערטיע האָט איר פעסט געהאַלטן,
באַמיט זיך איר אַרויסצוואַרפן פון שטוב, נאָר זי האָט זיך
געווערט, געשריגן אומאויפהערלעך: — לאָז מיך אָפּ! לאָז מיך אָפּ!

— אַרויס! – האָט בּערטיע געשריגן — אַרויס! איצט
מיין איך עס שוין ערנסט.

— כ׳וועל נישט גיין, כ׳וועל נישט גיין! לאָז מיך אָפּ!

— הורראַ! — האָבן אַלע איבּריקע געסט געשריגן, שטופּנ-
דיק זיך צו בּערטיע. דער יונגער האָלידעי האָט געטאַנצט
אַרום, געדרייט מיט די פלעשער און געשריגן ווי אַ משוגענער:
לאָז איר געמאַכט! לאָז נישט אויף זיך אַזוי טרעטן, בּעלא.

— סוף! — האָט בּערטיע געשריגן — מיט דיר איז שוין
אַלץ געענדיקט! אַרויס!

— כ׳וועל נישט אַרויסגיין! כ׳וועל נישט אַרויסגיין! האָט
דאָס מיידל געוויינט — ראַטעוועט! מיט איין האַנט האָט זי
אַרומגענומען בּערטיע און מיט דער אַנדערער האַנט זיך אָנגע-
כאַפּט בּיי דער קלאַמקע פון טיר.

אָבער בערטיע האָט איר אַוועקגעריסן פון דער טיר, אַוועקגעשלעפּט איר אין קאָרידאָר. ארויס! כ'וויל דיך שוין מער נישט אָנקוקן.!

— בערטיע! בערטיע!

— איצט איז עס שוין אויף אַן אמת, דזשעק! עפן די טיר!

—בערטיע! טו עס נישט!—האָט דאָס מיידל זיך געבעטן. אָבער ער האָט איר פלוצלינג אַ שליידער געטון אונטער דער טיר. דערנאָך האָט ער פאַרקלאַפּט די שווערע טירן פון קאָרידאָר און פאַרמאַכט אויפן ריגל.

— ווי גאָט איז מיר ליב, ווי דו בלייבסט אין דרויסן!

דאָס מיידל האָט ווילד געקלאַפּט מיט די פויסטן אין די טירן. בערטיע האָט זיך אַ מינוט געוואַקלט. אָבער באַלד האָט ער אויסגעשריגן מיט אַ ווילדן געלעכטער:

— איצט איז שוין אַלץ ערליידיקט!

צווישן געלעכטער און צופרידנקייט פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, האָט ער זיך אומגעקערט אין עס-צימער. איינע פון די מיידלעך האָט אים אַרומגענומען מיט אַ געלעכטערל. דזשעק האָלידע האָט אויפגעהויבן אַ פלעשל אין דער הייך און געשריגן: נידער מיט דער אַלטער ליבע, זאָל לעבן די נייע!

בערטיע האָט פאַרמאַכט די טיר פון עס-צימער, און שמואל האָט שוין מער גאָרנישט געקאָנט זען.

## XII

אַ מינוט איז שמואל געשטאַנען ווי פאַרגליווערט. דער גאַס פון רעגן און דאָס דונערן איז געווען, ווי אַן עכאָ פון דעם גרויסן שטורעם, וואָס האָט געבושעוועט אין זיין נשמה.

ער האָט געפילט, ווי ס'וואָלט זיך געעפנט פאַר אים אַ תהום, וואוהין עס זענען אריינגעפאַלן אַלע טרוימען פון זיין נשמה; ער איז געשטאַנען פארטויבט, איבערגעשראָקן, איינגעקוקט זיך אין די חורבות פון זיין גלויבן.

דערנאָך איז ער גיך אַדורכגעלאָפן מיטן זאַל אויף דער טעראַסע. דער רעגן האָט גלייך געגאָסן אויף זיין פנים, אָבער ער האָט דאָס אינגאַנצן נישט געפילט, אין דער פינסטער האָט ער זיך צוגעשלעפט צום טויער. דאָרט איז געלעגן אַם, יידל אויף דער ערד. דורך דער געבלאָזעריי פון ווינט האָט ער דערהערט איר זיפצן. אַ מינוט האָט ער זיך איינגעבויגן און איר באַרירט — פריילן — האָט ער געשעפטשעט.

זי האָט זיך אַ ריס געטון — ווער זענט איר?

— אַ דינער בלויז פריילן.

זי האָט געפרעגט מיט אַ דערשטיקט קול: — ער האָט איין געשיקט?

— ניין, כ'בין אַליין געקומען, — כ'וויל אייך העלפן.

— איך באַדאַרף נישט קיין הילף. לאָזט מיך אָפּ.

— איר קאָנט דאָך נישט דאָ בלייבן אויפן רעגן, האָט שמואל געענטפערט. — איר קאָנט אייך צוקילן צום טויט.

— איך וויל טאַקע שטאַרבן. צו וואָס האָב איך דען צו לעבן?

שמואל איז געווען באַזאָרגט. ווען ער האָט באַרירט אירע נאַסע קליידער, האָט געזיגט ביי אים דער געזונטער פאַרשטאַנד — איר טאָרט דאָ נישט בלייבן.

זי האָט געשלוכצט: — ער האָט דאָך מיך אַרויסגעוואָרפן אונטער דער טיר. מיין גאָט, וואָס וועל איך ערשט טון?

שמואל איז אַוועקגעלאָפן אין פּאַלאַץ אריין, ער האָט גענומען אין קאָרידאָר אַ שירעם, און זיך אומגעקערט צו איר — ביטע, פריילן!

— וואוהין זאָל איך גיין? — האָט זי געפרעגט.

— איך קען אין דער שטאָט אַ משפחה, וואָס וועט אייך מיט פאַרגעניגן העלפן. איר קאָנט דאָ נישט בלייבן, איר וועט זיך צוקילן.

— וואָס זאָל איך טון? — האָט דאָס מיידל געוויינט. — וואָס קאָן איך איצט אָנווענדן? ער האָט דאָך מיך אַרויסגעטריבן — איך קאָן דאָך אָן אים נישט לעבן!

שמואל האָט אַרומגענומען דאָס מיידל מיט זיינע אָרעמס, אין דער אַנדערער האַנט האָט ער געהאַלטן איבער איר דעם שירם. אַזוי האָט ער איר געפירט דורכן גאָרטן אויף דער גאַס אַרויס.

יענע מכשפה האָט מיר אים אָפּגעשלאָגן — האָט זי געשריגן שלוכצענדיק. דזשעק האָלידעי האָט איר געשטויסן דערצו. אָ, אַז ער זאָל קיינמאָל פון גהינם נישט אַרויס! איך וועל אים באַצאָלן! — און זי האָט אָנגעהויבן שיטן מיט ווילדע קללות.

— פריילן, איך בעט אייך, פאַרהאַלט זיך רויק. — האָט שמואל געבעטן — מען קאָן דאָך דערהערן.

— ס'איז מיר שוין אַלצאיינס! זאָלן זיי מיך איינזעצן, דאָרט דאַרף איך טאָקע זיין. איך בין שיכור, אויסגעלאַסן — און ער דאַרף מיך שוין נישט.

אַזוי האָט זי גערעדט אַ גאַנצן וועג. אַז זיי זענען צוגעקומען צו דער בריק, איז זי שטיין געבליבן און זיך אַרומגעקוקט. — וואוהין פירט איר מיך?

— צו מיינע פריינט! — שמואל האָט איר געוואָלט אַריינפירן צו די סטידמענס.

— ניין, ניין! כ'וויל קיינעם נישט אָנקוקן. פירט מיך אַריין אין אַ האָטעל.

ס'איז דאָ דאָ אויף דער גאַס אַ האָטעל, נאָר כ'ווייס נישט וואָסערער ער איז.

— דאָס איז אַלצאיינס.

דער רעגן האָט אויפגעהערט אויף אַ מינוט. דאָס מיידל איז שטיין געבליבן, זי האָט געברענגט אין אָרדענונג אירע צעפּלושעטע האָר. אין דער אונטערשטער טייל פון האָטעל האָט זיך געפונען אַ רעסטאָראַציע, פון דאָרטן האָבן טרעפּ געפירט אין קאַנטאָר. דער מענטש וואָס איז געזעסן ביים שרייב-טישל, האָט אויסגעשטאַרצט אויף זיי די אויגן.

— איך וויל אַ צימער פאַר דער פריילן — האָט שמואל ערקלערט. — זי איז אזוי נאַס געוואָרן פון רעגן.

— דאָס איז אייער פרוי?

— ניין — האָט שמואל געענטפערט צעטומלט.

— און פאַר אייך ווילט איר אויך אַ צימערל?

— ניין, ניין, איך גיי אַוועק.

— אַזוי — דער מענטש האָט אַראָפגענומען אַ שליסל, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ ברעט — ביטע, אייער נאָמען?

שמואל האָט געכאַפּט די פעדער אין זיין האַנט און זיך געווענדעט צום מיידל: — אַנטשולדיקט, כ'ווייס דאָך נישט, ווי אַזוי איר הייסט.

— מערי שמידט — האָט זי געענטפערט און שמואל האָט געקוקט אויף איר דערשטוינט. — מערי שמידט, האָט זי איבערגעחזרט. שמואל האָט געהאָרכזאַם פאַרשריבן דעם נאָמען אין האָטעל בוך.

דער מענטש האָט זיי אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק און אויפגעמאַכט אַ טיר פון אַ צימערל. שמואל האָט איר אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און איז שטיין געבליבן לעבן איר, ער האָט געוואַרט אויף אירס אַ באַפעל. — אָבער זי האָט זיך פלוצלינג אַ ריס געטון, געוואָרפן זיך אויפן בעט און אָנגעהויבן וויינען. שמואל האָט נאָך נישט געהערט דאָס וואָרט „היסטעריע", ער האָט געקוקט דעריבער אויפן מיידל מיט שרעק, ער האָט זיך נישט געקאָנט גלויבן, אַז אַזאַ צאַרט באַשעפעניש זאָל קאָנען אויסהאַלטן די איבערלעבעניש.

— אָך, כ'בעט אייך, כ'בעט אייך, הערט אויף צו וויינען! כ'בעט אייך, כ'בעט אייך! — האָט ער געבעטן.

— איך קאָן נישט לעבן אָן אים! — האָט דאָס מיידל געשלוכצט אומאויפהערלעך. — כ'קאָן נישט, כ'קאָן נישט! וואָס זאָל איך טון?

שמואלן האָט דאָס האַרץ וויי געטון פאַר צער. ער איז צוגעגאַנגען צום בעט און אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר

אקסל, — הערט מיך אויס — האָט ער ביי איר געבעטן — מיט אַלע כּוחות וועל איך פּרווון אייך העלפן.

— וואָס קאָנט איר דען פאַר מיר טון?

— איך וועל גיין צו אים. כ׳וועל אים בעטן... אפשר הערט ער מיך אויסהערן.

— יאָ! — האָט זי אויסגערופן — יאָ! גייט אַהין צו אים, זאָגט אים, אז איך וועל מיך דערהרגענען, אָבער צו־ערשט וועל איך אים מיט דאַלליין דערהרגענען, איידער זי וועט מיר אים נאָך אָפּרעדן. יאָ, דאָס איז מיין פעסטער באַשלוס. ער האָט מיר צוגעשוואוירן, אַז ער וועט מיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, און איך האָב אים געגלייבט, אַלץ אים אָנגעטרויט.

שמואל האָט אָנגענומען מוט. ער האָט צענויפגעדריקט די פויסטן. — יאָ, כ׳וועל רעדן מיט אים נאָך די נאַכט. — ער האָט זיך אויסגעדרייט און איז אַרויס פון צימער. ער איז אַריין אין דער ביוראָ, געוואָלט מעלדן דעם האָטעל־דינער, אַז ער גייט אוועק. אָבער דאָרט איז קיינער נישט געווען. נאָך אַ מינוט טראַכטן, האָט ער פאַרלאָזט דעם האָטעל. דער רעגן האָט אויפגעהערט, דורך די שוועבנדיקע וואָלקנס האָט זיך אַדורכגעריסן די לבנה. שמואל האָט געאײַלט צוריק צו „פּערוויאַ“, די הענט צענויפגעדריקט פול מיט מוט. אַז ער איז לסוף שוין צוגעקומען אַהין, האָט ער באַמערקט אַן אויטאָ. ער איז געשטאַנען פאַרן פּאַלאַץ, און די געסט האָבן זיך געזעגנט מיטן באַלעבאָס. נאָך זייער אָפּפאָרן איז שמואל שטיין געבליבן אַקעגן זיין יונגן הער.

— ווער איז דאָס? — האָט בערטיע אומרויק געפרעגט.

— איך, מיין הער!

— אָ, שמואל! וואָס טוט איר ערשט דאָ?

— כ׳האָב אָפּגעפירט די יונגע דאַמע.

— אָ! וואָס איז מיט איר געשען?

— כ׳האָב איר אַריינגעפירט אין אַ האָטעל.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר דערפאַר.

אויף דער טעראַסע האָבן נאָך געברענט די עלעקטערישע לאָמפּן. שמואל האָט זיך געקאָנט איינקוקן אין פּנים פון זיין באַלעבאָס.

ס'איז געווען רויט פון טרינקען. די האָר אין די קליידער זענען ביי אים געווען אין אומאָרדנונג. און צו דעם אַלעם, האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס.

— הער אַלבערט — האָט שמואל געזאָגט ערנסט — קען איך מיט אייך רעדן עטלעכע ווערטער?

— ביטע זייער. — בערטיע האָט געזוכט אַ שטול און איז גלייך אַרויפגעפאַלן אויף איר — וועגן וואָס האנדלט זיך עס?

— וועגן דער יונגער פריילין.

— וואָס איז מיט איר געשען?

— זי איז זייער אומגליקלעך.

— איך קען עס פאַרשטיין. נו, אָבער זי וועט זיך באַלד טרייסטן?.

— הער אַלבערט! — האָט שמואל אויסגערופן — איר זענט אייך נישט באַגאַנגען מיט איר אָנשטענדיק.

בערטיע האָט אויסגעשטאַרצט אויף אים אַ פּאָר אויגן — וואָס, צום טייוול?

— איר טאָרט איר נישט פאַרלאָזן, הער אַלבערט. איר באַשווערט אייער געוויסן מיט אַ שרעקלעך אומרעכט. איר האָט איר פאַרפירט און געבראַכט צום אָפּגרונט.

— וואָס? — האָט בערטיע געפרעגט צעמישט. — האָט זי אייך דאָס אַלץ דערציילט?

— זי האָט מיר גאָרנישט דערציילט קיין אייננצלהייטן — האָט ער געענטפערט.

— מיין ליבער — האָט בערטיע אויסגערופן לאַכנדיק — איך האָב דאָך דאָס מיידל דערפירט צו אַ קאַריערע. זי איז דאָך געווען אַ כאָריסטין מיט זעכצן דאָלאַר אַ וואָך, ווען איך האָב איר באַקענט.

— גאַנץ מעגלעך, — אָבער דעמאָלט איז זי געווען אַ ערלעך מיידל.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, שמואל. ברעכט אייך

נישט צוליב דעם אייער קאָפּ. זי האָט נאָך פּאַר מיר געהאַט דריי אָדער פיר געליבטע!

ביידע זענען אַנטשוויגן געוואָרן. שמואל האָט געפּרוווט זיך קלאָר מאַכן די זאַך. — אַפילו אין דעם פאַל, הער אַלבערט— האָט ער ערקלערט לסוף — איז אייך אויך נישט ערלויבט איר צו פאַרלאָזן, אַז זי זאָל ליידן הונגער.

— נאַרישקייטן! ווער האָט דאָס אייך געבראַכט אויף אזא געדאַנק? בעלע קען באַקומען פון מיר אַזוי פיל געלט, וויפל זי וויל נאָר. זי דאַרף וועגן דעם זיך גאָרנישט קימערן. זי האָט מיט אייך גערעדט וועגען דעם?

— ניין... — האָט שמואל געמורמלט צעטומלט — וועגן דעם נישט... אָבער זי... זי ליבט דאָך אייך... הער אַלבערט.

— כ'ווייס דאָס, און דאָס איז טאַקע דאָס גאַנצע אומגליק. זי וואָלט געוואָלט מיך האַלטן אונטערן שטאַרצל, און דאָס לאַנגווייליקט מיך. — ער האָט געשוויגן אַ מינוט און דערנאָך האָט ער זיך פּלוצלינג געווענדעט צו שמואלן: — פאַרוואָס האָט איר נישט חתונה מיט דעם מיידל?

שמואל האָט געקוקט אויף אים, נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך. — וואָס מיינט איר?

— אַ פּראַקטיקער איינפאַל — האָט בערטיע ווייטער געצויגן — איך וואָלט אייך איינגעאָרדנט אַ קליין געשעפטל און ס'וואָלט אייך גאָרנישט שלעכט געווען.

— הער אַלבערט! — שמואל האָט זיך געפילט טיף געקרענקט.

— בעלאַ איז זייער אַ שיינע, שמואל! איר אַליין זאָגט עס דאָך. זי איז אויך אַ גוטע, נאָר עטוואָס ווילד. אָבער איר וואָלט זיך מיט איר אַן עצה געגעבן.

ער האָט אַ ווײַלע איבערגעריסן. אַז ער האָט געזען, אַז שמואל האָט זיך נאָך נישט געלאָזט איבערצייגן, האָט ער לסוף צוגעגעבן מיט אַ שמייכל: — וואַרט צו, ביז איר וועט איר באַגעגנען באַקענען, אפשר וועט איר אייך אין איר דעמאָלט פאַרליבן!

שמואל האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ. — הער אַל־בערט — האָט ער שטיל געענטפערט — איר ווייזט האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איך בין צו אייך געקו־מען?

— וואָס ווילט איר ד ן דערמיט זאָגן?

— די... די גאַנצע געשיכטע... איך קאָן אייך נישט זאָגן, ווי ווייט דאָס אַלץ טוט מיר וויי. איך בין געקומען אַהער כדי אייך צו באַדינען, הער אַלבערט. איר קענט גאָרנישט וויסן, ווי צופרידן איך בין געווען. כ׳בין גרייט געווען צו טון פאַר אייך אַלץ, אַזוי בין איך פול געווען מיט דאַנקבאַר־קייט פאַר דעם, וואָס איז מיר ערלויבט געווען צו זיין נאָענט פון אייך. איר זענט רייך און גרויס, אַלץ אַרום אייך איז פול מיט רייץ... כ׳האָב געטראַכט דעריבער, אַז איר מוזט זיין איידל און גוט. און פאַר אייער גוטסקייט האָט איר ערוואָרבן אָט דאָס אַלץ, אָבער יעצט האָב איך אַנטדעקט, אַז... איר זענט אַ שלעכטער מענטש!

בערטיע האָט זיך אויסגעגלייכט אויף דער שטול: — וואָס, צום טייוול, פּלוידערט איר?

— דאָס אַלץ איז פאַר מיר שרעקלעך, הער אַלבערט! — האָט שמואל געצויג ווייטער — כ׳ווייס פּשוט נישט ווי אַזוי דאָס אַלץ צו פאַרשטיין...

— הערט נאָר, שמואל! — האָט בערטיע געפרעגט צאָרנ־דיק — ווער האָט אייך דאָ אַהער געשיקט צו פּריידיקן פאַר מיר מאָראַל?

— איך קען עס נישט פאַרשטיין — האָט שמואל גע־זאָגט — איר געהערט צו די „פּעיקע״, דער פּראָפעסאָר האָט מיר אַזוי געזאָגט. דאָך קען איך מיינען, וואָס פאַרמאָגן גאָר־נישט, און זענען בעסער פאַר אייך.

בערטיע לאָקמען האָט געקוקט אין שמואלס טיף ערנסטע אויגן און אויסגעזעצט מיט אַ געלעכטער. — הערט, שמואל, איר האַלט זיך אָקעגן מיר גאָרנישט פיין!

— פאַרוואָס, הער אַלבערט?

— ווי באַלד איך בין פאַררעכנט צו די פּעיקע, טאָ, מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָלט איר פאַר מיר אָט די דרשה?

שמואל איז אַ צעטומלטער אַנטשוויגן געוואָרן. — איך... איך הער... — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט.

— איר דאַרפט פאַרשטיין — האָט בערטיע געזאָגט — אַז איך בין דער הער און איר — דער דינער. איך בין געלערנט און איר זענט אַ פּשוטער פויער. און איר שטעלט אייערע אָנשויאונגען אין פאַרגלייך מיט מיינע! איר האָט די חוצפה אַרויסצוזאָגן אייער מיינונג וועגן מיר, אָנווייזן מיר ווי אַזוי איך דאַרף זיך פירן?

אויף די ווערטער האָט שמואל שוין נישט געפונען קיין ענטפער.

— זעט איר דען נישט — האָט בערטיע געזאָגט, אויסנוצנדיק די געלעגנהייט — ווי באַלד איר גלויבט אין דעם, וואָס איר האָט געזאָגט, אַז איר דאַרפט מיר זיין אונטערטעניק? וויבאַלד איך זאָג, אַז ס'איז גוט אַזוי, דאַרף עס שוין דערפאַר אַליין זיין גוט. ווייל וויבאַלד איך וואָלט פריער באַדאַרפט פרעגן ביי אייך, וואָלט איך דאָך געווען דער דינער, און איר — דער הער?

— ניין, ניין, הער אַלבערט — האָט זיך שמואל אַנטקעגנגעשטעלט — נישט אַזוי האָב איך עס געמיינט.

— איך וואָלט אייך דעמאָלט אָפּגעגעבן מיין גאַנץ פאַרמעגן — האָט זיך בערטיע געהאַלטן ביי ס'זייניקע — און איר וואָלט געטון, ווי אייך געפעלט.

— אַזוי האָב איך עס נישט געמיינט — האָט שמואל אויסגערופן פאַרצווייפלט. — כ'ווייס נישט ווי אַזוי כ'זאָל עס אייך ערקלערן... איך ווייס נאָר, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג.

— אָבער וואָס? וואָס?

— הער אַלבערט — האָט שמואל אַרויסגעמורמלט. — ס'איז באַרנישט שיין פון אייך, אַז איר זאָלט זיך אָנשיכורן.

בערטיע האָט זיך פאַרויטלט.

— ניין, ס׳איז נישט שיין, — האָט שמואל איבער־געחזרט.

פלוצלינג האָט זיך בערטיע דאַנענטערט צו אים. — אפשר זענט איר גערעכט, אָבער וואָס קאָנט איר אַקעגן דעם אָנ־ווענדן? — זיין שטים איז געווען צאָרנדיק. שמואל איז איבערגעשראָקן אַנטשוויגן געוואָרן. און ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט.

— איך שטיי אין דער שפּיץ, — האָט בערטיע אויסגעּ־רופן דראָענדיק. — איך שטיי אין דער שפּיץ און וועל קיינ־מאָל נישט אַראָפּגיידערן, איר פאַרשטייט? דער גורל איז אין מיין האַנט, אַז מיר וועט געפעלן צו שיכורן, וועל איך שיכורן. און איר וועט מוזן אויסהערן מיינע באַפעלן און זאָרגן וועגן זיך אַליין. וואָס זאָגט איר אַצינדערט?

— איך מיין — האָט שמואל געשעפּטשעט אָן אָטעם, — אַז איך קאָן פאַרלאָזן מיין אַרבעט.

— יאָ, און דאַן וועט איר, אָדער שטאַרבן פון הונגער, אָדער מוזן ביי אַן אַנדערן הער בעטן אַרבעט. איר וועט ווייטער מוזן הערן זיינע באַפעלן, און אייערע אָנשויאונגען באַ־האַלטן פאַר זיך! פאַרשטאַנען?

— יאָ — האָט שמואל געענטפערט מיט אַן אַראָפּגע־לאָזטן קאָפּ — איך פאַרשטיי.

— גוט. — בערטיע האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול. ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס.

— און איצט וועט איר גיין צו בעלען מיט אַ שליחות פון מיר.

— גוט, הער אַלבערט.

— איר וועט איר זאָגן, אַז כ׳האָב איר שוין גענוג גע־האַט, מער וויל איך זי שוין נישט זען. איך וועל איר שיקן יעדן חודש צוויי הונדערט דאָלאַר, נאָר אַזוי לאַנג ווי זי וועט מיר געבן רו. אויב זי וועט מיר שרייבן, אָדער אויף אַן אַנ־

דערן אופן מיך וועלן זען, אַזוי באַקומט זי נישט איין פּרוסה. דאָס איז אַלץ.

— יאָ, הער אַלבערט.

— און וואָס אַנבאַלאַנג אייך, מוז איך אייך זאָגן, אַז אייער אויפפירונג איז געווען פאַר מיר אַ וויץ, וואָס וועט זיך שוין זיכער נישט איבערחזרן. איר פאַרבלייבט ווייטער גע־הילפ־גערטנער און איך ראַט אייך נישט צו פאַרגעסן אָן אייער שטעלע.

— יאָ, הער אַלבערט. — שמואל האָט געוואַרט. ער האָט נאָכגעקוקט ווי בערטיע איז אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַ פאַרטויבטער אַרויס אויף דער גאַס.

בערטיעס ווערטער זענען אויף אים געפאַלן ווי שטאַרקע קלעפּ פון אַ האַמער. זיי האָבן אָפּגענומען ביי אים אַלע אילוזיעס. איצט האָט ער פּיינט באַקומען די אַרבעט, מיט וועלכע ער איז געווען אַמאָל אַזוי שטאָלץ. די אַנטוישונג און ווייטאָק האָט אים אַזוי שטאַרק געפּייניקט, ווי יענע נאַכט אין דער תּפיסה קאַמער, ווען ער האָט דאָס דערקענט, אַז די גערעכטיקייט, וואָס איז אַזוי פאַרהערלעכט געוואָרן דורך אים, איז גאָרנישט אַזוי שיין, נאָר פאַרקערט, אַ ווערקצייג צו קלאַסן־אונטערדריקונג און אומגערעכטיקייט.

אין אָט דער שטימונג, איז ער אָנגעקומען אין האָטעל אַריין. אין ביורא האָט ער קיינעם נישט געפונען. ער איז געלאָפן גלייך צו בעלאַן אין צימער און אָנגעקלאַפּט. ער האָט נישט באַקומען קיין שום ענטפער, און ער האָט אָנגעקלאַפּט נאָכאַמאָל שטאַרקער. — „איז זי דען שוין אַרויסגעגאַנגען"? — האָט ער געטראַכט ביי זיך און געקוקט אויפן נומער פון צימערל, זיכער צו זיין צי ס'איז דאָס זעלביקע. דערנאָך האָט ער לייכט אַ דריק געגעבן די קלאַמקע. די טיר האָט זיך געעפנט.

— פריילן! — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער געשריגן צום צווייטן מאָל שוין שטאַרקער.

ס'איז נישט געווען קיין ענטפער. שמואל איז אַריינגעגאַנגען אין

שטוב — אפשר שלאָפט זי — האָט ער געטראַכט. ער האָט אונטערגעהערט, אפשר וועט ער דערהערן איר אָטעם. ער איז צוגעטרעטן לסוף צום בעט, באַרירט זי מיט אַ האַנט. ער האָט זיך צוריקגעצויגן מיט אַ שרעקלעך געשריי. — ער האָט דערפילט עפּעס וואַרעמס, קלעבעדיקס.

ער איז ארויסגעלאָפן אויפן קאָרידאָר, באַקוקט זיין האַנט און שיער נישט פאַרחלשט געוואָרן. זי איז רויט געוועזן פון בלוט. — ראַטעוועט! ראַטעוועט! — האָט ער געשריגן מיטן גאַנצן כּוח און איז געלאָפן אַראָפּ מיט די טרעפּ אין ביוראָ אַריין.

דער אייגנטימער פון האָטעל איז אָנגעקומען. — קוקט — האָט שמואל געשריגן, — קוקט, וואָס זי האָט געטון!

— אָ, מיין גאָט! — האָט דער באַלעבאָס אויסגערופן.

ער איז אַרויפגעלאָפן אינדערהייך און שמואל נאָך אים. מיט ציטערנדיקע הענט האָט ער געמאַכט ליכטיק. שמואל האָט אַ קוק געטון אויף איר און זיך אָנגעכאַפּט ביים בעט, די שרעק האָט אים אָפּגעשוואַכט די פיס. דאָס מיידל איז געלעגן אין אַ שטראָם בלוט, אויף איר האַלז, האָט זיך פון איין אויער צום אַנדערן געצויגן אַ ברייטער שניט. — אָ, מיין גאָט! — האָט שמואל געשריגן שאַרצנדיק — איך וועל עס נישט איבערטראָגן! — ער האָט אַרויסגעשטעקט אַ האַנט ווי צום ווערן זיך, מיט דער אַנדערער האָט ער פאַרדעקט ס'פּנים. דער באַלעבאָס האָט אים שאַרף אָנגעקוקט.

— זאָגט נאָר, יונגערמאַן — האָט ער אָנגעהויבן

— וואָס?

— ווען האָט איר דאָס אַנטדעקט?

— אָט איצט, ווען כ'בין דאָ אַריין געקומען.

— וואָס, איר זענט דען פונדאַנען אַרויסגעגאַנגען?

— פאַרשטייט זיך.

— איך האָב אייך נישט געזען אַרויסגיין.

— איר זענט נישט געווען אין ביוראָ, ווען כ'בין אַרויסגעגאַנגען.

— הם, — ס׳קען זיין אמת און נישט אמת. א בעריקנט ...עט עס שוין קלאָר מאַכ די פּאָליציי.

— פּאָליציי? — האָט שמואל איבערגעחזרט — מיינט איר דען, אַז איך האָב עס געטון?

— איך ווייס גאָרנישט. איך ווייס נאָר, אַז איר האָט איר דאָ אַהערגעבראַכט. איר וועט דאָ פאַרבלייבן ביז ס׳וועט קומען פּאָליציי.

דערווייל האָט דאָס געוויש איבערגעוועקט די מענטשן פון שלאָף, זיי זענען געקומען צו לויפן אין צימערל אַריין. שמואל איז אַ פערשטומטער אַנידערגעפאַלן אויף אַ שטול און געוואַרט ס׳האָט געדויערט נאָך אַ האַלבע שעה, ווי ער איז שוין געווע צום צווייטן מאָל אין פּאָליציי־צירקל. דאָס מאָל זענען גע גאַנגען לעבן אים צוויי פּאָליציאַנטן, זיי האָבן אים געהאַלט ביי ביידע אַקסל. ער איז געווען אונטערן ...שד פון אויספירן אַ מאָרד!

## [illegible]

פּאָל[illegible] איז געזעסן ביים שרייב־טישל דער [illegible] דיקער באַמטער. דאָס מאָל האָט ער זיך באַלד אויפ־געוועקט. — דאָס געהערט צום פּאָליציי־שעף — האָט ער גע־זאָגט, און איז צוגעגאַנגען צום טעלעפאָן.

— וואוהין זאָל איך פירן דעם וואַגאַבונד? — האָט גע־פרעגט איינער פון די פּאָליציאַנטן.

— דער ערשטער קאמער איז איבערפולט. פירט אים אַריין אין דער קאַמער וואו סוויפט זיצט. דער שעף וועט באַלד קומען.

שמואל איז צום צווייטן מאָל אַריינגעשליידערט גע־וואָרן אין אַ קאַמער. ער האָט געהערט ווי ס׳האָבן זיך פאַר־

קלאַפּט הינטער אים די טירן. דאָס מאָל האָט ער גאָרנישט קיין מורא געהאַט. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט באַווייזן זיין אומשולדיקייט. דער געדאַנק וועגן דעם אומגליקלעכן מיידל האָט אים נישט געגעבן קיין רו, אָפּגענומען ביי אים די כוחות. ער האָט געשפּאַצירט אין דער קאַמער אַהין און צוריק. פּלוצלינג האָט עמעץ אַ ברום געטון פון אַ ווינקל:

— ווילאַנג וועט איר דאָ אַזוי אַרומקריכן איבער דער קאַמער?

— אַנטשולדיקט — האָט שמואל געזאָגט — כ'האָב נישט געוואוסט, אַז ס'איז נאָך דאָ עמעץ.

— פאַרוואָס האָט מען אייך איינגעזעצט?

— פאַר אַ מאָרד.

שמואל האָט געהערט ווי די נאָרע האָט אַ סקריפּע געטון. דער פרעמדער האָט זיך אַ ריס געטין פון געלעגער און זיך געשטעלט אויף די פיס: — וואָס האָט איר געזאָגט?

— איך האָב איר נישט ערמאָרדעט — האָט שמואל גיך צוגעגעבן — זי אַליין האָט זיך גענומען ס'לעבן.

— וואו?

— אין האָטעל קאָנטינענטאַל.

— טאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט איר דערמיט?

— איך האָב איר דאָרט אַהין געבראַנגט.

— ווער איז זי דאָס געווען?

— זי... זי האָט געהייסן מערי שמידט.

— וואו האָט איר זי באַגעגנט?

— אין „פּערוויאָ".

— וואו, אין „פּערוויאָ"?!

— יאָ, אין לאָקמענס פּאַלאַץ — האָט שמואל געענטפערט.

— אין פּאַלאַץ פון אַלבערט לאָקמען?

— יאָ!

— ווי אַזוי קומט זי דאָרט אַהין?

— זי... זי איז געווען אַ פריינדין פון יונגן לאַקמען. זי איז געווען בײַ אים אויף אָוונט־ברויט.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

— איך אַרבעט דאָך אין „פערוויאַ״.

— ווי אַזוי קומט זי אין האָטעל אַריין?

— אַלבערט האָט איר אַרויסגעטריבן — האָט שמואל ערקלערט, — אין דרויסן האָט גערעגנט, האָב איך זי אָפּגעפירט אין האָטעל אַריין.

— אום גאָטעס ווילן! האָט איר דאָס אַלץ דערציילט דעם פּאָליצײַ־באַאַמטן?

— ניין, ער האָט מיך דאָס גאָרנישט געפרעגט.

זיין נייער פריינט איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, צוגעגאַנגען צו דער פאַרקראַטעוועטער טיר און אָנגעהויבן שטאַרק קלאַפּן.

— האַללאָ! האַללאָ!

— וואָס איז דאָרט געשען, צו אַלדע רוחות?—האָט דעם פּאָליציאַנטס שטימע זיך געריסן איבערן קאָרידאָר.

— קומט נאָר אַ הער, נאָ גיכער! — און דורך די קראַטן האָט ער אַרויסגערעדט: — רופט דעם פּאָליצײַ־באַאַמטן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון אים?

— הערט אויס, איר ווייסט דאָך, אַז איך הייס סוויפט. כ'בין נישט קיין אייזל. דער דאָזיקער פּאַרשוין ווייסט פון עפּעס. דער פּאָליצײַ־באַאַמטער מוז עס זיך שוין דערוויסן!

דער פּאָליצײַ־באַאַמטער איז געקומען. — איר האָט אויסגעהערט דעם יונג? — האָט סוויפט געפרעגט.

— ניין. כ'וואַרט אויפן שעף.

— און איר האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז ס'מיידל איז אַרויסגעגאַנגען פון לאַקמענס־פּאַלאַץ?

— ליבער גאָט, כ'הייב נישט אָן צו וויסן דאָס!

— דער יונג זאָגט, אַז ער האָט דאָרט געאַרבעט, ער האָט אַליין געזען ווי לאַקמען האָט דאָס מיידל אַרויסגעטריבן.

— כאַפּט עס דער רוח — האָט געשריגן דער באַאַמטער.

אין אַ מינוט אַרום, האָט מען שמואלן אַריינגעפירט אין

א ליידיק חדר'ל, באַלד איז אַריינגעקומען דער פּאַרסאַפּעטער שעף. דאָס איז געווען אַ הויכער בערדיקער מאַנספּערשוין מיט אַ רויט פּנים.

ער האָט זיך געוואָרפן אויף שמואלן ווי ער וואָלט אים געוואָלט שלאָגן.

— וואָס פאַר אַ נאַרישקייטן פּלוידערט איר אונז? — האָט ער געשריגן אויף שמואלן.

—וואָס? ווען? — האָט שמואל געשטאַמלט איבערגע־שראָקן.

— איר האָט געזען ווי ס'מיידל איז אַרויס פון לאקמענס פּאַלאַץ?

— יאָ.

— און דאָס דאַרף איך אייך גלייבן?

— אַזוי איז עס געווען, ווי איך זאָג.

— און וואָס אייגנטלעך גייט עס אייך? מיינט איר אַ פּנים אַז איך וועל זיך לאָזן אָפּנאַרן?

— כ'האָב געזאָגט דעם אמת. — האָט שמואל געענט־פערט רויק.

— איר האָט געזען, ווי דאָס מיידל איז דאָרט געווען אויף אָוונט־ברויט?

— יאָ, מיין הער!

— אפשר וואָלט איר אויפגעהערט צו דערציילן אַזעלכע ליגנס?

— זי איז דאָרט געווען.

— זאָגט מיר אָפּ, וואָס ווילט איר אויפטון מיט דעם ליגן?

— זי איז געווען דאָרט, הער.

דער שעף האָט נישט געגלייבן אין אַלץ, וואָס שמואל האָט דערציילט. אָבער ווען שמואל האָט זיך פונדעסטוועגן גע־האַלטן ביי ס'זייניקע, האָט ער אים געמוזט גלייבן, און ער האָט אים געהייסן אָפּפירן אין קאַמער אַריין.

— צי האָט איר אייך געהאַלטן בײַ אײַערע טענות? — האָט אים סוויפט געפרעגט.

— פאַרשטייט זיך.

— ווי באַלד דאָס אַלץ איז אמת, וועלן מיר זיך קורצן אויף עפּעס דערוואַרטן.

ער איז גערעכט געווען. אין אַ שעה אַרום איז דער פּאָליציי־באַאַמטער ווידער געקומען אין קאַמער אַריין. ער האָט זיך געווענדעט צו שמואלן מיט אַ שטיל קול:

— הער נאָר, דו, האָסט עפּעס פּרעטענסיעס צום יונגן לאָקמען?

— ניין, צוואָס פ־עגט איר?

— ווי באַלד מיר וועלן אייך באַפרייען, וועט איר האַלטן אַלץ בסוד?

— יאָ, וויבאַלד איר וועט עס פאָדערן.

— גוט. און דו, סוויפט, ווייסט דאָך גאַנץ גוט אַז מיר האָבן קעגן דיר באַווייזן.

— כ׳ווייס.

— און אַז ס׳דראָט דיר צו . . . תּפיסה.

— ווייס איך אויך.

— וועסטו האַלטן די צונג צווישן די ציין, אַז מ׳וועט דיך באַפרייען?

— פאַרשטייט זיך.

— גוט. אָט דאָ זענען דײַנע זאַכן. פאַר . . . זאָלט איר בעלם ווערן פונדאַנען. דאָ האָסטו פופציק דאָלאַר. נעם אים מיט מיט דיר קיין ניו־יאָרק און פאַרליר אים דאָרט פון די אויגן. פאַרשטייסט?

— פאַרשטאַנען — האָט סוויפט געענטפערט.

— זיי פאָרזיכטיק, פאַרדריי אונז נישט אַמאָל אין קיין עסק!

— ס׳וועט שוין גוט זיין! — האָט סוויפט געענטפערט מיט חוזק.

דער פּאָליציי־באַאַמטער איז אָפּגעטרעטן. סוויפט האָט

זיך בעמיִען ביי דער אַרבעט. ער האָט אַרויסגענומען פון זיין געצייג אַ זעגל, געבויגן דערמיט מער ווי אַ שעה די קראַטן פון פענסטער. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט ביי דער מויער, און געפּראָווט פאַרבייגן איין קראַטע צו דער אנדערער, ער האָט אַריינגעשטופּט די כּלים אין קעשענע און אַ [illegible] געטון צו שמואלן, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט אויף דער פּאָדלאָגע און שווער געאָטעמט.

— קום!

זיי זענען אַרויס דורכן פענסטערל און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער ערד. זיי זענען אַריבערגעשפּרונגען אַ נידעריקן פּאַרקאַן, און אַרויסגעקומען אויף עפּעס אַן אַלעע, פון דאָרט זענען זיי שפּעטער אַרויס אויף אַ שאָסע. זיי זענען אַזוי געגאַנגען אַרום אַ מייל נישט אויסרעדנדיק צו זיך קיין וואָרט. דערנאָך זענען זיי שטיין געבליבן פאַר עפּעס אַ הייזל. סוויפט האָט געעפנט דאָס טויער און זיי זענען ביידע אַרויף אויפן צווייטן שטאָק.

— דאָ איז עס — האָט ער צו אים געשעפּטשעט. ער איז אַריין אין אַ קליין שטיבעלע, אָנגעצונדן דעם גאַז, אויסגעטון דאָס רעקל און עס אַנידערגעוואָרפן אויפן בעט — נו, וואַרפט אַראָפּ אייער רעקל.

— דאָס איז אייער שטוב? — האָט שמואל געפרעגט.

— יאָ, נאָר די פּאָליציי ווייסט נאָך נישט פון דעם.

— כ׳האָב געמיינט, אַז מיר וועלן אַוועקפאָרן פון דאַנען.

— כאַ־כאַ־כאַ, — האָט זיך סוויפט צעלאַכט — איר זענט דאָך נאָך עפּעס גאָר אַ גרינער!

— ווילט איר דאָ פאַרבלייבן?

— וואָס דען האָט איר געמיינט? גראָד יעצט ווען אַלע וועגן זענען פאַר מיר אָפן, זאָל איך נאָר אַוועקפאָרן?

שמואל האָט אויסגעשטאַרצט אויף אים די אויגן —

איר ווילט דערמיט זאָגן, אַז מ׳וועט אייך שוין נישט אַרעסטירן?

— ווי לאַנג כ׳וועל נישט עמעצן ערמאָרדן.

— אָבער... פאַרוואָס דען...?

— ווי איר זענט אַ קינד! שטעלט אייך נאָר פאָר, ווען כ׳זאָל אָט די גאַנצע געשיכטע דערציילן וועלכער ס׳איז רעדאַקציע! אַ? נישט אין לאָקמענוויל, נאָר למשל אין „שרייער" פון ניו-יאָרק!

— איצט פאַרשטיי איך שוין אַלץ... — האָט שמואל אַרויסגעשטאַמלט.

סוויפט האָט פאַררויכערט זיין לולקע: — אַזוי, אַזוי, זונדעלע מיינס, דאָס איז געווען דער בעסטער צופאַל אין מיין לעבן, וואָס מ׳האָט מיך אַריינגעשליידערט אין דער קאַמער אַריין. איצט וועל איך קאָנען אַרבעטן ווי געהעריק.

— וואָס אַרבעט איר? — האָט שמואל געפרעגט.

— איך כאַפּ זיך אויף די גלייכע ווענט.

— וואָס איז דאָס?

— איר וועט אייך אויסלערנען דאָס לשון — האָט דער איינברעכער געלאַכט.

שמואל האָט טעמפּ געקוקט אויף זיין פריינט. דאָס איז געווען אַ הויך געוויקסיקער מענטש, אַ דאַרער, מיט אַ בלייך פּנים און טונקעלע רויקע אויגן. די אַרויסשטאַרצנדיקע נאָז, דער לאַנגער האַלז און גיריקער בליק האָט אים ענלעך געמאַכט צו אַן איבערגעשראָקענעם פויגל.

— דאָס שרעקט אייך, יאָ? — האָט ער געפרעגט, — גלייבט מיר, מיין טייערער, אַז נישט אַלעמאָל האָב איך זיך געכאַפּט אויף די ווענט.

— וואָס דען זענט איר געווען פריער?

— ערפינדער.

— ערפינדער?

— יאָ. איר האָט געזען מאַשינען צו בלאָזן גלאָז, האָט מען באַנוצט דאָ?

— ניין.

— דריי אַזעלכע מאַשינען האָב איך ערפונדן, דער אַל־טער העברי לאָקמען האָט זיי מיר צוגערויבט.

— צוגערויבט ביי אייך — האָט שמואל פאַרוואונדערט איבערגעחזרט.

— יאָ, צי האָט ער דען נישט יעדן באַגזלט, ווער ס׳האָט נאָר געהאַט מיט איבּ עפּעס געשעפטן?

— כ׳האָב נישט געוואוסט דערפון — האָט שמואל גע־מורמלט.

— ווייל איר האָט אים אינגאַנצן נישט געקענט. פונוואַ־נען שטאַמט איר אייגענטלעך?

שמואל האָט אים דערציילט זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע. און בשעת ער האָט אַזוי דערציילט וועגן די אַקציעס פון פּלעש־לעך־טרעסט, האָט סוויפט אים איבערגעריסן: — זעט איר, אַז ער האָט אַפילו אייך באַרויבט.

— איך האַלט — האָט שמואל געענטפערט — אַז אין דעם פאַל איז ער גאָרנישט שולדיק געווען.

— אָ, ווי קינדעריש עדט! וואָלטן דען געפאַלן די אַקציעס נאָך זיין טויט, יוען .ר וואָלט נישט אַרויסגעלאָזט מער, וויפל ער האָט פאַרמאָגט?

שמואל האָט זיך פאַרטראַכט — כ׳האָב עס קיינמאָל נישט אַזוי אויסגערעכנט — האָט ער געזאָגט.

— דערציילט ווייטער.

און ער האָט דערציילט ווי נאָענט ער איז שוין געווען פון אַ הונגער־טויט. סוויפט האָט אויסגעשריגן: — אָ, גאָט! ווען דאָס געשעט אַזוי מיט מיר, וואָלט איך מיר שוין אַן עצה געגעבן— דערנאָך האָט שמואל דערציילט זיין באַגעגעניש מיטן יונגן לאָקמען. — און די בהמה איז געווען אייער אידעאַל — האָט סוויפט אויסגערופן צאָרנדיק; — אָ ווי איר האָט זיך דאָס געלאָזט אונטערפירן!

— פונוואַנען האָב איך געקענט דאָס אַלץ וויסן?

— איר האָט אוודאי נישט געלייענט די צייטונגען, אַנישט

וואָלט איר געוואוסט, וואָס פאַר אַ שטיקלעך דער פאַרשוין אַרבעט שוין פון צוויי יאָר צוריק. ס'האָט זיך גאָרנישט געלוינט אים אָפּצוראַטעווען.

— אָ ווי שרעקלעך דאָס אַלץ איז! — האָט שמואל אָפּגעזיפצט.

— איר האָט איין פעלער, שמואל, איר זענט צו רחמנותדיק פאַר דער וועלט. אין דעם ליגט אייער גאַנצע אומפעיקייט. גיט נאָר אַ טראַכט וועגן דעם אַלטן לאָקמען. מיט וואָס האָט ער דאָס באַוויזן זיין פעיקייט? ער איז געווען אַן אַלטער וואָלף. איך, זעט איר, בין געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט, מיין טאַטע האָט זיך געלערנט צוזאַמען מיט לאָקמענען. נאָך אַלס יונגער יאַט, האָט ער אָפּגענאַרט אַלע שוועסטערן ביים פונאַנדערטיילן די ירושה. דערנאָך האָט ער זיך גענומען צום מסחר. זיין ספעציאַליטעט איז געווען אומצוברענגען די קאָנקורענטן. אָנגעהויבן האט ער מיטן קויפן אַ קליינע גלאָזהוטע, וואָס איז משמעות פארברענט געוואָרן. ער האָט אַרויסגעקריגן אַ גרויסע סומע געלט פון דער אַסעקוראַציע-געזעלשאַפט, האָט ער פאַרגרעסערט זיין געשעפט. ביי אים האָבן געאַרבעט עטלעכע אָנפירער פון פראָפעסיאָנעלן פאַריין, דורך זיי האָט ער אונטערגעשטיצט די שטרייקן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די פאַבריקן ביי די קאָנקורענטן. און אַזוי האָט ער זיי רואינירט, זאָפקויפנדיק ביי זיי די אונטערנעמונגען פאַר אַ בישטיקן פרייז. אַז אַלץ איז שוין געווען אין זיינע הענט, איז ער געוואָרן וואָס אַמאָל אַ גרעסערער עקספּלאַטאַטאָר. גלייכצייטיק האָט ער איבערגענומען אַלע העכערע אַמטן אין אונזער שטאָט און אַזוי איז ער געוואָרן דער הערשער פון „לאָקמענוויל", וואָס ער האָט אַפילו געגעבן זיין נאָמען, ווייל די שטאָט האָט אַנדערש געהייסן. ער האָט דאָס געגרינדעט דעם פלאַשן-טרעסט, אַרויסגעלאָזט אַקציעס, וואָס האָבן אַריבערגעשטיגן פינף מאָל אַזוי פיל ווי זייער פאַקטישער ווערט, און נאַראָנים האָבן זיך געריסן זיי צו קויפן. אויף אַזא אופן איז ער געוואָרן אַ מיליאָנער — אַזוי האָט ער זיך ערוואָרבן זיין פּאַלאַץ און די

גאַנצע פראַכט, וואָס איר האָט דאָרט אַזוי באַוואונדערט. איצט האָט אַלץ געפירשנט זיין זונדל, וואָס האָט זיך אין זיין לעבן באָרנישט אויסגעלערנט און וואָלט זיכער נישט געקענט זיין קאַנצעלאַריע-שרייבער. אין איר, איר האָט זיך געפילט גליקלעך, אַז דער הער האָט אייך באַהאַנדלט ווי אַ הונט. וואָט מער נעגל ס'זענען געווען אין די פּאָדעשוועס פון זיינע שיך, איז ער מער אָנגענעמער געווען פאַר אייך! נו, יעצט ווייסט איר שוין אַלץ!

שמואל האָט אויסגעהערט דאָס אַלץ מיט ברייט, צועפנטע אויגן און מיט פול שרעק. אָ, ווי נאַריש ער איז דאָס געווען ביז יעצט!

— דער דאָזיקער יונגערמאַן פאַרמאָגט זיינס אַ סך געלט — האָט סויפּט ווייטער דערציילט — ער וויל עס באַהאַלטן. דערפאַר האָט ער צו זיין דינסט די גאַנצע פּאָליציי, וואָס וועט אייך דערהרגענען, וויבאַלד איר וועט נאָר פּרווון לאָקמענען באַליידיקן. דאָס זענען אונזערע היטער פון גערעכטיקייט. אַ חוץ דעם האָט ער נאָך צו הילף אַ גאַנצע מחנה געלערנטע אידיאָטן, וואָס גיבן אים פאַרטויבונגס-מיטלען. זיי דערציילן אַז איר זענט אומפּעיק. דאָס מיטל האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן „הויכשול”. איר פאַרשטייט שוין?

— איך פאַרשטיי — האָט שמואל געשעפּטשעט, — איך פאַרשטיי!

סויפּט האָט אויפגעהויבן אַ פינגער אינדערהייך. — אייער פעלער, שמואל, איז געווען דאָס, וואָס איר זענט ביי דעם גאַנצן שווינדל געווען צו ערלעך. דערפאַר זענט איר טאַקע אומפּעיק, ווייל לאָמיר אָננעמען, איר האָט דעם פּראָפעסאָר נישט געהערט, נאָר איר האָט ווייטער געקעמפּט און געזיגט. דעמאָלט וואָלט איר געווען אַזוי פּעיק ווי אַלע אַנדערע? ווען איר, אַ שטייגער דערהרגעט דעם יונגן חזיר און נעמט צו ביי אים זיין פּאָרטפעל מיטן זייגער, דעמאָלט וואָלט איר באַוויזן אייער פּעיקייט. ס'איז ריכטיק, צי ניין?

שמואל האָט זיך פעסט צו געהאַלטן ביי דער שטול, ער האָט געקוקט מיט ברייט-צעעפנטע אויגן אויף סוויפטן.

— דאָס אַלץ איז אייך גאָרנישט געקומען אויפן געדאַנק, שמואל? איך, זעט איר, האָב שוין לאַנג דאָס אַלץ אַנטדעקט מענטשן האָבן ביי מיר צוגערויבט דעם לעצטן גראָשן און איך בין שוין שיער געווען צוגעגרייט צום מיסט-קאַסטן. אָבער איך האָב צו מיר אַליין געזאָגט: ניין, ניין, מיין קינד. איך האָב אויך גענומען אַן אָנטייל אין דער שפּיל פון די מענטשן און כ׳האָב פאַרשפּילט, מוז איך דערפאַר יעצט אויסטראַכטן אַ נייע שפּיל מיט אייגענע געזעצן!

— איר מיינט אַודאי גנבה?

— ניין, מיין טייערינקער, — [illegible] ווי איר זעט בין איך ביז איצט נישט פאַרלוירן געוואָרן. טאַקע מעגלעך אַז כ׳בין נישט קיין חשובע פערזענליכקייט, כ׳האָב נישט אין פּאַ־לאַצן, אָבער דאָך שטאַרב איך נישט פון הונגער, פאַרקערט, כ׳האָב נאָך אַן אָפּגעשפּאָרט פאַרמעגן.

— אָבער דאָך זענט איר געזעסן אין תפיסה!

— פאַרשטייט זיך, איך בין שוין געזעסן צוויי מאָל, אָבער איר זעט דאָך, אַז ס׳האָט מיר גאָרנישט געשאַדט, פאַרקערט, מ׳קאָן זיך דאָרט אויך אָפּלערנען.

אַ מינוט האָבן ביידע געשוויגן, דערנאָך איז סוויפט אויפ־געשטאַנען פון בעט, אַרויסגעשאָקלט דעם רויך פון דער ליולקע.

— אַזוי ווי מיר האָבן יעצט גערעדט וועגן פאַרמעגן — האָט ער אָנגעהויבן אויפּס׳ניי — אָט די דאָזיקע נאַכט-סקאַנדאַלן מאַכן אַן אַפּעטיט. — ער האָט אַרויסגענומען פון שאַנק אַ פּוד־לע קיכעלעך, קעז און אַ טאָפּ מאַרמעלאַדע. — נו, נעמט אייך צו דער אַרבעט. די מאַרמעלאַד וועט אייך שמעקן, דאָס האָט נאָך געמאַכט פאַר מיר מיין געליבטע. דורך דער גאַנצער צייט וואָס כ׳בין געזעסן אין תפיסה האָב איך זיך נאָר געשראָקן, די פּאָליציי זאָל נישט געפינען דעם טאָפּ און אויפפרעסן אַלץ.

שמואל איז געווען צו שטאַרק אויפגערעגט אום צו קאָנען עסן. ער האָט געקוקט ווי אַזוי זיין פריינט האָט געגעסן. —

וואָס וועל איך יעצט טון? – האָט ער געמורמלט שטיל פאַר זיך.

– קומט מיט מיר — האָט סוויפט געזאָגט, — כ'וועל אייך אויסלערנען אַ מלאכה, וואָס וועט אייך געבן אַ מעגלעכקייט צו זיין באַלעבאָס פאַר זיך. ביז איר וועט זיך אויסלערנען, באַקומט איר פון מיר אַ פערטל פון מיינע פאַרדינסטן.

– וואָס? – האָט שמואל אַרויסגעשטאַמלט מיט מאַטערניש — איך זאָל ווערן אַן איינברעכער?

— פאַרשטייט זיך. וואָס אַזוינס דען ווילט איר טון?

— כ'ווייס אַליין נישט.

— איר האָט געלט?

— עטליכע סענט נאָר, כ'האָב נאָך נישט באַקומען מיין לוין.

— טאָ ווילט איר עס אודאי פאָדערן ביים יונגן לאָקמען?

— ניין — האָט שמואל געענטפערט פאַרביסן. — דאָס וועל איך בשום אויפן נישט טון.

— אויף אַזאַ אויפן מוזט איר אויף ס'ניי זוכן אַרבעט, סיידן איר ווילט שטאַרבן פון הונגער.

— פייניקט מיך נישט אַזוי! לאָזט מיך אַ טראַכט טון וועגן דעם אַלעם.

— אָבער ווי קען מען זיין אַזוי קינדעריש — האָט סוויפט אַפּעלירט צו זיין פאַרשטאַנד — אַז דער פּראָפעסאָר אַליין האָט אייך געגעבן אַ מיטל צו באַרעכטיקן אַלץ. און אַ חוץ דעם, מעגט איר טון אין לאָקמענוויל וואָס אייך געפעלט. קיינער פון דער פּאָליציי וועט אייך נישט שטערן. אַ נאַר וואָלט איר געווען, שמואל, נישט אויסצונוצן אַזאַ געלעגנהייט.

— אָבער דאָס איז דאָך אַן אומרעכט! — האָט שמואל פּראָטעסטירט — איר ווייסט אַליין, אַז ס'איז אַ אומרעכט.

— האַ, האַ! — האָט זיך סוויפט צולאַכט — ער האָט פאַרקלאַפּט דאָס שאַכטל קיכעלעך און איז אויפגעשטאַנען פון טיש — שלאָפט זיך איבער. מאָרגן אין דער פרי וועט איר ווידער זיין הונגעריק.

— דאָס האָט גאָרנישט קיין שיכות דערמיט;

— מעגלעך — סוויפט האָט געמאַכט אַ בייזע מינע — טאָ אויף אַזאַ אופן פאַרלאַנגט נישט פון מיר קיין עסן. איך טאָר אייך נישט מיט עפּעס העלפן. דאָס וועט הייסן פילאַנטראָפּיע, און וויבאַלד איר געהערט טאַקע צו די „אומפּעיקע" קאָן איך מיך דער נאַטור נישט אַקעגנשטעלן.

צומאָרגנס אַ גאַנצן טאָג איז שמואל געזעסן ביי סוויפטן אין צימער, ער האָט געקוקט אויף די קיכעלעך, אויפן קעז מיט דער מאַרמאַלאַד און געקעמפט מיט זיין פּראָבלעם. ער האָט גוט געוואוסט, וואָס עס הייסט אַזוינס עסן ביי סוויפטן. אויך סוויפט האָט עס גוט געוואוסט. ער האָט דאָס אַלץ איבערגעלאָזט אָפן, כדי דער ריח זאָל אים רייצן. שמואל וואָלט זיך, פאַר די עטלעכע סענט, וואָס ער האָט נאָך געהאַט, געקענט קויפן עפּעס עסן, אָבער דאָס וואָלט געהייסן, אַז ער פאַרשלעפּט זיינע אויפגאַבן. און וואָס פאַר אַ זין וואָלט עס דעמאָלט געהאַט? אַחוץ דעם איז ער שולדיק געבליבן די סטידמענס געלט, ווייל ער האָט אויסגערעכנט אויף זיין באַלוינונג פון לאָקמענען.

לסוף האָט אים שוין זיין שכל און נישט דער הונגער, געשטופּט צו אַן אויסוועג. שמואל האָט אַלץ איבערגעטראַכט ערנסט. סוויפטס אַרגומענטן האָבן זיך נישט געלאָזט באַקעמפן. אומזיסט האָט שמואל אויף דעם געבראָכן דעם קאָפּ. לויט די ווערטער פון דעם געלערנטן פּראָפעסאָר, איז דאָס לעבן אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ. וויבאַלד די, וועלכע טראָגן געלט אין זייערע טאַשן זענען זיגער, וויבאַלד די פעיקע קאָנען גאָרנישט מער טון פאַר די אַרבעטסלאָזע ווי לאָזן זיי שטאַרבן פאַר הונגער, אָדער זיי איינזעצן אין די תפיסות, דעמאָלט — מוזן די אַרבעטסלאָזע מיט אַלע מיטלען קעמפן צו דערהאַלטן זייער עקזיסטענץ. און ווי ס'ווייזט אויס, עקזיסטירט איין מיטל פון באַווייזן די אייגענע פעיקייטן—צונעמען דאָס געלט ביי די, וואָס האָבן עס. וויבאַלד די רחמנותדיקע מענטשן ערלויבן די שלעכטע צו שטאַרבן פון אַ הונגער־טויט, צי וועלן נישט בלייבן דעמאָלט ביים לעבן

בלויז שלעכטע מענטשן? אָט אַזעלכע געדאַנקען האָבן גשפּיי-
ניקט אַ גאַנצן טאָג שמואלס מוח, אין זיינע אויערן האָט אָפּגע-
קלונגען לאָקמענס חוזק. לסוף האָט ער אַליין איינגעזען ווי
ס׳לוינט נישט אַוועקצוגיין פון דער וועלט צוליב אַזאַ לאָקמענען.
ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט. סוויפט האָט ווידער אויסגעשטעלט
זיין שפּייז און אָנגעהויבן מיט זיינע ריידעלעך: — פּרוווט
דאָך, אפשר וועט עס אייך געפעלן. — שמואל האָט פּלוצלינג
צעניפגעדריקט די פויסטן און אויסגערופן: — גוט, כ׳וועל
פּרווון! — און ער האָט אָנגעהויבן עסן. פּלוצלינג האָט ער
צוריק אַוועקגעלייגט אַן אָפּגעביסן קיכל און אָפּגעזיפצט: — אָ,
גרויסער גאָט, כ׳האָב דאָך שוין צוגעזאָגט צו ווערן אַ פּאַר-
ברעכער!

סוויפט האָט געקוקט אויף אים שאַרף: — איר וועט נישט
קיין חרטה האָבן?

— ניין—האָט שמואל געענטפערט — כ׳וועל נישט קיין
חרטה האָבן! דאָס אַלץ איז מיר באַר אויסגעקומען אַביסל
מאָדנע. דאָס איז עס.

## XIV

אַז זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט סוויפט אַרויסגענומען אַ פּאַ-
פּיר מיט אַ בלייפעדער. — יאָ — האָט ער געזאָגט, — יעצט
וועלן מיר ערלעדיקן אונזער געשעפט.—שמואל האָט זיך אַוועק-
געזעצט לעבן סוויפטן, וואָס האָט געצייכנט אויף פּאַפּיר א פּיר-
עק: — אָט דאָס איז דאָס הויז. כ׳האָב עס שוין אינגאַנצן
אַדורכגעשטודירט. ס׳שטייט אין אַ זייט... דאָ איז די גאַס, און
יענץ איז אַן אַלעע. אויף דעם אָרט געפינען זיך די זייטיקע
טירן, מ׳קאָן זיי גאַנץ לייכט עפענען. דאָרט זענען פאַרהאַ-

נאָך טירן, פון אונטן איז דער אריינגאַנג. דאָס אַלץ מוזט איר געדענקען.

— גוט.

— דאָס איז דער הויפּט־איינגאַנג, און דאָ איז דער קאָרידאָר. איצט וועל איך אויפצייכענען די פאָדערשטע טרעפּ. אין אָט דער שטוב וועל איך צונעמען ס׳גאַנצע זילבערוואַרג, און דאָס, וואָס מיר שטערט, איז די טיר פון ביבליאָטעק־צימער וייל דאָרט שלאָפט עמעץ, איך ווייס נישט ווער. איר וועט מוזען בלייבן אין פאָדערשטן קאָרידאָר, און ווען דאָרט זאָל זיך עפּעס אַ ריר טון, זאָלט איר לויפן צו די טרעפּ און איין מאָל, לייכט אַ פייף טון. דעמאָלט וועל איך קומען.

— און וואָס ווייטער?

— דאָס איז דער צווייטער שטאָק. — סוויפט האָט אויפגעצייכנט נאָך אַ פירעק. — אָט, איר זעט די טרעפּ? פון אונטן, דורך זיי קאָן מען זיך אַריינבאַקומען אין דער ערשטער טייל פון הויז. אַז איר וועט דערהערן מיינס אַ פייף, זאָלט איר אַנטלויפן דורך דאָרטן, וואו מיר זענען אַריינגעקומען. וויבאַלד די הויז־לייט זאָלן מאַכן אַ געוואַלט, מוז יעדער פון אונז זאָרגן פאַר זיין איינן לעבן.

— איך פאַרשטיי! — שמואל האָט געהאַלטן די הענט אין קעשענע, זיין פריינט זאָל נישט באַמערקן ווי זיי ציטערן. סוויפט האָט אַרויסגענומען פון שאַנק זיינע „כלים״ און זיי גענוי באַקוקט, ער האָט באַדאַרפט זען, צי די פּאָליציי האָט אים עפּעס נישט אַראָפּגענומען. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון טיששופלאָד אַ ברוינינג, און באַהאַלטן אין קעשענע. — מיין בעסטן רעוואָלווער האָבן די הינט ביי מיר צוגענומען — האָט ער געזאָגט — איך קען אייך דערפאַר נישט געבן קיין געווער.

— איך... איך וואָלט עס סיי ווי סיי נישט גענומען מיט מיר — האָט שמואל געשטאַמלט פול מיט שרעק.

— איר וועט זיך ביסלעכווייז צוגעוויינען דערצו — האָט אים דער פאַרברעכער באַרויקט מיט אַ שמייכל.

ער האָט זיך נאָכאַמאָל אַוועקגעזעצט, אָנגעצייכנט אַ מאַ־

פע פון אַלע גאַסן אין לאָקמענוויל, אַז שמואל זאָל חלילה נישט פאַרבלאָנדזשען, און קאָנען אהיים טרעפן אָן אים. — מיר דאַרפן נישט גיין אויף זיכער — האָט סוויפט ערקלערט, — אַז מ'זאָל אַזוי א שטייגער מיך פּאַקן, וועל איך, פאַרשטייט זיך, נישט אויסזאָגן אייער נאָמען, מיט צען פערד וועלן זיי ביי מיר דאָס נישט אַרויסרייסן. אָבער איר מוזט מיר אויך דאָס זעלביקע צוזאָגן.

— איך זאָג עס אייך צו — האָט שמואל געענטפערט.

— ערנוואָרט — האָט סוויפט פייערלעך אויסגערופן, און שמואל האָט איבערגעחזרט זיין צוזאָג. דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— פונוואַנען קענט איר אַזוי געַנוי דעם פּלאַן פון דעם הויז?

— כ'בין דאָך אין דער שטאָט, כ'האָב דאָך אָפענע אויגן

— יאָ, אָבער איר זענט דאָך באַקאַנט אין דער פּאָליציי

— גאַנץ ריכטיק, אָבער דעמאָלס ווען מיר גיט זיך איין אָט אַזא „שטיקל", ווער איך גלייך פונדאַנען אויף אַ געוויסע צייט. אַז איך קער זיך אום צוריק, בין איך דאָ דאָ איבערגעטון איינמאָל בין איך דאָ געקומען אין אַ לאַנגער באָרד, בייטאָג האָב איך געאַרבעט אין אַ גלאָז-הוטע און ביינאַכט זיך פאַרנו-מען מיט מיין מלאכה. אַן אַנדערש מאָל האָב איך דאָ אַ לאַנגע צייט פאַרברענגט איבערגעטון פאַר אַ נקבה.

— ווי אַ נקבה?

— זעט איר — האָט סוויפט אויסגערופן, לאַכנדיק האַר-ציק–די פעיקייטן אין אונזער פאַך קאָן מען אַרויסווייזן אויף אַ פאַרשידנאַרטיקן אופן — ער האָט אים אָנגעהויבן דערציילן פון דער גרויסער צאָל אַוואַנטורעס, אייהילנדיק די גנבישע מלאכה אין אַ ראָמאַנטישן שלייער — יעצט וועלן מיר זיך אַביסל איבער שלאָפן, ווייל איינס ביינאַכט נעמען מיר דעם דרך!

סוויפט האָט זיך געוואָרפן אויפן בעטל, שמואל איז גע-בליבן זיצן אויף דער שטול און זיך פאַרטראַכט. פאַר אים האָט שוין אין דער נאַכט נישט עקזיסטירט קיין שלאָף.

ער וועט האַלטן זיין צוזאָג, נאָר פון רויב וועט ער נעמען אַזוי פיל, אַז עס זאָל אים קלעקן צו באַצאָלן די סטידמענס דעם חוב, און ער וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל אין זיין לעבן נישט זיין קיין פאַרברעכער.

איינס ביינאַכט האָט ער אויפגעוועקט סוויפטן און זיי זענען אַרויס אויף אַ ליידיקער גאַס. זיי זענען אַדורך די בריק און זענען אַרויפגעקומען אין שייגעם שטאָט־קוואַרטאַל. ביי אַ ראָג האָט זיך סוויפט פאַרהאַלטן — דאָס איז דאָרט — ער האָט געוויזן מיטן פינגער אויף אַ גרויס הויז, וואָס איז אַרומגערינגלט געווען מיט אַ גאָרטן.

זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן — ס'איז געווען שטיל. זיי זענען גיך צוגעלאָפן צו דער טיר, אַזוי ווי ס'איז אָנגעצייכנט געווען אין דער מאַפּע ביי סוויפטן. שמואל האָט זיך אַ שווייגנדיקער אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל, סוויפט האָט דערווייל פּלינק געעפנט די טיר. אַ מינוט האָבן זיי זיך איינגעהערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. אויף אַ סעקונדע האָט אַ בליץ געטון די ליכטיקייט פון סוויפטס לאַמטערל, און שמואל האָט דערזען אַ שיין איינגעאָרדנטן זאַל. ס'איז נישט געווען אַזוי פּרעכטיק ווי אין „פּערוויאַ”, אָבער ס'איז געווען אויך שענער ווי ביים פּראָפעסאָר סטויאַרט. לסוף זענען זיי שטיין געבליבן אין ביבליאָטעק־צימער און שמואל האָט אין דער פינצטער באַמערקט אַ שאַנק ביכער.

— דאָרט, אונטער דער טיר שלאָפט עמעץ — האָט סוויפט צו אים געשעפּטשעט — באַהאַלט אייך אונטער דעם פאָרהאַנג.

ער איז אַוועק אויף זיין אָרט. סוויפט איז פאַרשוואונדן פון זיינע אויגן. ער האָט דייטלעך געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ.

די מינוטן האָבן זיך געצויגן אומענדלעך. ווי היפּנאָטיזירט, האָט ער זיך כסדר איינגעקוקט אין דער טיר, וואָס סוויפט האָט אים געוויזן. דאָרט אונטער דער טיר איז זיך רויק געשלאָפן אַ מענטש, נישט געוואוסט וואָס טוט זיך אַרום אים. אָ, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע מלאכה דאָס איז צו זיין אַ

איינגפּרעבער! ס'איז שוין בעסער צו שטאַרבן, ווי צו לעבן אויף אַזאַ אופן. אַ אומדערהערטע שרעק האָט אַרומגענומען שמואלן, ער האָט אינגאַנצן געציטערט, קוים וואָס ער האָט זיך געקאָנט האַלטן אויף די פיס. פאַר זיין געוויסן, איז ער תמיד גרייט געווען אַנטקעגנצושטעלן זיך יעדער געפאַר אויף דער וועלט, אָבער דאָס, וואָס ער האָט יעצט געטון — — — —

— וואָס איז דאָס? פאַרוואָס זוימט זיך סוויפט אַזוי לאַנג? אין דער צייט האָט ער דאָך שוין געקאָנט אַלץ פון שטוב אויסרוימען. אָדער אפשר איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט דער צווייטער טיר און אים דאָ געלאָזט אַליין?

לייכטע טריט האָבן זיך געהערט אויף די טרעפּ. — איז דאָס סוויפט, אָדער אפשר גאָר עמעץ אַנדערש? שמואל איז געשטאַנען שווייגנד, אויפגערעגט, די פיס האָבן ביי אים געציטערט. דאָס גערויש איז געוואָרן וואָס אַמאָל נעענטער — ס'האָט זיך אים געדוכט, ווי אָט, אָט ציט עמעץ אויס אַ האַנט צו אים.

פלוצלינג האָט ער דערהערט אַ שטיל גערויש — יעצט קומט שוין אַוודאי סוויפט אָן — האָט ער ביי זיך געטראַכט. אין דעם איז געשען עפּעס שרעקלעכס. ער האָט דערהערט אַ קלאַפּ לעבן זיך, און ס'איז באַלד ליכטיק געוואָרן אין צימער. שמואלן האָט זיך געדוכט אַז ער פאַרלירט דעם באָדן אונטער די פיס. אַ מינוט איז ער געשטאַנען אינגאַנצן שטייף, און דערנאָך האָט ער ערשט באַמערקט, אַז עס שטייט פאַר אים אַ קליין מיידעלע, זי האָט אויסגעשטאַרצט אויף אים אירע אויגן, און ער אויף איר זיינע. דאָס מיידעלע איז אַלט געווען אַ צען יאָר, זי האָט געטראָגן אַ שלאָף-העמד מיט שפּיצלעך, געהאַט גאָלדענע האָר, איר פינגערל איז נאָך געלעגן אויפן עלעקטרישן קנעפּל. אַ מינוט זענען זיי ביידע געשטאַנען אומבאַוועגלעך. לסוף האָט דאָס קינד געפרעגט:

— איר זענט אַ גנבֿ?

שמואל האָט נישט געקענט רעדן, ער האָט נאָר צוגע

שאָקלט מיטן קאָפּ, דערנאָך האָט ער ווידער געהערט דאָס קינ־
דערשע קעלבל.

— אָ, ווי איך פריי מיך! ווי איך פריי מיך! כ'האָב
תמיד געבעטן, ס'זאָל צו אונז אַריינקומען אַ גנב, נאָר כ'האָב
שוין גאָרנישט געהאַט קיין האָפענונג צו דעם.

— פאַרוואָס? — האָט שמואל אַרויסגעשטאַמלט מיט מאַ־
טערניש.

— מיין באָבעשי האָט מיר אַמאָל דערציילט אַ מעשה פון
אַ קליין מיידעלע, וואָס האָט געטראָפן אין שטוב אַ גנב. פון
דעמאָלט אָן, וואַרט איך אויף אַ גנב.

אין אַ מינוט אַרום האָט דאָס קינד געשעפּטשעט:—איר
זענט אַ ריכטיקער גנב?

— כ'מיין — אַז—אַז—יאָ

— איר זעט דאָך אויס אַזוי יונג — — —

— כ'האָב יעצט אָנגעפאַנגען די מלאכה.

— אָ, — האָט דאָס מיידעלע אויסגערופן באַגייסטערט —
און ס'וועט זיך מיר איינגעבן?

— וואָס דאַרף זיך אייך איינגעבן? — האָט שמואל גע־
פרעגט צעטומלט.

— איר מוזט תשובה טון — האָט דאָס קינד אויסגערופן —
יענץ קליינע מיידעלע פון יענעם מעשהלע האָט אויך מחזיר גע־
ווען דעם גנב. איר ווילט אויך?

— פאַרשטייט זיך... אַז כ'וויל — כ'האָב שוין לאַנג
געוואָלט תשובה טון —שמואלן האָט זיך געדוכט ווי ער הערט
אַ גערויש וואָס קומט פון דערהייך, ער האָט געזען ווי סוויפּט
קוקט אויף אים פון דאָרט —

— וואָס זעט איר דאָרט? — האָט דאָס קינד געפרעגט.

— כ'האָב געמיינט... דאָס הייסט... ס'איז נאָך דאָ איי־
נער. ער איז געקומען מיט מיר צוזאַמען — האָט שמואל גע־
שטאַמלט. ער האָט פאַרגעסן אין זיין צוזאָג.

— צוויי גנבים — האָט דאָס קינד אויסגערופן מיט צו־
פרידנקייט — אפשר וויל דער צווייטער אויך תשובה טון?

— ס'וואָלט בעסער געווען אָנצוהייבן ביי מיר!
— יענער גייט אוועק?
— יאָ... כ'בין זיכער, אַז ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען.
— אָבער איר וועט נאָך דאָ בלייבן, אמת? — האָט דאָס מיידל געפרעגט מיט שרעק — איר וועט וועלן מיט מיר רעדן?
— וויבאַלד איר פאַרלאַנגט עס.
— אָבער איר האָט נישט קיין מורא פאַר מיר?
— ניין, פאַר אייך האָב איך נישט קיין מורא — האָט שמואל געענטפערט — אָבער אַז עס וועט זיך עמעץ אַנדערש איבערוועקן!
— דאָס זאָל אייך גאָרנישט אַרן. די מוטער מיטן זיידעשי פאַרמאַכן ביינאַכט די טיר. דער פאָטער איז נישטאָ אין שטוב.
— און וואָר שלאָפט דאָרט אונטער יענער טיר?
— דאָס איז דעם פאָטערס צימערל — שמואל האָט לייכט אָפּגעעטעמט.
—קומט! — האָט דאָס מיידעלע גערופן. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איינע פון די שטולן. — דערציילט מיר ווי אַזוי איר זענט געוואָרן אַ גנב.
שמואל האָט דערציילט קורץ זיין גאַנצע געשיכטע.
— אָ, ווי שרעקלעך דאָס אַלץ איז! פאַרוואָס זענט איר נישט געקומען צו מיין פאָטער?
— צו אייער פאָטער? איך — — — איך — האָב דאָך נישט געוואָלט בעטלען.
— דאָס וואָלט גאָר נישט געהייסן געבעטלט, מיין פאָטער וואָלט אייך זיכער געהאָלפן.
— כ'האָב דאָך אים נישט געקענט, פאַרוואָס אייגנטלעך דאַרף ער מיר...
— מיין פאָטער העלפט אַלע, דאָס איז זיין אויפגאַבע.
— איך פאַרשטיי נישט, וואָס מיינט איר דערמיט.
— וואָס הייסט, איר ווייסט נישט ווער ס'איז מיין פאָטער?
— האָט דאָס קינד געפרעגט ערשטוינט.

— ניין, כ׳ווייס נישט.

— מיין פאָטער הייסט דאָקטאָר ווינס — און זי האָט גע־קוקט אויף שמואלן מיט אירע גרויסע אויגן — איר האָט נאָך קיינמאָל פון אים נישט געהערט?

— ניין.

— ער איז דאָך דער פאַסטאָר.

— פאַסטאָר — האָט שמואל איבערגעחזרט געטראָפן. אומבאַגרייפלעך האָט זיך אים אויסגעוויזן דאָס אַלץ, שרעקלעך — באַגנבענען אַ פאַסטאָר.

— מיין פאָטער איז אַזוי גוט און אָנגענעם פאַר אַלע מענטשן — האָט דאָס מיידעלע ווייטער דערציילט — ער באַ־מיט זיך זיי צו העלפן. אָ, ווען איר וואָלט אַזוי געקומען צו אים, וואָלט ער אייך זיכער אויסגעזוכט אַן אַרבעט.

— דאָ אין לאָקמענווויל זענען דאָ אַזוי פיל אַרבעטסלאָזע — האָט שמואל געזאָגט ערנסט.

— אָבער זיי קומען נישט צו מיין פאָטער. זאָגט מיר צו, אַז איר וועט קומען צו אים, אַז ער זאָל אייך העלפן.

— ווי אַזוי קאָן איך דאָס טון — כ׳האָב דאָך אים גע־וואָלט באַגנבענען!

— דאָס שאַדט גאָרנישט. איר קענט נישט מיין פאָטער. וויבאַלד איר וועט זיך פאַר אים מתודה זיין, דערציילן אים אייער זינד — — איר האָט דאָך חרטה

— יאָ, כ׳האָב זייער חרטה.

— דעמאָלט וועט ער אייך טאַקי מוחל זיין, ער וועט פאַר אייך אַלץ טון. אָ, ווען ער זאָל אַזוי וויסן, אַז איך האָב אייך מיטגעהאָלפן תשובה טון, כ׳האָב דאָך אייך עפּעס מיטגע־האָלפן, אמת?

— יאָ.

— ס׳איז גאָרנישט שווער געווען אייך איבערצורעדן — האָט דאָס מיידעלע געזאָגט — יענץ קליינע מיידעלע פון מעשה, ביכל האָט אַודאי באַדאַרפט לאַנג רעדן, אָבער פון יעצט אָן, וועט איר שוין זיין ערלעך?

שמואל האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן פון לאכן — יאָ, כ׳וועל זיין ערלעך.

— אייך האָט מען אודאי ערלעך ערצויגן — האָט דאָס קינד פילאָזאָפירט ווייטער. — איך קאָן גאַרנישט גלייבן, אַז איר זענט אַ גנב. יאָ, יאָ, — הונגער מוז זיין זייער אַ שרעקלעכע זאַך!

— יאָ, הונגערן איז זייער שרעקלעך — האָט שמואל צוגעשטימט.

— אַזת, אַז וויבאַלד עס וואָלטן געווען אַ סך הונגעריקע וואָלטן זיי אַלע געמוזט ווערן גנבים?

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געפרעגט: — ווי אַזוי הייסט איר? איך הייס עטעל. און יעצט וועל איך אייך זאָגן, וואָס מיר האָבן צו טון. מיין פאָטער איז שוין אין וועג, זיין צוג וועט קימען אין דער פרי. איר וועט קומען גאָכן פרישטיק. כ׳וועל בעטן דעם פאָטער אַז ער זאָל צוווארטן אויף אייך. איך וועל אים אַלץ דערציילן, און דערנאָך וועט אַ סוף נעמען צו אייערע אַלע דאגות — איר וועט קומען?

— ער וועט נישט זיין בייז אויף מיר?

— זיכער נישט.

— ער וועט מיך נישט הייסן אַרעסטירן?

עטעל האָט געמאַכט אַ באַליידיקטע מינע: — מיין טאַטע קומט אין טורמע אריין, ער העלפט באַפרייען די אַרעסטירטע. איך זאָג אייך צו, אַז ער וועט זיך נישט בייזערן אויף אייך.

— גוט, איך וועל קומען.

זיי האָבן זיך געזעגנט. שמואל איז ארויס אויף דער גאַס. ער האָט דערזען איבער זיך דעם פרייען הימל, אַן אומגעווייגלעכע פרייד האָט ער דערפילט אין זיין האַרץ. ער איז שוין נישט מער קיין גנב׳

שמואל האָט פאַרברענגט אַ גאַנצע נאַכט אויף דער גאַס
ער האָט געוואָלט האַלטן זיין צוזאָג, אַז ער וועט זיך מער נישט אומקערן צו סוויפטן. אויף צומאָרגנס האָט ער אָנגעקלינגען ביים פּאַסטאָרס טיר. ער איז געווען מיד, אָבער זייער גליקלעך. עטעל אַעליין האָט אים אויפגעמאַכט. ווען זי האָט אים דער־זען, האָט זי אַ פּאַטש געטון מיט די הענטלעך פאַר פרייד. — ער איז דאָ! — האָט זי אויסגעשריגן און אַריינגעלאָפן צוריק אין זאַל אַריין: — ער איז דאָ, ער איז דאָ! כ'האָב געזאָגט אַז ער וועט קומען!

אין דער טיר איז שטיין געבליבן אַ מאַנספּערשוין און אָנגעקוקט שמואלן. דאָס איז געווען אַ דיקער מענטש מיט אַ ברייט פּנים און שטעכעדיקער באָרד.

— דאָס איז מיין פאָטער — האָט זי אויסגערופן מיט פרייד.

— דאָס איז דער גנב!

— גוט מאָרגן — האָט שמואל געזאָגט.

— איר זייט עס טאַקע דערזעלבער יונגערמאַן, וואָס איז דאָ געווען נעכטן ביינאַכט?

— יאָ, מיין הער.

דעם חשובן פּאַסטאָר איז עס אויסגעקומען וואונדערלעך.

— אינטערעסאַנט — האָט ער געזאָגט — קומט אַריין אין שטוב.

זיי האָבן זיך געזעצט אין דער ביבליאָטעק־שטוב. — מיינט נישט, אַז איך בין אַ בעטלער — האָט שמואל האַסטיק געזאָגט — אייער טעכטערל האָט מיר געזאָגט...

— לאָמיר נישט רעדן וועגן יענעם. וויבאַלד דאָס, וואָס, איר האָט דערציילט מיין טעכטערל איז אמת, פרייט מיך זייער, אַז כ'קאָן אייך מיט עפּעס העלפן.

— אַ דאַנק.

— אַלזאָ, האָט איר זיך עס טאַקע נעכטן דאָ אַריינגע־גנבעט? — האָט דער פּאַסטאָר געפרעגט. — און צי איז עס ווירקלעך אייער ערשט מאָל?

— יאָ, ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן.

— ס׳איז געווען מיט מיר נאָך איינער — האָט שמואל ערקלערט — אָבער איר פאַרשטייט דאָך אַליין, אַז איך וועל נישט דערציילן וועגן אים.

— איך פאַרשטיי. ער האָט אייך צוגערעדט?

— יאָ.

—אָבער פאַר דעם האָט איר נאָך קיינמאָל גאָרנישט געטון קיין שלעכטס?

— קיינמאָל!

— איר זענט נישט געווען קיין גנב?

— ניין! – האָט שמואל אויסגערופן אויפגערעגט.

דער פּאַסטאָר האָט דערקענט, אַז זיין איפּערעגונג איז אַן אמתע – פאַרוואָס האָט איר אייך געלאָזט צורעדן צו אַזעלכעס?

— איך האָב מיך איבערגעצייגט, אַז איך האָב גוט געטון.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך? צי האָט מען אייך דען נישט געלערנט, אַז גנבענען איז אַן עבירה?

— מען האָט מיך געלערנט, אָבער דאָס אַלץ איז נישט אַזוי געווינלעך, ווי ס׳דאַכט זיך. כ׳האָב געהאַט אַ שמועס מיטן פּראָפעסאָר סטיוואַרט...

— מיט פּראָפעסאָר סטיוואַרט – האָט דער פּאַסטאָר איבערגעחזרט.

— יאָ, מיט דעם פון דער הויכשול.

— אָבער וואָס פאַר א שכות האָט דער פּראָפעסאָר מיט דעם אַלעם?

— ער האָט מיך טאַקע קלאָר געמאַכט אין דעם „זיג פון די פעיקע״. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך מוז שטאַרבן פון הונגער, ווייל איך געהער צו די „אומפעיקע״. און דערנאָך האָב איך מיך געטראָפן מיט הער אַלבערט.

— מיט וועמען?

— מיט אַלבערט לאָקמצן. דער פּראָפעסאָר האָט מיר גע־זאָגט, אַז אַזעלכע ווי לאָקמען געהערן צו די פעיקע. אָבער איך האָב זיך איבערגעצייגט, אַז ער איז אַ שיכור און טוט אַפּ אַנדערע מיאוסע זאַכן. דערפאַר האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, אַז עס איז גאָרנישט קיין יושר, אַז איך זאָל שטאַרבן פון הונגער. יעצט זע איך, אַז כ׳האָב שלעכט פאַרשטאַנען, דאַמאָלט האָב איך געגלייבט, אַז כ׳דאַרף קעמפן, באַמיען זיך כדי צו דערהאַלטן ביים לעבן. אָבער כ׳האָב געטראָפן סוויפ... אַ ביין מענטש, ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ גנב...

דער פאַסטאָר האָט עס מיט דערשטוינונג אויסגעהערט און ער האָט אים איבערגעריסן:

— יונגערמאַן! צי לאַכסטו נישט אַמאָל פון מיר?

— לאַכן — איך? — שמואל האָט ברייט געעפנט די אויגן.

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און אָנגעהויבן שמואלן אויס־פרעגן. ער האָט אים דערציילט די געשיכטע פון זיין לעבן. ווען ער האָט אים דערציילט וועגן דעם שמועס מיטן פּראָפע־סאָר סטיוואָרט, האָט זיך שוין דער פאַסטאָר נישט געקאָנט באַ־הערשן. ער האָט אויסגעשריגן: — שמואל, ווי לאַנג איך לעב האָב איך נאָך אַזעלכעס נישט געהערט.

— וואָס מיינט איר, הער?

— גאָטס האַנט האָט אייך געראַטעוועט, איר זענט שוין געשטאַנען ביים ראַנד פון פאַרברעכערישן לעבן. דאָס אַלץ דערפאַר, וואָס מען לערנט אין אונזערע הויכשולן אַזעלכע נאַטלאָזע דאָקטרינען. דאָס רופן זיי וויסנשאַפט! דאָס רופן זיי וועלטלעכקייט! — ער האָט זיך אויפגעהויבן פון שטול און אין אַן אויפגערעגטער געמוטען שפּאַצירן איבערן צימער.

— כ׳האָב תמיד געשריגן, אַז אָט די אַלע לערעס זענען אין סתירה צו מאָראַלישקייט! דאָ האָבן מיר דעם בעסטן ביישפּיל! אַן ערלעך יינגל ווערט אַ גנב, ווייל ער האַנדלט לויט דער לערע פון הערבערט שפּענסער

שמואל האָט אויסגעהערט פול מיט שרעק: — וואָס הייסט, איז דען נישט אמת, וואָס הערבערט ספּענצער זאָגט?

— אמת? — האָט אויסגעשריגן דער פּאַסטאָר. — אָבער שמואל, איר ווייסט דאָך, אַז דאָס אַלץ איז נישט אמת! איר' האָט דען נישט געלערנט דעם תנך? צי שרייבט דען דאָרט איין וואָרט וועגן קאַמף פאַרן עקזיסטענץ? צי לערנט דען טאַקע דער תנך, אַז אייער איינציקע פליכט איז צו באַקעמפן אַנדערע, בכדי איר זאָלט דערגרייכן אייערע עגאָיסטישע צילן? לערנט דען נישט דער תנך אַז מ'דאַרף וואָס ווינציקער טראַכטן וועגן זיך. נאָר מקריב זיין זיך פאַר אַנדערע און אליין ליידן, איידער צו טון באַמיען אַ צווייטן? וואָס וואָלט געזאָגט אייער פאָטער ווען ער וואָלט אייך געזען נעכטן ביי מיר, אייך, זיין איינציקן זון, וואָס איז ערצויגן געוואָרן גאָטספאָרכטיק!

— אָך, הער פּאַסטאָר! —האָט שמואל אויפגערופן, געטראָפן פון אָט די רייד.

— אַזוי, מיין קינד, אויף דער וועלט איז נישט וויכטיק אונזער זיג, ווי דער זיג פון גאָט. מיר לעבן כדי מיר זאָלן טון מצוות, תמיד גרייט צו שטאַרבן. מיר מוזן ליב האָבן אַנדערע, דינען זיי, זיין באַשיידן און געדולדיק, מקריב זיין זיך מיט איבערגעגעבנקייט. „זיג פון די פעיקע." שוין דער בלויזער געדאַנק לייקנט אָפּ אַלץ, אַלץ וואָס איז הייליק. ווי אַזוי וועגן מיר זיך אַליין צו האַלטן פאַר פעיקע? אויף אַזאַ אופן ווערן מיר דאָך באַהערשט פון אונזערע שלעכטע אינסטינקטן, אונזער גיכקייט, אייפערזוכט און האַס. די דאָזיקע לערע איז די סיבה פון אַלדאָס שלעכטס, פון מאַטעריאַליזם אין אונזער צייט, אַלע פאַרברעכנס, מערדעריי און מלחמה! האָט דען כריסטוס געלערנט אַז דאָס גוטע נעמט מען זיך און דאָס שלעכטס גיט מען יענעם, דערפאַר ווייל ס'זענען דאָ ווינציק פעיקע? וואָס וואָלט איר געטון, ווען איר וואָלט יענע נאַכט געשטעלט זיך פאַר כריסטוסן?

אַ פלאַמיקע בושה האָט באַגאָסן שמואלן. — גענוג, הער, גענוג!

ער האָט געשריגן און פאַרשטעלט ס׳פּנים מיט די הענט. — כ׳פאַרשטיי שוין איצט אַלץ! כ׳בין געווען נידער־טרעכטיק — שרעקלעך נידערטרעכטיק!

— יאָ, איר זענט געווען אַ געמיינער מענטש.

שמואלס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. — איך קאָן נישט יעצט פאַרשטיין ווי אַזוי דאָס אַלץ איז געשען! כ׳בין געווען פאַרבלענדט, פאַרלוירן. כ׳בין ווי אַ בלינד שעפּסעלע. — פּלוצלינג האָט ער אויסגעבראָכן מיט אַ שרעקלעך שלוכצן — איך פאַרשטיי נישט מיך אַליין — האָט ער געוויינט;— כ׳עין זיכער נישט געווען ביים זינען.

דער פּאַסטאָר האָט אים נאָכגעקוקט עטלעכע מינוט.

— אפשר איז עס נישט געווען אינגאַנצן אייער שולד — האָט ער לסוף געזאָגט אין אַ מילדן טאָן. — מ׳האָט אייך פאַרפירט...

— ניין, ניין. איך בין געווען געמיין! אַזוי בין איך, וויבאַלד כ׳האָב מיך געלאָזט אָפּרעדן. באַלד פון אָנהייב בין איך נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון, און בין געפאָרן אומזיסט אויף דער באַן. פונדאַנען נעמט זיך אַלץ, דאָס איז אַלץ די זעלבע זאַך.

—לאָמיר דאַנקען גאָט—האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט; — וואָס די קייט ציט זיך שוין נישט לענגער, אַז פון יעצט אָן ענדערט זיך אַלץ צום גוטן.

— איז עס מעגלעך? — האָט שמואל געפרעגט פאַרצווייפלט.

— פאַרשטייט זיך! איר וועט זיך דאָך שוין נישט לאָזן אָפּנאַרן פון די אַלע פאַלשע דאָקטרינען.

— ניין. כ׳האָב אָפּגעטון אַזאַ שלעכטס, פאַרוואָס מ׳האָט מיך געקאָנט ווער ווייסט אויף ווילאַנג איינזעצן.

— איר מיינט דאָס, וואָס ס׳איז געשען נעכטן ביינאַכט? און דעם וועט זיך קיינער נישט דערוויסן. פון היינט אָן הויבט איר אָן אַ ניי לעבן.

— אָבער איך אַליין וועל מיר קיינמאָל נישט מוחל זיין, דאָס אַלץ וועט מיך אייביק פאַרפאָלגן!

— ווינציק זאַכן זענען פאַרהאַן אין אונזער לעבן, מיר

זאָלן זיי פאַרגעסן און זיך מוחל זיין. — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט.

ער איז געווען צוגעגרייט לאַנג צו קעמפן מיט דעם יונגן פאַרברעכער, ביז ער וועט זיך קוים מודה זיין אין זיין זינד. דערווייל האָט ער גאָר באַדאַרפט אָנווענדן אַלע מיטלען איבער־צוצייגן אים, אַז ער איז נאָך נישט באַפלעקט אויף זיין גאַנץ לעבן. ווען ס'האָט זיך אים לסוף שוין איינגעגעבן, האָט שמואל אים ערקלערט, אַז ער הויבט אָן זיין נייע לעבן מיט דעם, מיט וואָס ער האָט פאַרענדיקט דאָס אַלטע, מיט אַ קאַמף קעגן הונגער. — כ'מוז—האָט ער געזאָגט—באַווייזן אַז כ'קען מנצח זיין! וויבאַלד איך בין איינמאָל נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון, וועל איך מיך יעצט ווידערשטעלן!

— אָבער, שמואל, קיינער איז נישט מחיוב צו שטאַרבן פון הונגער! איר מוזט אָננעמען מיין מיטהילף ביים אויסזוכן פאַר אייך אַן אַרבעט.

— האַלט מיך נישט פאַר אַן אומדאַנקבאַרן, אָבער פאַר וואָס קומט עס מיר, אַז איך זאָל פון אייך אַזוי באַלוינט ווערן? אין דער שטאָט זענען דאָך פאַרהאַן אַזוי פיל הונגעריקע. זיי וויל איך ליבן און בייהילפיק זיין און דערפאַר איז מיר נישט ערלויבט צו האָבן מער פאַר זיי. דאָס וואָלט געהייסן עגאָאיזם— נישט אַזוי? פון מיין מודה זיין זיך, וואָלט איך נאָך גאָר פאַרדינט.

— כ'בין נישט מסכים מיט אייך.

— אָבער, הער פּאַסטאָר, דאָס איז דאָך אמת. איר זוילט מיר העלפן, נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב זיך מודה געווען אין מיינע עבירות. עס איז דאָך אָבער פאַרהאַן אַזוי פיל, וואָס האָבן נאָך אינגאַנצן נישט געזינדיקט, און איר העלפט זיי נישט. איך אַליין קען אַ סך, וואָס נייטיקן זיך גיכער אין הילף, און האָבן גיכער דערויף פאַרדינט ווי איך!

— איר זענט צו שטרענג אַקעגן זיך אַליין און אויך אַקעגן מיר, שמואל. אמת, אַז איך אַליין בין אומשטאַנד צו העלפן אַלע, אָבער דאָך האָב איך אַ פליכט צו העלפן דאָ ווו איך קען.

דערפאַר מוז איך אייך העלפן. פאַרשטייט, אַז אייך מוז אין האַלטן נאָענט פון מיר, און האָבן איבער אייך די אויפזיכט. ווער ווייסט דען, צי איר וואָלט מיר נישט געקאָנט העלפן! לאָמיר אָננעמען, למשל, אין אונזער קלויסטער.

— אָ, הער פאַסטאָר! — האָט שמואל אויסגערופן מיט־דאַנקבאַרקייט. — וויבאַלד איר פאַסט עס אויף אַזוי...

—געוויס אויף אַזאַ אופן, און נישט אויף קיין אַנדערן ענדלעך האָט איר דערזען דאָס ליכט און איר דורשט אָנצוהייבן אַ ניי לעבן. טאָ טוט דאָס אַלץ אין לאָקמענווויל, אין ערגעץ וועט זיך עס אייך אַזוי נישט איינגעבן, ווי דאָ.

דאָס קליינע מיידעלע האָט זיך די גאַנצע צייט שטיל צו־געהערט צו אָט דעם שמועס. יעצט האָט זי זיך פּלוצלינג אַ ריס געטון, זי איז צוגעגאַנגען צו שמואלן און אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט: — כ׳בעט אייך, פאַרבלייבט ביי אונז!

שמואל האָט געענטפערט: — גוט, כ׳בלייב.

זיי האָבן געשמועסט וועגן זיין צוקונפט און וואָס דער פאַסטאָר קאָן פאַר אים אָנווענדן. דער ערלעכער פאַסטאָר איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט: — כ׳וועל מיך אַדורכשמועסן מיט הער וויגאַנט — האָט ער לסוף געזאָגט — אפשר וועט ער אייך געבן אַ באַשעפטיקונג אין זיינס אַ פאַבריק.

— הער וויגאַנט — האָט שמואל איבערגעחזרט — מיינט איר נישט פריילן גלעדיסעס פאָטער?

— יאָ, פונוואַנען קענט איר זי?

— כ׳האָב זי געזען עטלעכע מאָל אין „פערוויאָ".

— זי מיט איר פאָטער קומען צו אונז אין קלויסטער — האָט דער פאַסטאָר ערקלערט.

— אַזוי, זענט איר פאַסטאָר אין קלויסטער פון הייליקן מאַטיאַס?—האָט שמואל אויסגערופן.

— יאָ ,איר האָט דען נישט געוואוסט דערפון? איר זענט נאָך קיינמאָל נישט געווען ביי אונז אין קלויסטער?

— ניין — האָט שמואל פאַרזאָרגט געענטפערט.--איך בין נאָר געווען אין דער קליינער אַרבעטער-קירך. כ'האָב געמיינט, אַז די קירכע פון הייליקן מאַטיאַס איז נאָר פאַר גבירים.

— איר האָט שלעכט געמיינט. די קירכע איז פאַר יעדן אָפן, זי איז נישט נאָר פאַר די רייכע, זי געהערט צו גאָט...

דאַנקבאַר, פול מיט גליק, האָט שמואל באַשלאָסן צו באַזוכן די מאַטיאַס- קירכע. טיף אין זיין נשמה האָט געשעפּטשעט צו אים אַ קול: — דאָרט וועסטו זען פריילן גלעדיס—די געטין דיינע.

## XVI

שמואל איז אַן אויפגערעגטער אַוועק צו די סטידמענס. ער האָט זיי דערציילט פון זיין גליק. אַלע זענען זיי געזעס אַרום און ווי פאַרגליווערט זיך צוגעהערט צו זיינע דערציילונגען עס איז דאָך געווען עפּעס וווּנדערבאַר צו זיצן צוזאַמען מיט אַ מענטש, וואָס האָט איבערגעלעבט אַזעלכע פּאַסירונגען. אַמווייניקסטן באַגייסטערונג האָט אַרויסגעוויזן זאָפיע. זי איז געזעסן אַ שווייגנדיקע, צוגעדריקט ביידע הענט צום קאָפּ... אַז די מאַמע מיט די קינדער זענען אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט זי געזאָגט צו שמואלן:

— איך פיל זיך היינט זייער שלעכט. כ'ווייס אַליין נישט וואָס מיר איז, און ווי לאַנג כ'וועל דאָס אַזוי אויסהאַלטן!

— הערט מיך אויס, זאָפיע, איך האָב שוין געטראַכט. וועגן דעם, אַז איך וועל אייך שוין קאָנען יעצט העלפן.

— ווי אַזוי?

— כ'וועל בעטן דעם פּאַסטאָר, ער זאָל אויסזוכן פאַר אייך עפּעס אַ לייכטערע אַרבעט.

— ער זאָל עס נאָר וועלן טון!

— ער וועט זיכער נישט אָפּזאָגן, ער העלפט דאָך יעדן

אין זיין קירכע קומען די רייכע. ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז איך זאָל אים העלפֿן. איך וועל אים אויסזוכען די אָרעמע, וועל־כע ער וועט שוין באַזאָרגן.

שמואל האָט מיט התפּעלות דערציילט וועגן די מעלות און איידלקייט פֿון פּאַסטאָר: — מאָרגן גיי איך ווידער צו אים, און איר וועט זען.

אויף צומאָרגנס האָט דער פּאַסטאָר ערקלערט שמואלן, אַז ער האָט שוין פֿאַר אים אַן אַרבעט. שמואלן האָט דאָס האַרץ אַ קלאַפּ געטון פֿאַר פֿרייד. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער דינער אין דער קירכע פֿון הייליקן מאַטיאַס איז שוין אַלט, און די קירכע־געמיינדע האָט באַשלאָסן אים צוצוגעבן אַ געהילף. דער געהאַלט איז אַ קליינער, אָבער די אַרבעט האָט שמואלן מעגלעך געמאַכט צו זיין נאָענט פֿון זיין וואוילטעטער. מיט טרערן אין די אויגן האָט שמואל געדאַנקט פֿאַר אָט דער טובה. און אַ קול האָט געשעפּטשעט צו אים אינעווייניק: — וועסט קאָ־נען אָפּט זען די פֿריילן גלעדיס. — הער פּאַסטאָר — האָט ער געזאָגט נאָך אַ מינוט — כ׳האָב פֿאַר איך וויכטיק גייעס.

— וואָס אַזעלכעס?

— אַ פֿרישע מעגלעכקייט עמעצן צו העלפֿן.

— אָך — אַזוי!...

שמואל האָט אים דערציילט וועגן די סטודמענס, וועגן דער פּיין פֿון דער קליינער זאָפֿיע, וואָס אַרבעט אין דער שפּינצריי.

— וואָס קאָן איך איר העלפֿן? — האָט דער פּאַסטאָר אָפּגעזיפֿצט.

— מ׳מוז זאָפֿיען ראַטעווען, אויסזוכן פֿאַר איר עפּעס אַן אַנדערע אַרבעט, וואָס זאָל איר נישט טייטן.

— אָבער, שמואל — האָט אים דער פּאַסטאָר איבער־געריסן — אַ סך קינדער זענען דאָך פֿאַרהאַן אין דעם זעלבן צושטאַנד, וואָס יענץ מיידל.

— הער פּאַסטאָר, זאָפֿיע וועט די אַרבעט נישט איבער־האַלטן!

— כ׳פֿאַרשטיי עס, קינד מיינס, ס׳איז באמת שרעקלעך,

גבער, מיין גאָט, איך קאָן דאָך נישט פאַר יעדן געפּיגען אַרבעט.

— דאַרף זי דעריבער שטאַרבן, הייסט עס, — האָט שמואל אויסגערופן.—הער פּאַסטאָר, באַרעכנט נאָר דאָס, ווי שווער עס וואָלט געווען אייער פּאַטערליעך האַרץ, ווען אייער טעכטער וואָלט, אַזוי געמוזט אַרבעטן אין דער שפּינערײַ!

דער פּאַסטאָר האָט זיך פאַרטראַכט. — כ'ווייס באמת נישט וואָס צו טון — האָט ער געזאָגט פאַרזאָרגט.

— איך מיין — האָט שמואל באַמערקט — אַז ס'וועט אייך גאַנץ לייכט זיין זאָפיען צו העלפן, איר קאָנט זיך דורכרעדן מיט הער ווייגאַנט, ער געהערט דאָך צו אייער קירכע.

— אָבער וואָס האָט ווייגאַנט דערמיט פאַר אַ שייכות?

— זאָפיע אַרבעט טאָקע ביי אים אין אַ פאַבריק.

— יאָ, אָבער...

— צי האַלט איר דען נישט, אַז אַלס באַלעבאָס פון פאַבריק, דאַרף ער זיך פאַראינטערעסירן מיט זאָפיעס גורל?

— הם — האָט דער פּאַסטאָר אַ ברום געטון און איז אַנטשוויגן געוואָרן. פּלוצלינג האָט זיך אָפּגערופן עטעל, זי איז געזעסן אין זיך צוגעהערט צו אָט דעם גאַנצן שמועס:—פּאָטער,—אפשר וואָלטן מיר גערעדט וועגן דעם מיט דער פרייַלן גלעדיס?

— פאַרשטייט זיך! — האָט שמואל אויסגערופן.

און דער פּאַסטאָר האָט צוגעגעבן: — דאָס איז אַ גוטער איינפאַל.

—מאָרגן וועט איר גיין צוזאַמען מיט מיר אין דער קירכע אַריין—האָט עטעל באַשלאָסן — און באַלד ווי פריילן גלעדיס וועט קומען, וועלן מיר עס מיט איר אַדורכשמועסן.

אויף צו מאָרגנס אין דער פרי האָט שמואל שוין געוואַרט אין קירכע. דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט, ער האָט זיך אויסגעגלייכט דעם גרינעם שניפּס מיט די רויטע שטערנדלעך. אויף עטעלעס איינלאַדונג האָט ער פאַרנומען אַן אָרט אין דער פּאַסטאָר-לאָזשע. אין אַ מינוט אַרום איז אָנגעקומען פריילן גלעדיס, זי האָט געטראָגן אַ פּרעכטיקן פרילינג-קאָסטיום,

צוגעפאַסט צו דער ערנסטקייט פון דעם גאָטעסדינסט. ער האָט שמואלן ערשט באַמערקט נאָכן גאָטעסדינסט.

— שמואל! — האָט זי אויסגערופן פאַרוואונדערט — איר וואוינט דאָ?

— יאָ, פריילן גלעדיס, איך אַרבעט שוין איצט אין קלויסטער.

— באמת?

— יאָ, ער איז אַ געהילף פון דינער — האָט צוגעגעבן די קליינע עטעל: — פריילן גלעדיס, כ'וויל אייך דערציילן וועגן דער אָרעמער זאָפיע.

— ווער איז זי דאָס?

עטעל האָט דערציילט אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט וועגן דעם אומגליקלעכן מיידל.

— ווי טרויעריק דאָס איז! — האָט פריילן גלעדיס געזאָגט און דערנאָך האָט זי זיך געווענדעט צו שמואלן: — דערציי'ט מיר נאָך עפּעס וועגן איר.

שמואל האָט זיך דערמאָנט אין דער מינוט, ווי הייליק ס'איז געווען ביי דער קליינער זאָפיע די בילדלעך פון פריילן גלעדיס און די ווייַנאַכט מתנה, וואָס זי האָט פון איר אַליין באַקומען. ער האָט איר דערציילט דאָס מיט אַלע פּרטים, און ווען ער האָט געענדיקט, האָט פריילן גלעדיס געזאָגט:

— איך וועל זען, וואָס כ'וועל קאָנען פאַר איר טון. וואָס האַלט איר פאַר פּאַסיק?

— איך האַלט, אַז אויב עס וואָלט זיך געפינען ביי אייך אין שטוב פאַר איר עפּעס אַ באַשעפטיקונג, זי וואָלט געווען אין זיבעטן הימל פאַר גליק, ווען דאָס זאָל מעגלעך זיין.

— כ'וועל אַדורכטראַכטן. איר קאָנט קומען מיט איר מאָרגן אין דער פרי צו מיר?

— יאָ! — האָט שמואל אויסגערופן צופרידן. ער האָט געפילט אויף זיך דעם פאַרשנדיקן בליק פון פריילן גלעדיס. דאָס בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים, און אין זיין נשמה האָבן זיך געוועקט מאָדנע געפילן. ער האָט גיך אַרויפ-

געפֿלאַטערט די אויגן און זײַנע קניען האָבן געציטערט, בשעת ער האָט צוגעפֿירט די פֿרײַלן גלעדיס צו איר אויטאָ. אַז זי איז אַוועקגעפֿאָרן, האָט ער זיך געזעגנט מיט עטלעכן און מיט איר מוטער און ער איז אַוועק דערציילן דעם פּאַסטאָר דאָס נײַעס.

דער וואוילער פּאַסטאָר האָט פּונקט אָנגעטאָן זײַנע מאַנ־זשעטן: — עס פֿרייט מיך זייער — האָט ער געזאָגט — אַזוי וועט זײַן צופֿרידן.

— יאָ, הער פּאַסטאָר! אָבער איך וואָלט נאָך עפּעס פֿאַר אײַך מודה געווען!

— וואָס אַזעלכעס?

— כ׳קען עס אײַך אין עטליכע מינוט נישט דערציילן.

— יאָ, אָבער מ׳וואַרט אויף מיר מיטן מיטאָק.

— טאָ ערלויבט שוין אַז איך זאָל אײַך צופֿירן.

— גוט, — דער פּאַסטאָר האָט געפֿילט אַן אומרויִקייט.

אַז זיי זענען אַרויס אויפֿן גאַס, האָט שוין שמואל אָנגע־הויבן דערציילן:

— כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט וועגן דעם! שוין לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפֿן ווערן, הער פּאַסטאָר!... מען מוז מחזיר זײַן אַלבערט לאַקמענען!

— מחזיר זײַן? — האָט דער פּאַסטאָר איבערגעחזרט צעטומלט.

— יאָ, ער פֿירט אַ שלעכט לעבן, זײַן נשמה...

— איך ווייס עס, כ׳ווייס, שמואל, דאָס איז טאַקע שרעקלעך, אָבער... מיר דאַרפֿן אַפּעלירן צו זײַן געוויסן, מען מוז אים אויפֿקלערן, ער טאָר נישט ווייטער פֿירן אַזאַ לעבן.

— ליידער, קאָן איך גאָרנישט העלפֿן. די לאַקמענס זע־נען אַלע אַנגליקאַנער, זייער פּאַסטאָר איז הער הענדי.

— וועט עפּעס הער הענדי אָנווענדן צו דעם?

— איך ווייס עס באמת נישט, שמואל.

אָבער שמואל איז נישט אָפּגעשטאַנען.

— אָבער עמעץ מוז זיך דאָך מיט דער זאַך פֿאַרנעמען — האָט ער ווייטער גערעדט — דאָ האַנדלט זיך נישט בלויז וועגן

אָקמבענען אַליין. ער קאָן זיך טון וואָס אים געפעלט, נאָר פאַרשטייט, מיט וואָס ער וואָלט געקאָנט העלפן אַנדערע! זיינע פאַרדינסטן דערגרייכן דאָך ביז זיבן טויזנט דאָלאַר יערלעך.

דער פּאַסטאָר האָט אַ שמייכל געטון מיט ביטול: — איך צווייפל, מיין קינד, צי ס'וואָלט אים ווער געקאָנט איבערצייגן, אַז ער דאַרף אַוועקשענקען זיין געלט אַנדערע. לאָמיר האָפן אַז די מענשהייט וועט זיך מיט דער צייט דערהייבן צו אַזאַ הויך, אָבער יעצט...

— גלויבט איר אין דעם? — האָט שמואל געפרעגט פאַרוואונדערט.

— איך מיין — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט עטוואָס צעמישט, — אַז... גרויסע געזעלשאַפטלעכע כּוחות אַרבעטן שוין אויף דעם געביט... עס וועלן פאָרקומען גרויסע ענדערונגען — אָבער עס וועט נאָך לאַנג געדויערן.

— אָבער פאַרוואָס גייט עס אין אַזאַ פּאַמעלעכן טעמפּאָ?

— האָט שמואל געפרעגט — איז עס נישט דערפאַר, ווייל איין מענטש איז גאַנץ גלייכגילטיק פאַרן אַנדערן?

— אָבער, שמואל!

— אָ, ווען אַלע וואָלט אינטערעסירט די פראַגע, וואָלט עס גיכער געגאַנגען.

זיי זענען געגאַנגען שווייגנדע, לסוף האָט דער פּאַסטאָר באַמערקט:

— איר, ווי איך זע, אינטערעסירט זיך זייער מיט געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

— יאָ, הער פּאַסטאָר, מיין לעבן ביז יעצט האָט מיך אויסגעלערנט זיך צו פאַרטראַכטן. איך בין שוין געשטאַנען ביים אָפּגרונט, כ'ווייס וואָס דאָס הייסט. קיינער קאָן דאָס נישט פאַרשטיין, סיידן דער, וואָס האָט עס אַליין איבערגעלעבט. אפילו איר, מיט אייער גאַנצער גוטהאַרציקייט.

— מעגלעך, אָבער איך פאַרזיכער אייך, אַז מיין געוויסן רוט נישט. מיר מוזן אָבער געדולדיק זיין, מיר קאָנען היינט גאָרנישט טון, נאָר וואַרטן, ביז דאָס אַלץ וועט זיך ענדערן.

— און מענטשן זאָלן דערווייל שטאַרבן פון הונגער?

אויף דער פראַגע איז געווען שווער צו ענטפערן. צום פּאַסטאָרס גליק, זענען זיי גראָד צוגעקומען צו זיין הויז: — איך מוז יעצט אַהיים גיין, שמואל. מיר וועלן איבער דער פראַגע אַן אַנדערש מאָל רעדן.

— יאָ, הער פּאַסטאָר, ס'איז זייער נייטיק.

דער פּאַסטאָר האָט געוואָרפן אויף אים אַ שאַרפן בליק.

## XVII

שמואל איז געגאַנגען ווייטער, פאַרטיפט אין זיין פּראָבלעם. עפּעס מוז מיט אַלבערטן זיין, דאָס איז זיכער. איידער ער איז נאָך געגאַנגען אויף מיטאָג, האָט ער שוין געהאַט אויסגעוועבט אַ צווייטן פּלאַן — ער וועט די זאַך איבערגעבן דער פריילן גלעדיס, זאָל זי איר אומגליקלעכן קוזין גוט מאַכן.

אויף צומאָרגנס אַכט אינדערפרי איז ער צוזאַמען מיט זאָפיע צוגעקומען צו פריילן ווייגאַנט. די דינסט האָט זיי בישט אַריינגעלאָזט, זי האָט זיי געמאָלדן אַז די פריילן שטייט יעצט אויף צען אַזייגער און מיט זיי וועט זי זיך יעצט זען עלף אַזייגער.

זיי זענען געקומען צו דער באַשטימטער שעה און זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין אַ סאַלאָן אויפן צווייטן שטאָק. דאָרט איז געווען פריילן גלעדיס. זי איז געווען אָנגעטון אין אַ פּורפּורענעם זיידענעם שלאָפראָק.

— דאָס איז זאָפיע! — האָט זי אויסגערופן —אָ, אָרעם קינד מיינס. — זי האָט געקוקט אויף דער קליינער פאַר־דאגעטער מאָגערער אַרבעטערין, אויף אירע אָפּגעריסענע קליידער. זאָפיע האָט באַטראַכט דאָס פּרעכטיקע הויך־געוויקסיקע גע־

שטאָלט פון פריילין גלעדיס. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פּרינצעסין, געבליט אין שיינקייט און אין קרעפטיקייט.

— איר אַרבעט אין אונזער שפּינעריי? — האָט גלעדיס געפרעגט —אָ, ווי שרעקלעך! און איר, שמואל, זאָגט, אַז דאָס קינד איז שוין אַלט דרייצען יאָר?

— יאָ, פריילין גלעדיס.

זי האָט אַ דריק געטון ביי אַ גלעקל און ס'איז אָנגעקומען אַ דינער – שיקט אַריין פרוי העריס צו מיר – האָט זי באַפוילן.

— פרוי העריס, איז ביי אונז די באַלעבאָסטע – האָט זי ערקלערט שמואלן.— מיר ווען זיך מיט איר באַראַטן.

די „באַראַטונג" איז געווען אַ קורצע:

—פרוי העריס דאָס איז זאָפיע ׳סטידמען. איך וויל איר מיט עפּעס העלפן, און כ'ווייס נישט צ וואָס מ'קאָן איר באַנוצן, אָבער איר מוזט שוין עפּעס אויסגעפינען פאַר איר, אַז זי זאָל דאָ איינגעאָרדנט ווערן, עס מוז דאָ זיין פאַר איר אַ לייכטע אַרבעט.

— פריילין גלעדיס – האָט פרוי העריס געזאָגט — איך האָב גאָרנישט פאַר איר קיין אַרבעט.

— איר וועט שוין עפּעס אויסזוכן. זי וועט זיך דאָ עפּעס אויסלערנען. נעמט זי מיט מיט אייך און באַשטימט אייך וועגן דעם, אַלע צוזאַמען.

—גוט, פריילין גלעדיס. — זי האָט פאַרלאָזט דעם צימער צוזאַמען מיט זאָפיען. שמואל איז פאַרבליבן אַליין מיט זיין געטין. ער איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, נישט געהאַט די דרייסטקייט אָנצוהייבן זיין שמועס. פריילין גלעדיס האָט אים אָבער אַריינגעצויגן אין אַ געשפּרעך.

— שמואל — האָט זי אים פּלוצלינג געפרעגט — פאַר וואָס זענט איר אַוועק פון מיין קוזין?

שמואל האָט זיך פאַרלוירן. – איך... איך וואָלט עס גערן אייך נישט דערציילט, פריילין גלעדיס.

— דערציילט, דערציילט — איז זי צוגעשטאַנען צו אים עקשנותדיק.

— כ'בין אַוועקגעגאַנגען, כ'האָב געזען, אַז ער איז אַ שיכור — האָט שמואל שטיל געזאָגט.

— ווען איז דאָס געווען?

— דעם פֿאַריקן מיטוואָך.

— דערציילט מיר אַלץ, שמואל.

— איך... איך וואָלט עס גיכער געוואָלט — דאָס איז נישט פֿאַר יונגע פֿריילנס.

— אַ טייל האָב איך מיך שוין דערוואוסט פֿון מיין דינער־שאַפֿט. דזשעק האָלידעי איז דאָרט געווען. נישט אמת?

— יאָ, פֿריילן גלעדיס.

— און עטלעכע פֿרויען?

— יאָ.

— וויפֿל, שמואל?

— פֿיר.

— דערציילט ווייטער, שמואל, וואָס פֿאַר אַ טיפּ פֿרויען איז דאָס געווען?

אויף דער פֿראַגע איז אים שווער געווען צו ענטפֿערן. ער איז געווען שטאַרק פֿאַרזיכטיק, אָבער פֿריילן גלעדיס איז נישט געווען לייכט צו פּטרן, זי איז געווען זייער גיריק צו דערוויסן זיך איינצלהייטן.

— זאָגט איר, אַז זי האָט געהייסן בעלאַ, אויב ס'איז נישט די זעלבע, וואָס איז אויפֿגעטרעטן אין דער אָפּערע? זי איז אַ טענצערין?

— איך ווייס נישט.

— וואָס איז געוואָרן מיט איר?

— איך האָב איר אָפּגעפֿירט אין אַ האָטעל אַריין.

— און דערנאָך?

— איך קאָן עס אייך שוין ווייטער נישט דערציילן.

— פֿאַרוואָס?

— כ'האָב צוגעזאָגט צו שווייגן.

—וועמען האָט איר דאָס צוגעזאָגט?

— דעם פּאָליציי-באַאַמטן, פריילן גלעדיס.

— וואָס פאַר אַ פּאָליציי-באַאַמטן? איר מיינט אודאי אַ פּאָליציאַנט?

— יאָ.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט די פּאָליציי מיט דעם אַלעם?

— איך בין איינגעזעצט געווען אין טורמע, פריילן גלע-דיס. איר גלייבט דען, אַז איך זאָל עס האָבן געטון?

— וואָס געטון?

שמואל האָט געשוויגן, ער האָט זיך אַ ביס געטון אין די ליפּן.

— הערט, שמואל — האָט גלעדיס געבעטן, — איך בין דאָך בערטיעס אַ קוזינע. ער האָט דאָך נישט קיינעם. אין אַ געוויסער מאָס בין איך פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך.

— אָ, פריילן גלעדיס! — האָט שמואל אויסגערופן — ווען איר קענט אים אָפּראַטעווען! איך האָב דאָך געוואָלט אייך דאָס בעטן.

— ווי אַזוי קען איך אים העלפען, אַז איך ווייס פון גאָר-נישט?

יעצט האָט שמואל דערציילט די גאַנצע געשיכטע. גלעדיס האָט געשוויגן אָן איבערגעשראָקענע. זי האָט עטלעכע מאָל מיט אויפרעגונג איבערגעחזרט די ווערטער: — זי האָט זיך געהרגעט! זי האָט זיך געהרגעט!

— יאָ, פריילן גלעדיס, ס׳איז געווען שרעקלעך. איר קאָנט עס זיך גאָרנישט פאָרשטעלן.

— איך האָב געלייענט אין צייטונג פון דעם זעלבסמאָרד, ווער האָט דאָס געקענט וויסן, אַז בערטיע...—און זי האָט אָפּגעהאַקט.

נאָך אַ קליינער פויזע האָט שמואל באַמערקט:—שרעקלעך מוז עס אים זיין אויף זיין געוויסן!

— יאָ, אַ טויט-שרעק באַפאַלט אים זיכער. שמואל, איר האָט דאָך נאָך אודאי קיינעם דאָס נישט דערציילט.

— קיין לעבעדיקן באַשעפעניש נישט.

— זיכער?

— זיכער.

— אפילו דעם הער ווינס אויך נישט?

— אים האָב איך געזאָגט, ... איך בין אוועקגעגאַנגען דער־פאַר, ווייל ער איז געווען אַ שיכור, און דאָס איז אויך אמת.

— אַלעמאָל זאָגט איר אמת, שמואל?

— איך באַמי זיך דאָס.

— איר זענט זייער אַ גוטער, נישט אמת?

שמואל האָט זיך פאַררויטלט: — ניין, איך בין נישט קיין גוטער.

זי האָט געקוקט אויף אים אַ ווײַלע און געלאַכט: — עס איז דאָ אַ פאָלקס־ווערטל: „זיי גוט און וועסט גליקלעך זיין, אָבער אַ סך פאַרגעניגן וועסטו פאַרלירן".

שמואל האָט געענטפערט: —דאָס איז אַ העסלעך פאָלקס־ווערטל.

גלעדיס האָט געלאַכט. זי האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן אַלע מיאוסע איינצלהייטן פון דעם זעלבסמאָרד. פלוצלינג האָט זי געפרעגט:

— פאַרוואָס טראָגט איר אַזאַ מיאוסע זאַך

— שמואל האָט זיך איבערגעשראָקן:—וואָס פאַר אַ זאַך?

— דעם שניפס.

— דעם שניפס?... דאָס האָב איך דאָך געקויפט ווייל...—

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט שטאַרק געלאַכט: — רייסט אים אַראָפּ—האָט זי באַפוילן.

זי איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צו שמואלן: — איך קאָן אויף דעם נישט קוקן.

ער האָט אַראָפּגענומען דעם שניפס, די פינגער האָבן בײַ אים געציטערט. גלעדיס האָט אַראָפּגענומען פון איר טאַליע אַ פרעכטיקע רויטע באַנד און עס צוגעשניטן:

— נעמט דאָס. איך וועל אייך ווייזן, ווי אַזוי צו בינדן אַ שניפס. — אַ פיינלעך פאַרגעניגן האָט שמואלן באַהערשט. זי איז געשטאַנען נאָענט פון אים, באַשעפטיקט אירע פינ־גער אַרום זיין האַלז. ער האָט געפילט איר אָטעם אויף זיין פנים, אַ פאַרטויבטער ריח האָט זיך געריסן אין זיינע

גאָזלעכער. דאָס בלוט האָט ביי אים געזידט, די אָדערן אויפן שטערן זענען אים אָנגעשוואָלן געוואָרן. ער איז געווען אומגעוויינלעך אויפגערעגט: — אַזוי — האָט זי געזאָגט — יעצט איז שוין בעסער.—זי איז געגאַנגען אַ טריט צוריק, באַטראַכט איר אָפּגעטוענע אַרבעט. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן לאַכנדיק: — איר האָט גאָרנישט קיין געשמאַק, שמואל. איך וועל אייך מוזן לערנען.

— יאָ, פריילן גלעדיס — האָט ער שטיל געענטפערט.

— איר וועט אַוודאי אָפּט באַזוכן זאָפיען? האָט זי געפרעגט.

— יאָ, יאָ.

— קומט דעמאָלט, ווען איך וועל זיין.

שמואל האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, צונויפגעדריקט די פינגער. ער האָט נאָר בלויז געשטאַמלט: — יאָ.

— האָט נישט קיין מורא פאַר מיר—האָט גלעדיס געזאָגט—איר האַלט אייך צו קליין, שמואל.

אין קאָרידאָר האָט זיך געהערט אַ קול. די באַלעבאָסטע האָט זיך אומגעקערט מיט זאָפיען. — נו?—האָט גלעדיס געפרעגט.

— זי קען גאָרנישט — האָט פרוי העריס ערקלערט, — אויף אייער פאַרלאַנג קאָן מען זי באַנוצן צו שליחות, אָדער זי לערנען נייען...

— גוט, באַצאָלט איר גוט. זענט איר צופרידן, זאָפיע?

— יאָ, פריילן — האָט דאָס קינד געשעפּטשעט מיט אַ שטיקנדיק קול. זי האָט געקוקט פול מיט אַנטציקונג אויף דעם שטראַלנדן וועזן, וואָס איז געשטאַנען אַקעגן איר. זי האָט נישט געקאָנט אויסרעדן אַ וואָרט. — גוט -- האָט גלעדיס געזאָגט — קומט מאָרגן, זאָפיע. אויף ווידערזען, שמואל, איך מוז יעצט זיך לאָזן רייטן. אויף ווידערזען.

— אויף ווידערזען, פריילן גלעדיס, און איך בעט אייך— פאַרגעסט נישט אָן אַלבערטן.

## XVIII

שמואל איז געגאַנגען אַהיים. ער איז געווען אין זיבעטן הימל. ס'האָט זיך אים איינגעגעבן פאַר זיך און פאַר זאָפּיען צו באַקומען אַרבעט, און אַחוץ דעם וועט שוין בערטיע לאָקמען אָנהייבן תשובה טון. אָ, אמת, די קירכע איז אַ געוואַלדיקער אויפטו. — זי פאַרמאָגט אַלע מיטלען ווי אַזוי צו לעזן די שווערע פּראָבלעמען פון לעבן. אָ, וואָס פאַר אַ גליק, וואָס ער שטייט אַזוי נאָענט צו דער דאָזיקער זאַך! ביי אַן עק גאס איז ער פּלוצלינג שטיין געבליבן. זיין בליק איז געפאַלן אויף אַ שילד מיט אַן אויפשריפט: — דזשאָן קאַלאַהאַן, ווייַן און ליקער, בערנהיימער ביר.

— איר זעט — האָט ער געזאָגט צו זאָפּיען — דאָרט וואוינט מיין פריינד פינגעגן.

— ווער איז דאָס דער פינגעגן?

— דער, וואָס אַרבעט אין שענק, ער האָט מיר געגעבן עסן, ווען כ'בין אָנגעקומען. כאָטש ער איז אַ שענקער־יונג, איז ער זייער אַ גוטער מענטש.

שמואל האָט וועגן פינגעגן געטראַכט מיט עקל. ס'האָט אים אײַנגעגאַנגען ווידער געשפּראָכן זייַנע אָנשווייגנגען, אַז אַזאַ באַרמהערציקער מענטש זאָל פאַרקויפן אַלקאָהאָל. פּלוצלינג איז אים געקומען אַ גלענצנדער געדאַנק. פאַרוואָס זאָל פינגעגן דאָס טון? באַלד האָט שמואל געזען פאַר זיך זיין נאָענטסטע אויפגאַבע. ער מוז פינגעגן העלפן.

שמואל האָט פאַרגעסן, אַז ס'איז שוין צייט צו גיין אויף מיטאָג. ער האָט זיך געזעגנט מיט זאָפּיען און ער איז אַריין אין שענק.

— האַללאָ, יונגערמאַן! — האָט פינגעגן אויסגערופן פריי־לעך. ער האָט אַ בליק געטון אויף שמואלס ביי־עם קאָלנער און שניפּס: — צום טייוול, איר מאַכט גרויסע פאָרשריט אין לעבן!

— כ'האָב שוין אַרבעט — האָט שמואל ערקלערט שטאָלץ. — איך בין געהילף־דינער אין דער סאַנקט־מאַטיאַס־קירכע.

— באמת ? איר האָט גאָר אָנגעהויבן מיט די גאָטס גנבים ?

שמואל האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויפן שענקערס ווי־ק. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. זיי זענען געווען אַליין, און שמואל האָט אָנגעהויבן ערנסט:

— הער פינגעגן, איך דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן.

— ביטע — האָט פינגעגן געענטפערט עטוואָס צע־טומלט. — וואָס אַזוינס ?

— איך דאַרף אייך עפּעס זאָגן. כ'האָב שוין אויך גע־טראַכט וועגן דעם. איר זענט דאָך אַזוי גוט צו מיר, איך זע, אַז איר זענט זייער א גוטער מענטש, און דערפאַר האַלט איך עס פאַר אַן עולה איר זאָלט פאַרקויפן אַלקאָהאָל.

פינגעגן האָט אים אָנגעקוקט: — אָ! אָ! איר ווילט מיך אויך אַן עראָפּלאַן ברענגען גלייך אין גן־עדן אַריין !

— הער פינגעגן, מאַכט נישט פון מיר חוזק. איך רעד יעצט צו אייך ערנסט.

ער האָט געקוקט אויף אים מיט ליבלעכע אויגן. יענער האָט אָנגענומען אַן ערנסטן אויסזען : — רעדט ווייטער — האָט ער געזאָגט — איך וועל אייך אויסהערן.

— ס'איז אַ פאַרברעכן צו פאַרקויפן אַלקאָהאָל — האָט שמואל גערעדט באַגייסטערט, — באַטראַכט נאָר, ווי אַזוי ווירקט דער אַלקאָהאָל אויף דעם מענטש. יעצט נישט לאַנג ווי איך האָט געזען אַ שכורן, ער איז געגליכן געווען צו אַ מערדער. דאָס טרינקען מאַכט דעם מענטשן גרויזאַם, רויבט אַוועק ביי אים דעם זכרון, מאַכט אים אומפעיק צו דער אַרבעט, פאַר־פירט אים צו זנות און שלעכטס. ער ווערט פאַרשקלאַפט און דערנידעריקט. איר ווייסט דאָך יאָ, הער פינגעגן, ווי אמת דאָס אַלץ איז.

— יאָ — האָט פינגעגן געענטפערט, — דאָס איז אַלץ אמת ! גלויבט מיר, אַז איך אַליין פאַרזוך נישט קיין טראָפּן.

— אָבער איר פאַרקויפט דאָך אַנדערע.

— מיין קינד, דאָס איז נישט דערפאַר, ווייל איך בין יענעמען אַ שונא.

— פאַרוואָס דען טוט איר עס ?

— ווייל איך מוז לעבן, דאָס איז מיין פרנסה, איך קאָן נישט ביי עפעס אַנדערש.

— אָ, וואָסער שרעקלעכע פרנסה — האָט שמואל צו־געגעבן.

— אפשר, אַלנפאַלס נישט קיין מחיהדיקע. איך אַרבעט אַ גאַנצן טאָג און אויך ביינאַכט, בין שטענדיק אויף די פיס, קיין־מאָל נישט קיין אָפרו, פאַר דעם אַלעם באַקום איך צוועלף דאָלאַר אַ וואָך נעהאַלט. איך האָב אַ פרוי מיט אַ קינד, וואָס קאָן מען טון?

דאָס אַלץ איז אויסגעקומען וואונדערלעך. זיינע רייד האָבן געוועקט ביי שמואלן נייע פערספעקטיוון. ביז יעצט האָט ער תמיד געמיינט, אַז האָטעל־דינער און שענקער־יונגען זענען שלעכט פון זייער געבוירן אָן. איז עס דען מעגלעך, אַז זיי שטופט אויך די נויט צו אָט דער אַרבעט ? דער געדאַנק האָט שמואלן שטאַרק געפייניקט — אַז איך זאָל אַזוי פאַר אייך גע־פינען אַן אַרבעט, איר זאָלט זיך קאָנען ערנערן — האָט ער געפרעגט — וואָלט איר זיך אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט ?

— וואָס מיינט איר דערמיט, צי כ׳וואָלט אַוועקגעגאַנגען פון קאַלאַהאַנען ? מיט פאַרגעניגן !

— אָהא ! — האָט שמואל אויסגערופן פריידיק.

— אָבער עס דאַרף זיין אַ זיכערע שטעלע, איך דאַרף נישט צו ריזיקירן. איך האָב אַ פרוי מיט אַ קינד.

— גוט, איך וועל שוין טון וועגן דעם.

— הערט נאָר, יונגערמאַן! איר טראָגט זיך אַרום מיט שטעלעס אין קעשענע.

— ניין — האָט שמואל געענטפערט — פאַסטאָר ווינס האָט מיך געבעטן, כ׳זאָל אים מיטהעלפן, איך וועל אים דער־ציילן פון אייך.

און שמואל איז אַוועק צום פאַסטאָר. ער האָט אים דער־ציילט די גאַנצע געשיכטע, און ווינס האָט פאַרצווייפלט אויפ־

געהויבן די הענט אין דערהייך. — דאָס איז שוין צופיל, שמואל — האָט ער געשריגן — איך קאָן דאָך נישט פאַר אַלע איינוואוינער פון לאָקמענוויל שאַפן אַרבעט.

— אָבער, הער פאַסטאָר, איר פאַרשטייט דאָס נישט. דער מענטש וויל גערן פירן אַן אָרנטלעך לעבן, נאָר ער קאָן דאָס נישט, ווייל ער מוז אויף אַזאַ אופן פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט.

— איך פאַרשטיי דאָס, שמואל.

— וואָס פאַר אַ זין איז דאָס צו מחזיר זיין מענטשן, ווען זיי זענען צו זייער שלעכטן לעבן צוגעבונדן?

אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. דערנאָך האָט דער פאַסטאָר געזאָגט:

—„איך מיין, שמואל, אַז ס'איז איבעריק צו ערקלערן אייך דאָס דאָזיקע, איר מוזט נאָר וויסן דאָס איינע; אַ סך מענטשן אויף דער וועלט האָבן פאַרמעגנס, ס'איז תמיד דאָ ווייניקער אַרבעט, ווי אַרבעטער.

— יאָ, דאָס האָט מיר אויך געזאָגט פּראָפעסאָר סטויאַרט, אָבער איר האָט דאָך געזאָגט, אַז זיין לערע איז אַ פאַלשע.

— הם — דער פאַסטאָר האָט נישט געפונען קיין ענטפער.

— זעט איר דען נישט, אַז מיט דעם וואָרט האָט איר געגעבן רעכט הערבערט ספּענסערן? אַז עס איז דאָ מער מענטשן, ווי אַרבעט. מוזן די מענטשן פירן אַ קאַמף פאַר אַרבעט. דאַמאָלט קומט שוין במילא דער קאַמף פאַרן דאָזיין. די עקזיסטענץ איז פאַרן שטאַרקערן און ערפאָלגרייכן. וויבאַלד פּיגנעגן וויל נישט זיין אַשענקער יונג, מוז ער און זיין פאַמיליע שטאַרבן פון הונגער, אין דער זעלבער צייט ווען אַנדערע, וואָס טוען אַלדאָס, בייז בלייבן לעבן.

שמואל האָט איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע. דער פאַסטאָר איז געזעסן צוטומלט. — און איר זעט דען דאָס נישט, הער ווינס?

— יאָ, איך זע עס.

— און איר זאָגט דאָך, אַז מען מוז זיך מקריב זיין פאַר אַנדערע, אייך מיטהעלפן, דינען זיי. האָב איך עס דען נישט געפּראָבירט צו טון?

— יאָ; מיין קינד. אָבער וואָס קאָנען מיר טון?

— הער פּאַסטאָר, איר זענט דאָך דער ראש פון דער קירך. די מענטשן קומען צו אייך נאָך לערע. איר באַדאַרפט דאָך זיי אויפמערקזאַם מאַכן אויף די אַלע טאַטן זייערע. אפשר וועט פּאָרט קומען אַן ענדערונג.

— וואָס פאַר אַן ענדערונג?

— איך ווייס דאָס נישט. איך בלאָנדזשע אין דער פינסטערניש, זוך צו געפינען אַן אויסוועג. איינס ווייס איך זיכער, אַז ס'זענען פאַרהאַן מענטשן, וואָס פאַרמאָגן צופיל. אייער קירכע באַזוכן אַזעלכע מענטשן, הער פּאַסטאָר, וואָס וועלן דורך הונדערטער יאָרן נישט אויסגעבן זייערע פאַרמעגנס.

— גאַנץ מעגלין. אָבער פאַרוואָס איז דאָס שעדלעך?

— ווייל צוליב זיי האָבן אַנדערע נישט. קוקט: אָט יעצט אין דער מינוט, זענען אין לאָקמענוויל פאַרהאַן מענטשן, וואָס שטאַרבן פון הונגער. זיי זוכן אַרבעט און געפינען נישט. איך קאָן אייך ווייזן די מענטשן, הער פּאַסטאָר, מיידלעך, וואָס ווילן אַרבעטן ביי וויגאַנטן אין דער שפּינערייי און ס'איז נישטאָ פאַר זיי קיין אַרבעט.

— מיין קינד, דאָס איז דאָך הער וויגאַנט נישט שולדיק! דאָס געשעט נאָר דערפאַר, ווייל עס איז דאָ צופיל שטאָף.

— איך האָב שוין דאָס אויך איבערגעקלערט — האָט שמואל צוגעגעבן ערנסט. — די באַהויפּטונג איז גאָר אַ פאַלשע. אַ גרויסע צאָל מענטשן נייטיקן זיך אין אַנשטענדיקע קליידער. האָט איר נישט געזען די אָרימע זאַפּיען...

— יאָ, אָבער זיי האָבן דאָך ווינציק געלט צו קויפן.

שמואל האָט זיך אויפגערעגט: — דאָס איז עס טאקע! זיי האָבן נישט, ווייל די רייכע פערמאָגן אַלץ!

ער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער, נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער געזאָגט: — ס'איז דאָך אַ געמיינהייט פון וויגאַנטן, אַרויסצוואַרפן פון זיין אונטערנעמונג, בלויז דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט קיין געלט. פאַרוואָס טאָרן זיי נישט געניסן פון דעם, וואָס זיי אַליין האָבן פאַבריצירט

— שמואל!—האָט דער פּאַסטאָר פּראָטעסטירט – איר רעדט דאָך לעכערלעכקייטן.

— פאַרוואָס ?

— ווייל... די אַרבעטער שאַפן מער אין אַ טאָג, וויפל זיי קענען באַנוצן אין אַ יאָר.

— איז דאָך אַודאי גוט. דאַמאָלט קאָן מען דאָס איבעריקע אוועקשענקען, די, וואָס נויטיקן זיך דערין, און די אַנדערע, זיי זאָלן ווידער זייער איבערפלוס אָפּגעבן פאַר די ערשטע—לאָמיר אָני נעמען זאָפּיען. זי באַדאַרף נישט בלויז קליידער, נאָר אויך שיך, און אַ חוץ דעם גוטע ערנערונג. ווען עמעץ זאָגט, אַז ס'איז דאָ ווינציק שפייז-פּראָדוקטן, זאָל ער נאָר אַ טראַכט טון, וויפל ס'ווערט בלויז קאַלע אין אַלבערטס הויז. אַ חוץ דעם באַזיצט „פערוויאַ" אַזוי פיל ערד, די גאַנצע שטאָט צו שפייזן. איך קען מיך אויף דעם, כ'בין געווען אַ פאַרמער. אָבער די ערד ווערט פאַרנוצט אויף פאַשע פאַר רייט-פערד, אויף וועלכע עס רייטן צומאָל קיין מענטשן נישט.

— שמואל — האָט דער פּאַסטאָר געענטפערט – אַלץ איז אמת, ס'איז אַ גרויסע עולה, אָבער וואָס קען איך טון צו דעם?

ער האָט אַקוק אויף אים געטון און געזאָגט:—הער פאַסטאָר, איר ווייסט גאָרנישט ווי אַזוי עס פייניגט מיך צו הערן אייך אַזוי רעדן.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן ? – האָט דער פאַס- טאָר געפרעגט צעטומלט.

שמואל האָט צאָרנדיק אויפגעהויבן די הענט אין דער- הייך: — איר האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז מען מוז זיך מקריב זיין העלפן אנדערע, דאָס איז דאָך אונזער ערשטע אויפגאַבע. און איך האָב אין דעם געגלייבט, גרייט געווען אייך צו פאָלגן, אָבער איצט וואַקלט איר אייך אין אייערע פליכטן.

די ווערטער האָבן אים געזעצט ווי מיט האַמערס. ער האָט אויפגעציטערט.

אויך שמואל האָט אויפגעציטערט, ס'האָט זיך ביי אים צוזאַמענגעפרעסט דאָס האַרץ:—עס טוט מיר וויי, איך זאָל דאָס

אַלץ אייך דאַרפן זאָגן: געדענקט איר אין די מענטשן, וואָס ליידן? אַ סך זאַכן געשען לעבן אייך; ווי אַזוי קאָנט איר שווייגן, הער פּאַסטאָר? ווי אַזוי קאָן דער פּאַסטוך כריכטוס צוקוקן, ווי אַ טייל פון זיינע שעפּעלעך אויף זיין ערד זאָלן לעבן אין לוקסוס און די אַנדערע טייל זאָל שטאַרבן פון הונגער?

זיי האָבן ביידע לאַנג געשוויגן. ווינס איז לאַנג געזעסן פאַרטראַכט, אָנגעלענט מיט די הענט אויף דער שטול. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— איר האָט רעכט, שמואל. דעם קומענדיקן זונטאָג וועל איך פּריידיקן וועגן די אַלע פראַגן.

— אַ דאַנק, הער פּאַסטאָר, אַ דאַנק! — אין שמואלס אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן פון פרייד. ער האָט אויסגעשטרעקט נאָך זיין פריינדס האַנט, געדריקט איר לאַנג. פּלוצלינג איז אים עפּעס געקומען אויפן זינען.

— הער פּאַסטאָר, וואָס דאַרף איך דערווייל ענטפערן פינגען?

## XIX

אַזאַ מענטש, ווי שמואל, וואָס טראָגט די לאַסט פון דער גאַנצער מענטשהייט, האָט נישט געקענט האָבן קיין איבעריקע צייט. ער האָט זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין די וויכטיקסטע לעבנס - פּראָבלעמען, געוואָלט זיך אַלץ דערוויסן. אַחוץ דעם אַלעם האָט אים געשראָקן דער געדאַנק וועגן פּריילן גלעדיס. איר בילד האָט אָפט געשוועבט פאַר זיינע אויגן, פאַרטריבן אַלע אַנדערע מחשבות פון זיין קאָפּ. איר שיינקייט האָט אים פאַרפאָלגט. זיין פאַנטאַזיע האָט געשוועבט אין מאָדנע וועגן.

זי האָט אים דערלויבט, אַז ער זאָל צו איר קומען, און שמואל פלעגט כסדר פרעגן ביי זיך, ווי לאַנג ער וועט נאָך

דאַרפֿן וואַרטן אויף אַזאַ באַזוך. מיט פֿרייד פֿלעגט ער קומען צו זאָפֿיען. אָבער דאָס איז נאָר געווען אַ תּירוץ, איר האָט ער געזוכט יעדן אָוונט אין שטוב. האָט ער געוואַרט דריי טעג און זיך לענגער נישט געקאָנט דערוואַרטן. ווי אַ פֿייער, אַזוי האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן ביי אים דער ווילן צו זען גלעדיסן.

אויף צומאָרגנס עלף אַזייגער האָט ער אָנגעקלונגען ביי דער טיר. זאָפֿיע האָט אים געעפֿנט: — איך גיי איר זאָגן אַז איר זענט געקומען — האָט זי געזאָגט. זי איז אַוועק אויף די אייבערשטע שטאָקן און באַלד צוריקגעקומען, געפֿירט שמואל צו גלעדיסן אין צימער אַריין. — זי האָט זיך זייער געפֿרייט שמואל — האָט זאָפֿיע געזאָגט.

— איר גייט נישט מיט? — האָט ער געפֿרעגט.

— ניין; זי האָט מיך געהייסן בלייבן.

שמואל איז אַריין אין סאַלאָן. ער האָט געזען דאָרטן גלעדיסן נאָך פּרעכטיקער אָנגעטון ווי ס'ערשטע מאָל: — איר ווייסט גאָרנישט ווי עס פֿרייט מיך אייך צו זען! — האָט זי אויסגערופֿן.

— איך פֿאַרשטיי נישט, פֿאַרוואָס איר פֿרייט זיך אַזוי — האָט ער געענטפֿערט ערנסט.

פֿריילן גלעדיס האָט געקוקט אויף אים: — אייך אינטערעסירט דאָך אַלץ, נישט אמת, שמואל?

— יאָ, פֿריילן גלעדיס.

— און ביי מיר איז אַלץ לאַנגווייליק.

— לאַנגווייליק? דאָ, אין דעם פּראַכט?

— יאָ, אַלץ לאַנגווייליקט מיך דאָ.

שמואל האָט זיך געוואונדערט: — איר מעגט מיר גלייבן — האָט גלעדיס באַשטעטיקט — די אַלע מענטשן, מיט וועמען איך טרעף זיך, זענען גאָרנישט אינטערעסאַנט, זיי פֿירן אַ לאַנגווייליק נאַריש לעבן. איך בין געוואָרן ווי צוגעקלעפּט צו דער שטאָט, מוז די גאַנצע זומער־חדשים דאָ פֿאַרברענגען.

שמואל האָט זי אָנגעקוקט און דערפֿילט צו איר אַ טיפֿע מיטלייד. ער האָט געטראַכט שוין אַפֿילו אַ לאַנגע צייט וועגן דעם,

אז גלעדיס איז אומגליקלעך. ווידער האָט זיך געשטעלט פאַר אים אַ נייע אויפגאַבע, ער מוז גלעדיסן העלפן גליקלעך זיין. אָט דער געדאַנק האָט אים באַגייסטערט.

— פריילן גלעדיס — האָט ער אויסגערופן — באַטראַכט גאָר, וויפל גוטס איר האָט שוין געטון.

— גוטס? וואָס מיינט איר?

— דערמאָנט זיך, ווי גליקלעך איר האָט געמאַכט די קליינע זאָפיע.

— יאָ. — איר שטימע האָט געקלונגען גלייכגילטיק, — דאָס איז גאַנץ מעגלעך.

— און מיך!

— אייך האָב איך אויך גליקלעך געמאַכט?

שמואל האָט געענטפערט: —ווילאַנג כ'לעב בין איך נאָך נישט געווען אַזוי גליקלעך.

די גאַנצע צופרידנקייט פון זיין נשמה האָט געגלאַנצט אין זיינע אויגן, ער האָט געצויגן אויף זיך איר בליק. לאַנג האָבן זיי זיך ביידע אָנגעקוקט. דערנאָך איז גלעדיס צו אים צוגעשטאַנען לאַכנדיק.

— שמואל, דער שניפס איז שוין ווידער נישט גוט געבונדן.

און ווידער האָבן אים באַרירט אירע פינגערלעך, ווידער האָט ער דערפילט איר אָטעם, איר שיינקייט האָט אים געוועקט. ס'האַרץ האָט אים געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער, ס'האָט אים אַרומגענומען אַן אומגעוויינלעכער פאַרלאַנג, — ווי פאַרבלענדט, פאַרשיכורט, אומבאַוואוסטזיניק וואָס ער טוט, האָט ער זי אַרומגענומען מיט זיינע אָרעמס, געדריקט זי צו זיך. דערנאָך איז אים באַפאַלן אַן אימה. וואָס האָט ער געטון? זי וועט אים באַלד אָפּשטויסן, אַרויסטרייבן. שוין, יעצט איז אַלץ פאַרשפּילט! אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזען, אַז ס'איז נישט אַזוי. ווידער איז אים באַפאַלן דאָס אומגעוויינלעכע געפיל, פון דער טיפקייט פון זיין נשמה האָבן אַרויסגעשטראָמט אומבאַקאַנטע פאַר איר געפילן, .געוועקט ביי אים פלוצלינג זיין מענערישקייט. ער האָט שוין נישט געהאַט קיין מורא פאַר איר, געפילט זיך צו איר

דרייסט, געקאָנט מיט איר טון, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט זי נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך, געדריקט זי אין זיינע אָרעמס. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, ער האָט געקושט אירע באַקן, אירע ליפּן. דערנאָך האָט ער געהערט איר שטים, זי האָט גע-שעפּטשעט ציטערנדיק:

— שמואל, איך ליב דיך!

אין זיינע אויערן האָבן די ווערטער אָפּגעקלונגען, ווי דאָס שפּילן פון טרומייטן. — ווי וואונדערבאַר, וואָס פאַר אַ טריומף, ווילדע פרייד!

פּלוצלינג האָט ער דערהערט טריט אין קאָרידאָר. גלעדיס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע אָרעמס. די טיר האָט זיך געעפנט, שמואל האָט געזען אַ טויט שרעק אין אירע אויגן. זי איז גע-פאַלן אויף די קני: — אָ, שמואל, מיין פינגערל!

— אייער פינגערל? — האָט שמואל איבערגעחזרט צע-טומלט.

— יאָ, מיין פינגערל — און שמואל הערט ביי דער שוועל, פרוי העריס שטימע: — אייער פינגערל, פאַרלירן גלעדיס?

— יאָ, כ'האָב עס אַראָפּגעלאָזט — האָט גלעדיס ערקלערט.

—שמואל האָט אָנגעהויבן זוכן:—עס איז אַרונטערגעפאַלן אונטערן טיש — האָט זי געזאָגט. — מיין דימענטן פינגערל.

— אפשר האָט עס זיך ערגעץ אַוועקגעקאָלערט — האָט פרוי העריס געזאָגט, און האָט אָנגעהויבן זוכן אַרום זיך.

— זוכט, שמואל — האָט גלעדיס באַפוילן, — שמואל האָט געזוכט און נישט געקאָנט געפונען — פרוי העריס האָט נאָכ-אַמאָל געזוכט אונטערן טיש און פּלוצלינג אויסגערופן: — דאָ איז עס!

— וואו? איך האָב דאָך געזוכט דאָרט.

— ס'איז געלעגן אונטערן טיש — האָט העריס געזאָגט.

— אָך! — האָט גלעדיס אָפּגעזיפצט מיט פאַרלייכטערונג. זי האָט צוריק אָנגעטון דאָס קאָסטבאַרע פינגערל אויף איר פינגער.

שמואל איז געווען צעמישט, וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? זיין פאַרוואונדערונג איז גרעסער געוואָרן, ווען זיין גרעפין האָט לסוף געזאָגט צו אים: — כ׳באַדויער עס זייער, שמואל, מער קאָן איך פאַר אייך שוין גאָרנישט טון.

ער האָט זי פאַרחושט אָנגעקוקט.

— איך האָב אויסגעזוכט אַ שטעלע פאַר זאַפיען, — האָט זי ווייטער גערעדט, — מער קאָן איך נישט.

— פריילן גלעדיס!

— מער דאַרפט איר פון מיר נישט פאַרלאַנגען. איך ווייס גאַנץ גוט, אַז ביי די וועבער הערשט אַ מוראדיקע נויט, און איך טו אַלץ, וואָס איז נאָר מעגלעך, זיי צו לינדערן. אָבער איך קאָן דאָך נישט אַלעמען באַזעצן אין מיין פאָטערס פאַבריקן. ס׳איז דאָך נאַריש.

ער איז געשטאַנען, ווי שטום.

— יאָ, דאָס האָב איך אייך שוין געוואָלט לאַנג זאָגן, וואָס אָנבאַלאַנגט צו די זאַמען, באַמיט אייך, זיי זאָלן זיין וואָס גיכער, איך וויל זיי פאַרזייען, שפּעטער וועל איך זיי נישט דאַרפן.

— גוט, פריילן גלעדיס — האָט שמואל געשטאַמלט. — ער האָט געזען, ווי זי האָט געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויף פרוי העריס, און ער האָט שוין פאַרשטאַנען איר האַלטונג.

— די זאַמען ברענגט מיר אַליין — האָט גלעדיס באַפוילן — אויף ווידערזען!

— אויף ווידערזען, פריילן גלעדיס! — און שמואל איז אַרויס פון צימער.

אַ פאַרטוויבעטער איז ער אַרויס פון פּאַלאַץ. באַלד אויף די טרעפּ האָט ער פאַרגעסן אין אַלץ, אין זיינע אויערן האָבן געקלונגען די הערלעכע ווערטער: — שמואל איך ליב דיך! — ס׳האָט אים אַרומגענומען אַן אומגעווייינלעך גליק. ער האָט נישט געקאָנט באַהאַלטן דאָס געהיימניש. ער האָט געטראָפן ביי דער טיר די קליינע זאַפיע און האָט באַלד אַנטפּלעקט פאַר איר אַלץ. דאָס מיידל האָט אים אָנגעקוקט מיט דרך־ארץ: —

שמואל — האָט זי געשעפּטשעט — פרײלין גלעדיס װיל מיט אײך חתונה האָבן!

שמואל האָט זיך איבערגעשראָקן פון די װערטער.

— חתונה האָבן? מיט מיר חתונה האָבן?

— זיכער, װאָס דען האָט זי געקאָנט מײנען?

שמואלן איז שװער געװען צו ענטפערן אויף דעם: — אָבער... אָבער... דאָס איז דאָך נאַריש! — האָט שמואל אויסגערופן.

— ס'איז גאָרנישט נאַריש! פרײלין גלעדיס ליבט אײך.

— מיך? איך בין דאָך אַן אָרעמער יונג.

— יאָ, אָבער זי האָט דאָך געלט.

װעגן דעם האָט שמואל נאָך אײנגאַנצן נישט געטראַכט, ער האָט געמוזט מודה זײן, אַז ס'איז אפשר אמת: — אָבער איך בין דאָך נישט צוגעפּאַסט צו איר — האָט ער פּראָטעסטירט.

— איר זענט צוגעפּאַסט פאַר יעדערער — האָט זאָפיע געענטפערט, — איר זענט אײדל און שײן, פרײלין גלעדיס האָט דאָס אַנטדעקט. זי װעט זיך צו אײך אַראָפּלאָזן, כדי אײך אויפצוהײבן.

שמואל האָט געשװיגן טיף ערשיטערט: — אָ, שמואל, עס איז װי אין אַ מעשהלע — האָט זאָפיע געשעפּטשעט, — איר װעט זײן אַ פּרינץ!

זײ האָבן געשמועסט װײטער, דערהויבן זײן נשמה נאָך העכער. לסוף האָט ער זיך געזעגנט מיט איר, געשפּאַנט האַלב פאַרטויבט איבער די גאַסן. ער װעט חתונה האָבן מיט דער פרײלין גלעדיס! יאָ, אַזוי מוז עס געשען, זי ליבט דאָך אים. און דעמאָלט װעט ער לעבן צופרידן אין אָט דעם פּאַלאַץ. װי אַזוי װעט ער דאָס פאַרטראָגן? װאָס װעט ער טון? ער װעט זײן רײך! אַ געפיל פון גרויסקײט האָט אים באַהערשט. װאָס װעט מען זאָגן בײ אים אין דער הײם? װאָס װעלן זײנע ברידער זאָגן, װען ער װעט זײ באַזוכן? אפשר װעט ער צוריק אָפּקויפן די אַלטע פאַרם? ער פאַרטויבט די געדאַנקען. נײן, ער באַדאַרף נישט טראַכטן פון דעם אַלעם, דאָס איז געמײן און עגאָיסטיש. ער װעט בעסער טראַכטן, װיפל גוטס ער װעט קאָנען טון,

מיט אַזוי פיל געלט. ענדלעך וועט ער קאָנען העלפן אַלע אָרעמע. ער מיט גלעדיסן וועלן אָט דעם צוועק ווידמען זייער גאַנץ לעבן. און אפשר קאָן ער נאָך אין אַ געוויסן טאָג ווערן דער באַלעבאָס איבער דער שפּינערײַ, וואו עס אַרבעטן יענע קלײנע קינדער, דעמאָלט וועט ער קאָנען זיי אַלע שיקן אין שול. און ער וועט אויך געהערן צו דער גרויסער לאָקמען משפחה — און קאָנען האָבן אַ געוויסן איינפלוס אויף אַלבערטן. און עטעל, און פאַסטאָר ווינס — ווי אַזוי וועלן זיי דאָס אַלץ אויפנעמען?

זיינע געדאַנקען האָבן זיך צוריק אומגעקערט צו גלעדיסן: איז זי דען נישט דער עיקר פון דעם אַלעם? זי ליבט אים, געהערט צו אים! ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער אומאַרמונג, אַ פלאַם פייער האָט זיך ביי אים אָנגעצונדן. ער האָט געשפּאַנט ווייטער, געציטערט פאַר שטוינונג און שרעק. זיין בלוט האָט געשטראָמט ווילד, באַהערשט זיין גאַנץ וועזן — שוין, ער וועט שוין נישט זיין מער דער מענטש, וואָס ביז יעצט, ער האָט אויסגעשטרעקט די הענט, געפּרוווט באַהערשן זיינע געפילן.

אָבער פּלוצלינג, אומדערוואַרטעט, איז געפאַלן זיין בליק אויף עפּעס אזוינס, וואָס האָט אים אָפּגעריסן פון אָט דער וועלט. אַן אַלטער, גראָהאָריקער, איינגעהויקערטער מענטש איז פאַר אים פאַרבייגעגאַנגען. ער איז געווען פאַרקליידט אויסגעצייכנט. שמואל האָט נישט געצווייפלט. ער איז געבליבן שטיין, צעטומלט אויסגערופן: —טשאַרלז סוויפט! דער פעדלער האָט געוואָרפן אויף אים אַ שאַרפן בליק: — פאַרמאַך ס'מויל! —ער איז געגאַנגען ווייטער און שמואל האָט אים נאָכגעקוקט. נייע געפילן האָבן אים באַהערשט. זינט דעם איינברוך, איז פאַרביי אַ וואָך און עס קוקט אויס ווי אַן אייביקייט. יווי שרעקלעך דאָס אַלץ איז. ווי אומגלויבלעך! יעצט באַדאַרף ער חתונה האָבן מיט אַ טאָכטער פון אַ גרויסן מיליאָנער, און זיין פריינט סוויפט שפּאַנט איבער די גאַסן, איבערגעטון אין פרעמדע מלבושים, פאַרבאָרגן פאַר דער פּאָליציי. טשאַרלז סוויפט איז געווען דער איינציקער פריינט זיינער, וועמען ער האָט נישט געפּרוווט צו העלפן. דאָס געשטאַלט פון גנב האָט אים פאַרפאָלגט, אין זיין מוח איז אויסגעוואַקסן אַ נייע אויפגאַבע. ווי

אַזוי קאָן ער דאָס — באַפרידיקן זיינע אייגענע פאַרלאַנגען אין דער צייט, ווען סוויפט איז חייטער גנב?

שמואל האָט זיך געראַנגלט מיט דעם פראָבלעם. סוויפט איז דערווייל פאַרשווונדן. שמואל האָט זיך געשראָקן פאַר זיין נייער אויפגאַבע, ער האָט מורא געהאַט פאַר סוויפטן, דעם ציניקער און אומרחמנותדיקן מענטש. אָבער ער פילט אויף זיך זיין פליכט — ווי דער זעלבער וואָס איז זיך מקריב פאַרן פאָטערלאַנד, ווען דער באַפעל קומט אָן. אפשר וועט ער סוויפטן נישט קאָנען העלפן, אָבער ער מוז עס פרווון.

ער האָט זיך אומגעקערט, מיטגעגאַנגען מיט סוויפטן ביז אַהיים.

# XX

— איר האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ קלויסטער-פאַיאַץ? — האָט סוויפט געלאַכט פון שמואלן ביי זיך אין צימער.

— וואָס? — האָט שמואל איבערגעפרעגט.

— אין אַ קלויסטער-פאַיאַץ — האָט סוויפט איבערגעחזרט — איר זאַמלט גאָר זינדיקע נשמות?

שמואל האָט פאַרשטאַנען, אַז מחזיר זיין סוויפטן איז אַ שווערע אויפגאַבע, ער וועט דאָ האָבן פאַר זיך אַ שווערע פראָבע. ער האָט באַשלאָסן אָנצוהייבן דיפּלאָמאַטיש:

— די מענטשן זעגען אומגעווייינלעך גוט צו מיר — האָט ער סוויפטן געזאָגט.

— גאַנץ מעגלעך — האָט סוויפט געענטפערט גלייכגילטיק.

— פאַסטאָר ווינס איז באמת אַ גוטער מענטש.

— הם, איר האָט דאָך אים אודאי גאָרנישט דערציילט פון מיר?

— ניין.

— קיין וואָרט נישט?!

— האָט איר שוין פאַרגעסן, אַז כ'האָב אייך צוגעזאָגט?

— זייער גוט. איך האָב אייך נאָר געוואָלט דערמאָנען וועגן דעם. איר קאָנט אייך הנפּעגען צו די הימל־פּענטשן ווי־פיל איר ווילט נאָר, אָבער פּריוואַט נישט פאַרראַטן אייערע אומ־גליקלעכע ברידער. פאַרגעסט נישט, אַז כ'האָב אים „לייכטער" געמאַכט מיט עטלעכע פונט זילבער.

שמואל האָט זיך איבערגעשראָקן: — אָך!

סוויפט האָט געלאַכט: — איר ווייסט גאָרנישט פון דעם?

— ניין.

— וואָס האָט איר געטראַכט, אַז איר וועט „שפּיין און אַכטונג געבן און איך וועל מיין שפּילן?

שמואל האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער גע־פרעגט: — פאַרוואָס האָט איר גראָד באַגנבעט דעם פּאַסטאָר ווינס?

— פאַרוואָס אים? ווייל זיין הויז איז מיר גוט באַקאַנט.

— אָבער אַ גייסטלעכן! איז דאָס יושרדיק?

סוויפט האָט זיך צעלאַכט: — ווינס איז גענוג רייך, ער לעבט נישט פון זיין געהאַלט.

— נאָר פון וואָס דען?

— פון וואָס? ער האָט אַ רייך ווייב. איר פאַרשטייט דען נישט, אַז נישט פון זיין געהאַלט האָט ער זיך ערוואָרבן אַזאַ פּאַלאַץ?

— איך האָב גאָרנישט געטראַכט וועגן דעם.

— ער איז גוט פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייך מיידל פון דעד שטאָט. זי האָט אים גע־מאַכט פאַר אַ לייט.

— האַלט איר ווינסן פאַר אַ שלעכטן? — האָט שמואל געפרעגט.

— דאָס איז נישט מיין דאגה. וואָס האָב איך מיט אים פּערזענלעכס? נאָר זיין באַשעפטיקונג געפעלט מיר גאָר נישט.

— ער טוט דען נישט מענטשן גוטס?

— סוויפט האָט געקוועטשט מיט די אַקסלען: — זאָל ער טון גוטס.

— אָרעמע מענטשן! — האָט שמואל נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— אפשר. אָבער באַמערקט, אַז די מענטשן פאַרלירן דורך דעם זייער חשק צו אַרבעטן. דאָס טויג נישט.

— שמואל, פאַרוואָס גלייבט איר, אַז דער פּאַסטאָר העלפט די אַלע? ער ווערט דאָך באַצאָלט דערפאַר.

— אָבער די, וואָס געבן דאָס געלט געהערן דאָך צו דער קירך, פאַרוואָס טוען זיי דאָס?

סוויפט האָט געטראַכט אַ ווײַלע: — דאָס טוען זיי דערפאַר, כּדי זיך ריין צוּוואַשן פון זייערע עבירות.

— עבירות? — האָט שמואל איבערגעחזרט אומפאַרשטענדלעך.

— ביטע, נעמט אײַך אַ משל פון די רײַכע פּרויען, זיי פאַרמאָגן גרויסע אוצרות, וואָס זיי האָבן עס נישט ע־וואָרבן דורך אייגענער אַרבעט, זיי פאַרברענגען זייער גאַנץ לעבן אין געטוּס, מיטן אַרומבאַלעבאַטעווען מיט דער דינערשאַפט, ווייסן אײַך גאַנץ גוט, אַז די, וואָס אַרבעטן און שאַפן לײַדן, שטאַרבן פון עלנט, אָבער כּדי רעכט צו מאַכן זייער צביעותדיקייט, נישט ווילנדיק זיך שטערן די אייגענע תאוות, זוכן זיי אָפּ פאַר זיך אַ פאַרשווין, מאַכן אים פאַר זייער פּאַסטאָר, און ער דאַרף דאָס אײַך העלפן די לײַדנדיקע, באַגליקן זיי מיט אַ טרייסט, קומען צו זיי אין די ווײַנאַכטן. דערמיט האָבן זיי שוין געכשרט זייער פרומקייט. איר פאַרשטייט?

— יאָ — האָט שמואל געענטפערט שטיל — איך פאַרשטיי.

— אָדער, נעמט אַ שטייגער — האָט סוויפט געצויגן ווייטער — דעם רײַכן שווינדלער, אַ מענטש פון די הויכע פענסטער. אַ גאַנצע וואָך צאַפּט ער דעם לעצטן טראָפּן בײַם אָרעמאַן, באַשווינדלט די גאַנצע וועלט, אָבער זונטיק, צו באַרויקן זײַן געוויסן, רעגולירט ער דעם חשבון מיט גאָט, מיטן אַרײַנוואַרפן אַ פינף דאָלאַר־באַנקנאָט אין דער זאַמל־פּושקע.

שמואל האָט געזוכט דערויף אַן ענטפער: — איך מיין, אַז איר זענט אומגערעכט — האָט ער געזאָגט.

— פאַרוואָס ?
— ערשטנס גייען אַזוינע מענטשן נישט אין קירכע אַריין..
סוויפט האָט אים אָנגעקוקט — וואָס ?
— ניין.
— פאַרוואָס נישט ?
— צוואָס נוצט זיי דאָס צו גיין אין דער קירכע אַריין? אַ חוץ דעם ווערן זיי גאָרנישט דאָרט אַרייגעלאָזט..
סוויפט האָט אויסגעבראָכן מיט אַ געלעכטער: — אָ, מיין קינד! וואָס טוט איר דאָרט אין דער סאַנקט-מאַטיאַס-קירכע?
— איך בין געהילף-דינער — האָט שמואל באַגייסטערט גע-ענטפערט.
— אָ, געהילף-דינער אין קירכע און קען צומאָל נישט זיינע גלויביקע.
— ערקלערט מיר, וואָס מיינט איר מיט דעם.
— איך ווייס גאָרנישט, מיט ווּעמען אָנצוהייבן, עס באַזוכן דאָך אַזוי פיל שווינדלער די סאַנט מאַטיאַס-קירכע. איר האָט באַמערקט איינעם, אַ קליינעם רונדבייכיקן פאַרשוין מיט באַקנ-בערד? ער זעט אויס ווי ער וואָלט תמיד געקנאַקט ניס.
— איר מיינט אודאי היקמענען ?
— יאָ. ער איז דאָך איינער פון די קירכע-זיילן, נישט אמת?
— יאָ, ער איז מיטגליד אין דער קירכע-פאַרוואַלטונג.
— און איר האָט שוין עפּעס פריער געהערט פון אָט דעם פאַרשוין ?
— יאָ, כ'האָב געהערט, ער איז אַן אָנגעזעענער אַדוואָקאַט, פאַרוואַלטער איבער לאָקמענס פאַרמעגן.
— און איר ווייסט, וואָס דאָס הייסט ?
— ניין.
— דאָס הייסט, די רעכטע האַנט פון אַלטן לאָקמען, ער העלפט אים ביי יעדן מיאוסן עסק. היינט פאַרוואַלטעט ער מיט לאָקמענס געשעפטן, באַגייט אַלע שווינדלען, וואָס ער האָט נאָר פאַר נייטיק.
ביידע האָבן אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט שמואל גע-פרעגט: — וואָס, למשל ?

— לאָמיר אָננעמען אין דער פּאָליטיק, ער פּאַרטרייבט אַנדערע שווינדלער פון די לאָקמענס דערפאַר, אַז עס זאָלן אויך געוויילט ווערן זיינע מענטשן. פאַראיאָרן האָט ער נישט געקאָנט איבערטראָגן דעם זיג פין די דעמאָקראַטן און געמוזט דעם גאַנצן שטאָטראַט אונטערקויפן.

— וואָס ? — האָט שמואל אויסגערופן מיט שרעק.

— יאָ. פאַראיאָרן האָט איינער פין די לאָקמענס געפּרוווט צונעמען ביי דער שטאָט די וואַסער־ליייטונג. די דעמאָקראַטן האָבן אים צוגעזאָגט זייער אונטערשטיצונג. די זאַך האָט אָפּגעקאָסט היקמענען פינף און פערציק טויזנט דאָלאַר.

— איר ווייסט דאָס אויף זיכער ?

— צי איך ווייס עס? שמואל, די גאַנצע שטאָט ווייסט עס !

— איך קאָן דאָס נישט גלייבן.

— ס'איז אַן אימזין! איר קאָנט עס זיך דערוויסן. און דעמאָלט... איר קענט דאָך פינבעגן דעם שענקער ?

— יאָ.

— ביי אים קאָנט איר זיך אַלץ דערוויסן. זיין באַלעבאָס, דזשאָן קאַלאַהאַן, האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער זאַך, ער האָט דאָרט אַריינגעשטופּט זיין געלט אויך. פרעגט דאָס פינבעגן.

— ער וועט עס מיר זאָגן ?

— פאַרוואָס נישט? פרעגט נאָר קלוג. ס'איז גאָרנישט קיין סוד. די גאַנצע שטאָט האָט גערעדט דערפון.

שמואל איז געווען אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט נישט געפונען קיין ענטפער, לסוף האָט ער געפרעגט: — פּאַסטאָר ווינס ווייסט פון דעם אַלעם ?

— אויב ער ווייסט נישט, איז ער באמת אַ גולם — האָט סוויפט געלאַכט.

— אַ מיטגליד פון דער קירכע — האָט שמואל זיך געוואונדערט.

— איר זענט נאָך אַ גרינער, שמואל. וואָס פאַר אַ שייכות האָט די קירך מיט געשעפטן ? איך קאָן אייך שוין אָנווייזן נאָך אַ קירכע־פאָרשטייער, דער אַלטער וויגאַנט.

— פריילן גלעדיס פּאָטער?

— יאָ, דעם אַלטן לאָקמענס שוואָגער. ער איז אויך קוראַטאָר איבער לאָקמענס פאַרמעגן. אפשר גלויבט איר, אַז ער ווייסט גאָרנישט פון דעם שווינדל?

— ער איז דאָך אַ רעפאָרמיסט! — האָט שמואל אויסגערופן פאַרצווייפלט.

— זעלבספאַרשטענדלעך. ער האָט געהאַלטן אַ גאַנץ שיינע ריידע ביי דער ערעפענונג פון דער היכשול. דאָס האָט אים גאָרנישט געשטערט, אַז ווען די דעמאָקראַטן זענען געקומען צו דער מאַכט, זאָל ער מיט זייער נייעם פירער, סלעטערי, אָנהייבן פירן זיינע געשעפטן. ער פאַרהאַלט זיך היינט גוט מיט די דעמאָקראַטן, ער וועט געוויס באַצאָלן ביי זייער קומענדיקע וואַלקאַמפּאַניע.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, ווייל ער וויל, מ׳זאָל אויסוויילן זיינס אַ מענטש אין שטאָט-ראַט אַריין, ער זאָל קאָנען קעמפן קעגן געזעץ פון קינדער-אַרבעט.

— קעגן געזעץ פון קינדער-אַרבעט?

— איר ווייסט דען נישט, אַז ער קעמפט קעגן דעם! קינדער אונטער פערצען יאָר, טאָרן דאָך נישט אַרבעטן אין די שפּינערייען. ווייגאַנט האָט אויסגעוויילט דשעק פעמבערטאָנען, אַדעקוואַטשיקט אים אין דער הויפּט-שטאָט, ער דאַרף דאָרט אַגיטירן קעגן דאָזיקן געזעץ.

שמואל האָט געשוויגן, ער האָט געביילט זיינע פויסטן. פאַר זיינע אויגן האָט זיך געשטעלט די קליינטשיקע זאָפיע סטיידמען מיט איר בלאַס פּנימל. — פאַרוואָס וויל ער דאָס, אַז קינדער זאָלן אַרבעטן אין זיין שפּינערײ? — האָט ער צאָרנדיק געפרעגט.

— פאַרוואָס? ווי צאָלט ער דאָך ווינציקער און פאָדערט ביי זיי מער אַרבעט! איר מיינט אפשר, אַז ער טוט עס פאַר די קינדערס געזונט וועגן?

שמואל איז שטיל געוואָרן. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דעם שרעקלעכן געשעפט, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין

אָן אימה — ער ווייסט דאָס נישט — האָט שמואל געשעפּטשעט, — גיין, ער ווייסט נישט.

— ווער? — האָט טשאַרלז סאָיפּט געפרעגט.

— פאַסטאָר ווינס! — שמואל האָט זיך אויפגעשטעלט — איך מוז מיט אים רעדן וועגן דעם.

— וועגן דעם רעדן? — האָט סווּיפּט פאַרוווּנדערט איבער-געפרעגט.

— יאָ, ער וועט מיר מוזן זאָגן דעם אמת.

דאָס פּנים ביי סוויפּטן איז גרין געוואָרן. — איר האָט נישט די דרייסטקייט דערצו.

— איך גיי! — האָט שמול געענטפערט פּשוט. סוויפט איז פאַר גדולה אַרויפגעקראָכן אויפן שענקל.

— גייט. פרעגט אים, שמואלעשי. און דערנאָך קומט צו מיר, דערציילט מיר די רעזולטאַטן פון דעם שמועס.

## XXI

— פאַסטאָר ווינס איז אויף מיטאָג — האָט דאָס דינסט-מיידל געמאָלדן שמואלן ביי דער טיר.

— זאָגט אים, אַז איך מוז מיט אים שוין רעדן. עס האַנדלט זיך וועגן זייער אַ וויכטיקער זאַך.

ער איז אַריין אין ביבליאָטעק-צימער. אין אַ ווײַלע אַרום איז אָנגעקומען דער פּאַסטאָר, זיין פּנים האָט אויסגעדריקט מורא: — וואָס איז געשען? — האָט ער געפרעגט.

שמואל האָט אויסגעדרייט צו אים זיין פערדאַגעט פּנים: — איך האָב יעצט איבערגעלעבט עפּעס שרעקלעכס, הער פּאַסטאָר.

— וואָס אַזוינס, שמואל?

— אָ, איך ווייס גאָרנישט ווי אַזוי איך עס צו דערציילן. איך קען אַ מענטש, אַ שלעכטן מענטש, כ'האָב אים געוואָלט

מחויר זיין, ברענגען אים צו אייך אין דער קירכע אַריין. אָבער ער האָט געלאַכט פון מיר, געשפּעט פון מיר און פון דער קירכע. ער זאָגט, אַז ס'איז פאַרהאַן... אין דער סאַנקט-מאַטיאַס-קירכע געמיינע מענטשן. ער האָט מיר געזאָגט, ווער זיי זענען, וואָס פאַר אַ פאַרברעכנס זיי זענען באַגאַנגען. הער פּאַסטאָר... ניין, איך קאָן נישט גלויבן, אַז איר זאָלט וויסן פון דעם אַלעם... אַז איר זאָלט אַזוינס פאַרטראָגן.

דער פּאַסטאָר האָט געקוקט אויף אים דערשראָקן: — מיין קינד, אַ סך שלעכטע מענטשן זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט. איך קאָן דאָך נישט וויסן פון אַלעם.

— ס'איז שרעקלעך, הער פּאַסטאָר. איר מוזט עס זיך דערוויסן, נישט אַריינלאָזן אַזוינע מענטשן אין דער קירכע אַריין.

ה' ווינס איז אויפגעשטאַנען, פאַרשלאָסן די טיר אין צימער: — זאָגט, שמואל, וועמען מיינט איר?

— הער ווייגאַנט.

— דעם הער ווייגאַנט! — האָט דער פּאַסטאָר אויסגערופן.

— יאָ, הער פּאַסטאָר.

— וואָס האָט ער אַזוינס געטון?

— איר ווייסט דען נישט, אַז ער האָט אונטערגעקויפט דעם שטאָט-ראַט, כדי צו אונטערברענגען דאָס געזעץ וועגן קינדער-אַרבעט.

דער פּאַסטאָר האָט געקוקט אויף שמואלן: — דאָס געזעץ וועגן קינדער-אַרבעט — האָט ער איבערגעחזרט, — דאָס מיינט איר?

— יאָ, הער פּאַסטאָר. אמת, איר האָט פון דעם נישט געוואוסט?

— איך האָב געוואוסט, אַז ווייגאַנט קעמפט העפטיק געגן דעם דאָזיקן געזעץ. ער מאַכט נישט דערפון קיין סוד. ער האָט רעכט צו דעם.

—אָבער צו ווילן אַ שטאָט-ראַט, אַז ער זאָל אויך זיין קעגן דעם דאָזיקן געזעץ!

— מיין קינד, הער ווייגאַנט אינטערעסירט זיך טאַקע

שטאַרק מיט פּאָליטיק, ער האָט אַ שטאַרקן איינפלוס. פאַר־וואָס זאָל ער דאָס נישט טון?

— הער פּאַסטאָר, דאָס איז דאָך אָבער אַ פאַרברעכן! געדענקט נאָר אין זאָפּיען!

— ליב קינד, האָט מען דען נישט געשאַפן פאַר איר אַ שטעלע ביי ווייגאַנטן אין דער היים?

— יאָ, אָבער די איבעריקע קינדער! שטעלט אייך פאָר, ווי זיי ליידן ביי דער מוראדיקער שפּינעריי־אַרבעט. ער צאָלט דאָך זיי אַ זייער נידעריקן לוין. ווייגאַנט איז זייער רייך—ער קאָן העלפן די קינדער, ווען ער זאָל וועלן.

— אָבער, שמואל...

שמואל האָט באַמערקט אַ בייזן אויסדרוק אויפן פּאַסטאָרס פּנים, און ער האָט ווייטער האַסטיק גערעדט:

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ. הערט מיך נאָך אויס! אויך הער היקמען...

— הער היקמען?

— יאָ, העגרי היקמען, דער אַדוואָקאַט, ער האָט נאָך שפּ־גערס אָפּגעטון.

דער פּאַסטאָר האָט צונויפגעדריקט די פויסטן און אויס־געשריען צאָרנדיק:—ס׳איז שוין איבער דער מאָס! הערט, שמואל, מיין געדולד האָט זיך שוין אויסגעשעפּט!

— הער פּאַסטאָר! — האָט שמואל אויסגערופן פאַר־צווייפלט.

— איך מיין, אַז איר דאַרפט מיר זיין גענוג דאַנקבאַר. איר זענט געוואָרן גאַנץ גוט באַהאַנדלט אין מיין הויז.

— אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס מיט דעם אַלעם! — האָט שמואל ווילד אויסגעשריגן.

— פאַרגעסט נישט, ווער איר זענט! אַזאַ שטייגער יונגער־מאַן ווי איר, וואָס פאַרנעמט אויך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע, פּאַסט נישט צו פאַרנעמען זיך מיט באַרעדן די גרויסע פּערזענ־לעכקייטן פון אונזער שטאָט!

— אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע? — האָט שמואל איבער־

בעהזורט געטראָפן — וואָס פאַר אַ שיכות האָט מיין שטעלע מיט דעם אמת פון דער זאַך!

— זייער אַ סך, שמואל.

שמואל האָט אויסגעשטאַרצט אויף אים די אויגן. — איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. דאָ האנדלט זיך דאָך נישט אינגאַנצן וועגן מיינס אַ פּריוואַטער זאַך, נאָר אַפּצוראַטעווען די קירכע!

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן?

— כ'האָב אייך שוין געזאָגט, כ'האָב געוואָלט מחזיר זיין אַ שלעכטן מענטש, און ער האָט געשפּעט פון מיר, ער וויל גאָרנישט וויסן פון דער קירך, ער זאָגט, אַז די קירכע־באַזוכער זענען אַלע אַזעלכע, ווי היקמען. ער זאָגט...

— וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט היקמען געטון? — האָט דער פּאַסטאָר אים איבערגעריסן.

—ער האָט אונטערגעקויפט דעם שטאָט־ראַט, אונטערגעקיפּט די וואַסער־לייטונג.

פּאַסטאָר ווינס איז אויפגעשטאַנען און נערוועז ארומגעשפּאַצירט איבערן צימער.

— הער פּאַסטאָר, אמת, אַז איר האָט פון דעם אַלעם נישט געוואוסט?

ה׳ ווינס האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט: — איר ווייסט גאָרנישט... איר קומט צו מיר מיט מעשיות וועגן היקמענען, ווייסט איר דען נישט, אַז היקמען איז מיין שוואָגער?

שמואל האָט זיך אָנגעכאַפּט ביים פּאָרענטש פון דער שטול:

— אייער שוואָגער? — האָט ער געשטאַמלט.

— יאָ, מיין ווייבס אייגענער ברודער.

שמואל איז אַנטשוויגן געוואָרן. ווינס האָט אַרומגעשפּאַצירט אַהין און צוריק: — פאַרשטייט איר כאָטש, אין וואָס פאַר אַ לאַגע איר שטעלט מיך?

— יאָ, איך ווייס. ס'איז באמת שרעקלעך — האָט שמואל געענטפערט פול מיט שרעק — אָבער איר האָט דאָך נישט

געוואוסט פון דעם אַלעם, הער פּאַסטאָר, אמת, אַז איר האָט נישט געוואוסט?

— איך האָב עס נישט געוואוסט — האָט ווינס געענטפערט. — נאָך בעסער, איך ווייס עס נאָך יעצט אויך נישט. איך הער אַ סך מעשיות. היקמאַן איז אַ וויכטיקע פּערזענלעכקייט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס פעלן אים נישט דערפאַר קיין שונאים. נו באַדאַרף איך דען גלייבן יעדער רכילות, וואָס איך הער?

— ניין — האָט שמואל געענטפערט אומבאַהאָלפן — אָבער דאָס... דאָס ווייסט דאָך יעדער...

— יעדער? ווער איז דאָס דער יעדער? ווער האָט דאָס אייך דערציילט?

— איך... איך קאָן דאָס אייך נישט זאָגן.

— פונוואַנען ווייסט דאָס יענער? וואָס פאַר אַ מענטש איז דאָס? איז עס אַן ערלעכער מענטש?

— ניין — האָט שמואל געענפערט פאַרזאָרגט, — ער איז נישט קיין ערלעכער.

— איז דאָס אַזאַ מענטש, וואָס ליבט אַנדערע און העלפט אייך? אַ מענטש, וואָס זאָגט נישט קיין ליגנס, און פאַרדינט צוטרוי, דעמאָלט, ווען ס'האַנדלט זיך אין אייערע בעסטע פריינד? און ער זאָל אייך דערציילן, אַז איך בין אַ גנב — וועט איר אים אויך גלייבן?

שמואל האָט געמוזט מודה זיין, אַז סוויפט איז נישט אַזאַ מענטש: — איך פאַרשטיי, הער פּאַסטאָר — האָט ער געזאָגט — איך בין באַגאַנגען אַ פעלער. איך האָב נישט באַדאַרפט קומען גלייך צו אייך. איך וועל די זאַך פריער אויספאָרשן, ווי ווייט דאָס איז אמת, און איך וועל אייך צוּוויסן געבן. אויב ס'איז נישט אַזוי, וועל איך אַ פאַרשעמטער אָפטרעטן און קיינמאָל שוין אייך נישט מטריח זיין.

שמואל האָט גערעדט שטיל און אין זיין שטימע האָט זיך געהערט אַ פעסטקייט. דעם פּאַסטאָר איז עס נישט געפעלן געוואָרן.

— שמואל — האָט ער פּראָטעסטירט — צו וואָס נוצט דאָס אייך צו מישן זיך אין די זאַכן?

— פאַרוואָס איך מיש זיך אין דעם? — איך מוז עס טון, דאָס איז דער ליטערער אמת. איך מיין, הער פּאַסטאָר, אַז איר וואָלט לענגער נישט פאַרטראָגן אַזעלכע מענטשן אין דער קירכע.

— איך קאָן איין נאָך יעצט נישט ענטפערן, ווי אַזוי כ׳וואָלט געהאַנדלט אין דעם פאַל — האָט דער פּאַסטאָר ערנסט געענטפערט.

— איר האָט רעכט — האָט שמואל געענטפערט — קודם כל מוז מען זיך דערוויסן דעם אמת.

און שמואל האָט זיך באַשלאָסן. ער איז גלייך אַוועק צו זיין פריינט פינגעגן.

— האַללאָ? — האָט פינגעגן אויסגערופן — וואָס הערט זיך עפּעס מיט מיין שטעלע?

— פּאַסטאָר ווינס וועט טון, וואָס עס וועט נאָר מעגלעך זיין, צו שאַפן פאַר אייך אַ שטעלע. יעצט דאַרף איך מיט אייך רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. איך מוז אייך עפּעס פרעגן.

ער האָט געוואָרט. פינגעגן האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט אַ גאַסט. דערנאָך האָט אים שמואל אַ־יעקגענומען אין אַ זייט־פרייגד פינגעגן, איך מוז זיך ביי אייך דערוויסן עפּעס וויכטיקס.

— וואָס?

— איר קענט היקמענען — העברי היקמען דעם אַד־וואָקאַט?

— ער איז אפילו נישט פון מיינע געסט. אָבער איך קען אים פון זען נאָר.

— איך האָב געהערט, אַז ער האָט עפּעס אַ שייכות מיט דער וואַסער־לייטונג אין שטאָט־ראַט, איז עס אמת?

— יאָ, אמת.

— האָט ער טאַקע אונטערגעקויפט דעם שטאָט־ראַט?

— יאָ.

— און ס'איז אויך אמת, אַז קאַלאַהאַן האָט אויך באַ־קומען אַ חלק?

פינעגן האָט אויף אים געוואָרפן אַ בליק פון אומצוטרוי:

— וואָס גייט עס אייך אייגנטלעך אָן?

— הערט אויס — האָט שמואל געענטפערט ערנסט. — איר ווייסט דאָך, אַז היקמען געהערט צו אונזער קירכע, אַ חוץ דעם איז ער פּאַסטאָר ווינס אַ שוואָגער. דאָס מאַכט נאָך די זאַך מער פאַרשאַרפט. פּאַסטאָר ווינס האָט געהערט פון די אַלע מיאוסע זאַכן, איר קאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט אויף אים געמאַכט. ער קאָן, זאָגט ער, נישט לאָזן אַזוינע פאַרברעכער אומבאַשטראָפט.

— וואָס קאָן ער דערצו טון? — האָט פינעגן געפרעגט.

— איך ווייס נישט, ער האָט נאָך מיר גאָרנישט געזאָגט. צוערשט מוז ער זיין זיכער, אַז דאָס איז אמת, און פאַרשטייט זיך, אַז היקמען וועט דאָס אים נישט זאָגן.

— ס'גלייבט זיך קוים.

— דעם פּאַסטאָר איז שווער צו דערוויסן זיך דעם אמת, ער איז אַ גייסטלעכער, קומט אין באַרירונג נאָר מיט ערלעכע מענטשן. איך האָב אים צוגעזאָגט צו דערוויסן זיך דעם אמת.

— איך פאַרשטיי.

— איך מוז אים דערציילן, אַז כ'האָב עס זיך דערוואוסט ביי אַזעלכן, וואָס האָט אַליין אויך גענאָסן פון דעם שוחד. איך האָב געגעבן מיין וואָרט, אַז כ'וועל דעם יעניקנס נאָמען נישט אויסגעבן. ווי מיינט איר, קאַלאַהאַן וועט וועלן מיט מיר רעדן וועגן דעם?

פינעגן האָט זיך פאַרטראַכט אַ ווײַלע: — וואַרט צו אַ ביסל, קאַלאַהאַן וועט באַלד אַריינקומען. מ'וועט זיך באַלד דערוויסן דעם אמת.

שמואל האָט געוואַרט. אין עטליכע מינוט אַרום איז אָנגעקומען קאַלאַהאַן. ער איז געווען אַ שווערער רויטער איר־לענדער, ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן ערלעכן גוטמוט

טיקן מענטש, אזוי, אַז שמואל האָט אָנגעהויבן צווייפלען, צי, אָט דער מענטש זאָל זיך האָבן געלאָזט אונטערקויפן.

— הערט נאָר, באַלעבאָס — האָט פינגעגן געזאָגט — דער פּאַרשוין האָט געאַרבעט ביי בערטיע לאָקמען, זיינס אַ פריינדין אַרבעט ביי ווייגאַנטן אויף אַ שטעלע.

— אַזוי? — האָט קאַללאַהאַן גלייכגילטיק געענטפערט.

— טאָ הערט שוין אויס, וואָס ער האָט נעכטן געהערט, דער אַלטער היקמען האָט דערציילט, אַז מ׳האָט אייך אונטערגעקויפט ביי דער וואַסער־לייטונג.

— אַזוי האָט ער בוכשטעבלעך געזאָגט? — האָט קאַללאַהאַן געפרעגט.

— יאָ — האָט פינגעגן גיך געענטפערט, איידער שמואל האָט נאָך באַוויזן עפּעס אַרויסצורײדן.

— דאָס איז אַ געמיינער ליגנט, היקמען ווייסט עס זייער גוט — האָט קאַללאַהאַן ערקלערט, — די זאַך איז אַ גאַנץ פּשוטע. די פּריוואַטע וואַסער־לייטונג האָט זיך בענייטיקט אין אַ קאָנצעסיע. זיי האָבן אַ האַלבע שטאָט באַשאָנקען מיט וואַסער אומזיסט, אָבער זיי האָבן זיך אָנגענומען ס׳זייעריקע, וויפל מאָל מ׳קומט צו מיר איצט נאָך געלט פאַר וואַסער, נעמט מיך פּשוט דער רוח, פאַרוואָס כ׳האָב מיך געלאָזט אונטערקויפן. אין אַן אַנדערן פאַל וואָלט איך מער פאַרדינט.

— היקמען זאָגט, אַז דאָס האָט אים אָפּגעקאָסט זעכציק טויזנט דאָלאַר.

— מעגלעך. ווייס מען דען, וויפל די אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען? מיר, ראַטמענער, האָבן באַקומען יעדער איינציקער צו צוויי טויזנט.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ ווילע, שמואל האָט צאָרנדיק צענויפגעביילט די פויסטן.

— דאָס געלט האָט ער אויך אַליין געגעבן? — האָט פינגעגן געפרעגט.

— ווער, היקמען? ניין, ער האָט עס געגעבן סלעטערי.

און סלעטערי איז דערמיט געקומען צו מיר: ער לייקנט עס דען אָפּ?

— ניין, דאָס נישט. אָבער ער האָט געמאַכט אַ גרויס געוואַלט, אַז ער איז באַשווינדלט געוואָרן.

— דאָס איז גאַנץ מעגלעך, ער האָט דערהאַלטן די קאָנצעסיע און צוזאַמען מיט לאָקמענען פאַרדינט ביז צען טויזנט דאָלאַר אַ חודש, מייַנע צוויי טויזנט דאָלאַר זענען נאָך געוואָרן באַלד אין דער זעלבער וואָך אויסגעגעבן, די וואַלן אַליין האָבן מיך אָפּגעקאָסט טאָפּלט, שוין נישט אַרייַנגערעכנט דאָס אומזיסטע ביר, וואָס כ'האָב געטיילט די וויילער.

— פאַרוואָס האָט איר גענומען געלט? — האָט שמואל געפרעגט מיט אַ שוואַך קול.

— גלייבט מיר, יונגערמאַן, אַז מער טו איך שוין אַזוינס נישט — האָט קאַללאַהאַן ערקלערט מיט חרטה, — פון יעצט אָן בלייב איך, דער ערלעכער דזשאָן ביזן סוף פון מיין לעבן, אַז היקמען וועט זיך ווידער נייטיקן אין אַ מענטש צו רעכטפאַרטיקן זיינע מיאוסע מעשים. זאָל ער זוכן אַן אַנדערן, וואָס נייטיקט זיך גיכער אין דעם געלט ווי איך.

ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער פּאָליטיק פון לאָקמענוויל, אויפגעדעקט די פאַרשידענע קאָרופּציעס, וואָס הערשן אין שטאָט, וואו פאַרשידענע כלל-אינטערעסן ווערן פאַרקויפט:
— דאָס פאָלק הייבט אָן קלוג ווערן, האָט שוין גענוג דאָס אַלץ, די גנבות אויף טריט און שריט, און דאָס פאָלק זוכט הילף ביי די וואַל-אורנעס. אָבער יעדעס מאָל, ווען זיי ווייַלן אויס זייערע ניַיע פאַרטרעטער, קומען די גרויסע אונטערנעמער און קויפן אונטער די געזעצגעבונג. יעצט נישט לאַנג, ווי די האַנטווערקער האָבן געשטערט דעם שלום, דריי ראַטמענער זענען געווען האַנטווערקער — די גרעסטע שווינדלער פון אַלע.

שמואל האָט דאָס אַלץ שווייַגנדיק אויסגעהערט. זיינע לעצטע אילוזיעס זענען צעריסן געוואָרן אויף שמאַטעס. ווען דער נייער שטאָט-ראַט איז אויסגעווילט געוואָרן, האָט זיך עס די מענטשן אויסגעוויזן אַ גאַנץ גליק. און גראָד זענען די ערגסטע

פון זיי, נאָטספּאָרכטיקע, פרומע באַזוכער פון דער סאַנקט־מאַטיאַס־קירכע. צווישן זיי געפינט זיך, למשל, דער אַלטער קורטיס, אַ קירכע־פּאַרשטייער, דער, וואָס ציילט אויס יעדען זונטאָג די זאַמל־פּושקע. ער מאַכט אַן איינדרוק פון אַ גריכישען גאָט, האָט געהאַט געוואָלט אָנלייגן שטויסן קאַסטנס אויפן טראָטואַר פאַר זיין געוועלב און האָט אונטערגעקויפט סלעטערין מיט צוויי הונדערט דאָלאַר.

— און הער ווייגאַנט? — האָט שמואל אויסגערופן, — ס׳איז אמת, אַז ער האָט דאָ גענומען אַזאַ גרויסן אָנטייל?

קאַללאַהאַן האָט געלאַכט: — גוטער גאָט, איר מעגט בעסער הערן, אַז ער אַליין וועט עס אייך דערציילן.

— ער דערציילט עס גאַנץ אַנדערש — האָט שמואל גע־ענטפערט.

— ווייגאַנט האָט פון דעם גאַנצן עסק באַקומען קאַלטע פיס — טהאָ קאַללאַהאַן ערקלערט. — ער האָט אויפגעזוכט סלעטערין און רעגולירט די חשבונות. דאָס ווייס איך פון סלעטערין אַליין, מיר האָבן אים געגאַרט. אָן זיין געלט וואָלט קיינער פון אונז נישט דורכגעגאַנגען.

— איך פאַרשטיי — האָט שמואל געשעפּשעט.

— ער איז אַ פלינקער פאַרשוין — האָט קאַללאַהאַן גע־לאַכט. — ער האָט זיך שוין געזען צו פאַרשאַפן די קאָנצעסיע אויף די טראַמווייען אויף גאַנצע ניין און ניינציק יאָר. ער באַקומט אַלץ וואָס ער וויל. און ער רעדט וועגן דער רעפאָרם! דאָס פאַדריסט מיך שוין אויף דעם פאַרשוין, זיי קויפן אונז אונטער מיט זייערע טויזנטער דאָלאַר, זיי פאַרבלייבן די פיינע שווינדלער, וואָס וועלן זיך נישט אַראָפּלאָזן אַזוי ניעדריק, צו רעדן מיט אונז, שווינדלערס, אויף דער גאַס. און צו דעם אַלעם זענען זיי ־ד בכבודע באַלעבאַטים, די זיילן פון דער קירך, — שלעכט ווערט דעם מענטש, ווען מען רעדט דערפון.

— יאָ — האָט שמואל געזאָגט שטיל — ס׳איז אמת. ס׳ווערט פאַסקודנע, ווען מען שמועסט פון דעם.

שמואל האָט שוין געגוג באַוויזן. גייענדיק אַזוי, איז ער אין איינוועגס אַריין צום פּאַסטאָר ווינס. — הער פּאַסטאָר, יעצט ווייס איך שוין דעם אמת. כ'האָב עס זיך דערוואוסט פון אַ מענטש, וואָס האָט אַליין אויך גענאָסן פון די געלטער.

— ווער איז ער? — האָט ווינס געפרעגט.

— דאָס קען איך אייך נישט זאָגן, דאָס וואָלט גאָרנישט געווען אַזוי גוט. איר ווייסט דאָך, אַז איך זאָג אמת. דער מענטש אַליין האָט עס מיר דערציילט. היקמען האָט אוי געצאָלט צוואַנציק טויזנט דאָלאַר סלעטערין, דעם פּירער פון דיסדעמאָקראַטן, צען טויזנט האָט גענומען דער שטאָט-ראַט, פאַר באַזאָרגן די אַנ-דערע וואַסער-ליטונג מיט אַ קאָנצעסיע.

דער פּאַסטאָר האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף אים שטום. לסוף האָט ער געפרעגט: — וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר זאָל איך טון?

— כ'ווייס נישט. עס פּאַסט נישט איך זאָל אייך לערנען, וואָס דער אמת איז.

— מיין קינד, די זאַך איז פאַר מיר טוראַדיק ערנסט היקמען איז מיין ווייבס ברודער, זי האָט אים זייער ליב. אַ חוץ דעם איז ער מיינער אַ גוטער פריינד, — אַלע געשעפטלעכע אָנגעלעגנהייטן פון דער קירך ליגן ביי אים אין דער האַנט.

— יאָ, אָבער ער האָט דאָך פאָרט אונטערגעקויפט דעם שטאָט-ראַט.

— שמואל, אַז דאָס זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן, אַנטשטייט אַ טוראַדיקער סקאַנדאַל, באַטראַכט נאָר ווי פיל דאָס וואָלט גע-שאַדט פאַר דער סאַנקט-מאַטיאַס-קירכע.

— די יעצטיקע לאַגע איז פיל ערגער - האָט שמואל געענטפערט, — די מענטשן ווייסן פון אַלץ, און וואָס זאָגן זיי? אַז די קירכע באַשיצט רשעים.

— שמואל, באַטראַכט וואָס פאַר אַ משא איר לייגט אויף מיר! אַ יטגליד פון מיין משפחה!...

— עס'איז פאַר מיר אויך נישט אַזוי לייכט!

— מיט וואָס?

— אַקייגן הער ווייגאַנט.

— איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס איר מיינט.

און שמואל האָט געוואָלט אויסרופֿן: „ער איז דאָך מיין צו־קונפֿטיקער שווער". אָבער באַלד האָט ער זיך איבערגעצייגט, אַז ס'וועט גלייכער זיין, אַז פֿריילן גלעדיס זאָל עס אים זאָגן און ער האָט געענטפֿערט:

— איך טראַכט וועגן דער קליינער זאָפֿיע.

— דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש — האָט דער פּאַסטאָר געענטפֿערט און נאָכאַמאָל געשטעלט די זעלבע פֿראַגע — וואָס אייגנטלעך, ווילט איר, זאָל איך טון?

— איך ווייס נישט — האָט שמואל געענטפֿערט — טוט אין זינען פֿון אמת.

— איר מוזט דאָך זאָגן אייער פֿאַרלאַנג — האָט דער פּאַסטאָר געזאָגט נערוועז,—אפֿשר פֿאַרלאַנגט איר, אַז איך זאָל פֿאַרשעמען מיין שוואָגער, אַרויסשטויסן אים פֿון דער קירכע?

— ניין, דעמאָלט וועט מען אים איינזעצן — האָט שמואל געענטפֿערט ערנסט. — פֿון דער קירכע קאָן מען אים אויך נישט באַווייטיקן. — גאָרנישט. צוערשט מוז מען אַפּעלירן צו זיין געוויסן.

— איך זאָל אים דראָען מיט אַ מסירה?

— איך האָב אויך געטראַכט וועגן דעם, הער פּאַסטאָר — האָט שמואל ערקלערט. — מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז נישט קיין אויפֿטו יענעם צו פֿאַרשעמען און שטראָפֿן. דאָס דערוועקט נאָר שנאה און ביטערניש, און מיר זענען דאָך קעגן שנאה.

— אָך!—דער פּאַסטאָר האָט אָפּגעזיפֿצט מיט פֿאַרלייכטערונג.

— ראשית, האַנדלט עס זיך אין דעם פֿאַקט אַליין. דאָס פֿאָלק קאָן שוין נישט מער באַרויבט ווערן. אויך דאָס צוגע־רויבטע גוטס... איך וועל אייך געבן אַ משל. איך גיי היינט אויף דער גאַס, און טרעף דעם מענטש וואָס האָט אייך באַגנבעט. און איך דערוויס זיך, אַז ער האָט ביי אייך צוגענומען דאָס זילבערוואַרג.

— אודאי האָט ער צוגענומען.

— האָט ער מיך געבעטן, כ'זאָל נישט אויסזאָגן ווי ער הייסט. איך האָב עס אים צוגעזאָגט. איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרעפנטלעכן, קיינמאָל אים נישט פּרווון אייַנזעצן, נאָר בתנאי, אַז ער זאָל אייך אומקערן דאָס צוגערויבטע זילבער. אַזוי איז עס גוט, הער פּאַסטאָר, נישט אמת?

— יאָ — האָט דער פּאַסטאָר געענטפערט — אַזוי איז עס גוט.

— דאָס זעלביקע דאַרפן מיר טון מיט היקמענען. ער האָט באַגנבעט דאָס פאָלק, ערוואָרבן פאַר זיך אויף אַ פאַלשן אופן אַ קאָנצעסיע, מיט וואָס ער האָט יעדן חודש צוזאַמען מיט לאָקמענען פאַרדינט ביז צען טויזנט דאָלאַר. מוז די קאָנצעסיע צוריק אָפּגעגעבן ווערן און אַ חוץ דעם, יעדער דאָלאַר, וואָס ס'איז פאַרדינט געוואָרן ביי דעם. דאָס איז אַלץ. עס האָט דאָך נישט קיין זינען צו שרייַען, אַז דאָס באַרויבטע ווערט אומגעקערט.

און אין אַ ווייַלע אַרום האָט שמואל געפרעגט: — איר פאַרשטייט דאָך וואָס איך מיין, הער פּאַסטאָר?

— יאָ.

— און וואָס זאָגט איר דערצו?

— עס איז אוממעגלעך דאָס זיך אונטערצונעמען, זיי וועלן דאָס געלט נישט אומקערן.

— זיי וועלן עס נישט אומקערן?

— ניין. דאָס איז אַ אומזיסטע מי, פאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט וועלן זיי דאָס נישט טון.

— אַפילו נישט, ווען מ'וועט זיי דראָען מיט אַנטדעקונג?

— ניין, דעמאָלט אויך נישט.

— און אַז מ'וועט זיי אייַנזעצן אין תפיסה?

דער פּאַסטאָר האָט געשוויגן. שמואל האָט געוואַרט אַ ווייַלע און שטיל געזאָגט: הער פּאַסטאָר, איך וועל זיי צווינגען אומצוקערן די אַלע גנבות. דאָס איז מיין אויפגאַבע. איך זע עס בולט און איר מוזט מסכים זיין.

שטיל.

— הער פאַסטאָר — האָט שמואל אויסגערופן מיט שרעק — איר וועט דאָך מיר העלפן!

דער פאַסטאָר האָט פעסט צונויפגעפּרעסט די ליפּן: — ניין, שמואל, איך וועל אייך נישט העלפן.

שמואל איז געבליבן פאַרשטומט, פאַרליימט: — איר ווילט מיך פאַרלאָזן? — האָט ער געפרעגט פאַרזאָרגט.

דער פאַסטאָר האָט געשוויגן.

— בין איך נישט גערעכט, — האָט שמואל אויסגערופן ווילד — האָב איך דען נישט געזאָגט דעם אמת?

— איך ווייס נישט. איך קאָן אייך אויף דעם נישט ענטפערן. איך ווייס נאָר, אַז דאָס געהערט נישט צו מיר, איך וויל נישט האָבן מיט דעם צו טון.

— הער פאַסטאָר, איר זענט דאָך דער פאָרשטייער פון דער קירך!

— נו, דערפאַר מוז איך טאַקע זאָרגן פאַר די אינטערעסן פון דער קירך.

— און די קירכע דאַרף עס גאָרנישט אַרן, אַז מ'באַגזלט דאָס פאָלק?

דער פאַסטאָר האָט געשוויגן.

— איר זענט אַ פילאַנטראָפ — האָט שמואל גערעדט ווייטער מיט פאַרצווייפלונג. — איר האָט מיר פאָרגעלייגט איך זאָל אייך באַקאַנט מאַכן מיט דער אָרעמקייט. און איך האָב אייך באַקאַנט געמאַכט מיט דער עלנט, יעצט זאָגט איר, אַז איר זענט נישט ביכולת צו העלפן, אַז זיי זענען פאַרהאַן גענוג. איר קאָנט מיר קיינמאָל נישט זאָגן די סיבה פון זייער אָרעמקייט. אָבער יעצט ווייס איך שוין אַליין, פאַרוואָס דאָס פאָלק איז אַזוי פאַראָרעמט — ווייל מען באַרויבט עס, מען טרעט עס מיט די פיס, מען וואַרפט זיי אָן אַ רעגירונג, זיי זענען נישט מער ווי אַ ווערקצייג פאַר די רייכע. און איר שווייגט, קאָנט זיי נישט העלפן!

— איך קאָן דערצו גאָרנישט טון, שמואל! — האָט דער פאַסטאָר אויסגערופן.

— ווייל איר ווילט נישט. איר גוט! זיי נאָך אייער מיט־הילף צו דעם אַלעם!

— מיין מיטהילף?

— יאָ, הער פּאַסטאָר, איר העלפט זיי מיט! איר ערלויבט זיי צו בלייבן מיטגלידער אין אייער קירך, דערמיט באַשטעטיקט איר זייערע אַלע שלעכטע מעשים. איר באַשיצט זיי, פאַרהיט זיי פאַר יעטוועדן אָנגריף. און ווען איך זאָל אַזוי פרווון אַרויסגיין אויף דער שטאָט, עפענען דעם פאָלק די אויגן, וועט מיר קיינער נישט גלייבן. די מענטשן האָבן דרך־ארץ פאַר זיי, זיי געהערן דאָך צו דער קירכע, זיי זענען דאָך מיטגלידער פון אייער משפּחה.

— שמואל!

— און נאָך בעסער. איר זאָגט נאָך, אַז די עקזיסטענץ פון דער קירכע איז אָפּהענגיק אין זיי, אין אָט די דאָזיקע פאַרברעכער, דאָס האָט איר דאָך מיר אַליין געזאָגט. איר טיילט דאָס אָנגעגזולטע געלט אָרעמע מענטשן—אָט די זעלבע מענטשן וואָס זענען באַגזולט געוואָרן. דאָס מאַכט דאָס פאָלק פאַרבלענדט, זיי זענען נאָך אייך אויך דאַנקבאַר, פאַרשטייען נישט... און אויף אַזאַ אופן האַלטן זיי דאָס פאָלק אין דער קלעם. פאַרשטייט איר דען נישט דאָס אַלץ, הער ווינס? עס זעט אויס, אַז איר זענט געדונגען צו דינען דעם צוועק!

דער פאַסטאָר איז אויפגעשטאַנען אַן אויפגערעגטער:

— שמואל, איר טרעט אַריבער אַלע גרענעצן! שווייגט! איין וואָרט פאַרלאַנג איך נישט מער!

שמואלן האָט זיך געדוכט, ווי ס׳האַרץ פּלאַצט אים פון ווייטאָג.

— איר פאַרלאָזט מיך, הער פּאַסטאָר—האָט ער געוויינט, — איך מוז עס אַליין אָנהייבן.

דער פאַסטאָר האָט אים אָנגעקוקט: — וואָס ווילט איר דען טון?

— איך וועל גיין צו די פאַרברעכער, כ׳וועל רעדן מיט זיי, טאָמער וועל איך פאָרט רירן ביי זיי דאָס געוויסן.

— יונגערמאַן! — האָט אויסגערופן דער פּאַסטאָר — איר זענט נישט אַמאָל משוגע?

— גאַנץ מעגלעך. אָבער ס'איז נישט מיין שולד.

— פאַרגעסט אָבער נישט צו זאָגן, אַז איר גייט נישט מיט מיין רצון, אַז איך האָב אינגאַנצן קיין שיכות נישט מיט אייער משוגענעם שריט. איר פאַרשטייט?

שמואל האָט געשוויגן. דאָס איז געווען דאָס געמיינסטע, וואָס ער האָט געהערט פונם פּאַסטאָר, דאָס האָט געוויזן, אַז ער איז נאָך אַ פּחדן.

— גוט, הער פּאַסטאָר — האָט שמואל געזאָגט. — זאָרגט אייך נישט. איך נעם אַלץ אויף זיך. מער וועל איך אייך שוין נישט באַמיען.

און ער האָט פאַרלאָזט די שטוב.

## XXIII

ווי דער שטראָם פון אַ מעכטיקער כוואַליע, אַזוי איז געווען שמואלס פאַרצווייפלונג. ווידער איז ער געבליבן פאַראיינזאַמט, די גאַנצע וועלט אויף צו להכעיס. אַ שפּאַרע ווייליע האָט ער געטראַכט: אפשר זאָל ער דאָס אַלץ נישט טשעפּען. ער איז דאָך סוף כּל סוף נישט מער ווי אַ אומוויסנדער יונג. ווי קומט ער דאָס, זיך אַנטקייגנצושטעלן די חכמים און גרויסע לייט פון דער וועלט? אָבער באַלד האָבן געשוועבט פאַר זיינע אויגן די מחנות אָרעמעלייט, הונגעריקע, ליידנדיקע מענטשן. אָ, ס'איז גלייכער צו שטאַרבן, איידער צו לעבן אין אַזאַ וועלט פון עלנט און נידערטרעכטיקייט. יאָ, ער וויל בעסער שטאַרבן, איידער זיך צוקוקן שווייגנדיק צו אָט די אַלע פאַרברעכנס. שמואל האָט

שוין נישט קיין הרטה, ער וועט טון, וואָס ער וועט קאָנען, אָבער וואו זאָל ער אָנהייבן? ער האָט געטראַכט וועגן היקמענען, דערשראָקן זיך באַלד אין אָנהייב פאַרן בלויזן געדאַנק.

זאָל ער גיין צוערשט צו וויגאַנטן? דער געדאַנק האָט געוועקט ביי אים ערינערונגען פון די לעצטע געשעענישן. פריילין גלעדיס! ווי אַזוי וועט זי דאָס אַלץ אויפנעמען? וואָס וועט זי אָנווענדן, ווען זי וועט זיך דערוויסן פון איר פאָטערס טאַטן? פאַריוואָס זאָל ער איר נישט אָנטרויען אַלץ? זי קאָן דאָך אים העלפן. זי האָט דאָך זאָפיען אויך געהאָלפן, גרייט געווען אים מיטצוהעלפן אַלבערטן מחזיר צו זיין. זי האָט רעכט דאָס אַלץ זיך צו דערוויסן, זי איז נאָענט מיט איר פאַמיליע. וויניקסטנס וועט זי כאָטש וויסן, ווי אַזוי ס'וועט אַמלייכסטן זיין מיט איר פאָטער זיך צו באַגעגענען, און שמואל וועט פאָלגן אירע עצות.

ער איז שטיין געבליבן ביי וויגאַנטס הויז און זיך גע-פרעגט אויף זאָפיען.

— מעלדעט פריילין גלעדיס, אַז איך מוז מיט איר רעדן — האָט ער געזאָגט צו זאָפיען: — עס האַנדלט זיך אין זייער וויכטיקס.

זאָפיע האָט אים אַרויפגעפירט אויף די אייבערשטע שטאָק.

— שמואל! — האָט אויסגערופן זיין געמין — ס'איז אַ אומפאַרזיכטיקייט, צו באַזוכן מיך נאָך מיטאָג.

— יאָ, פריילין גלעדיס, דאָסמאָל האַנדלט זיך עס אין עפּעס אויסערגעוויינלעכס, גאָרנישט קיין שיכות מיט מיר פּער-זענלעך.

— מיט וועמען דען?

— עס איז נוגע אייער פאָטער.

— מיין פאָטער?

— יאָ, פריילין גלעדיס. דאָס איז אַ זייער לאַנגע געשיכטע, איך וויל אָנהייבן פון אָנהייב.

און שמואל האָט איר דערציילט אַלץ. אַז ער האָט איר דערציילט, וואָס סוויפט האָט אים געזאָגט, האָט ער געוואָלט ענדיקן איינס, אָבער גלעדיס האָט געוואָלט הערן אַלץ, געוועז אומצופרידן, וואָס שמואל האָט נאָך געוואוסט אַזוי ווינציק איינצלהייטן — הער הזקמען! — האָט זי אויסגערופן צופרידן

— איך האָב אים תמיד געהאַלטן פאַר אַ שווינדלער! איך קאָן זיך מיט אייך וועטן, שמואל, אַז איר האָט נאָך נישט אַנטדעקט אַ הונדערסטל טייל פון זיינע שווינדלערייען.

-- און איר האָט דאָס אַלץ דערציילט דעם פאַסטאָר? — האָט גלעדיס אויסגערופן צעטומלט.

— יאָ.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— ער וויל נישט האָבן קיין שיכות מיט דעם. אַלץ איז געבליבן פאַר מיר אַליין.

— און וואָס וועט איר טון?

— איך ווייס נישט, דערווייל וויל איך רעדן מיט אייער פאָטער.

— מיט מיין פאָטער? — האָט גלעדיס געפרעגט מיט איבעררראַשונג.

— יאָ, פריילין גלעדיס.

— צו וואָס?

— איך וויל אים קלאָר מאַכן מיט זיינע פאַרברעכנס.

גלעדיס האָט געקוקט אויף איב מיט צעשראָקענע אויגן:

— וואָס, איר ווילט גיין צו מיין פאָטער, רעדן מיט אים וועגן זיינע פאָליטישע טאַטן?

— וואָס דען קאָן איך טון, פריילין גלעדיס?

גלעדיס האָט אַרויסגעכאַפּט איר מאַשנטיכעלע, אָנגעבויגן זיך צום טיש און פאַרשטעלט ס'פּנים. אַ שטאַרק געפיל האָט איר אַרומגענומען, וואָס שמואל האָט נישט געוווּסט. ער האָט זיך איבערגעשראָקן און אויסגערופן פאַרצווייפלט: — איר זענט דאָך נישט בייז אויף מיר?

— ניין, שמואל, ניין — האָט זי געענטפערט מיט אַ פאַר־שטיקט קול.

זי האָט אַוועקגענומען דאָס טיכל, איר פּנים איז געווען ליכט פאַררויטלט: — גייט צו מיין פאָטער, שמואל.

— אפשר איז שוין פאַר אייך אומאָנגענעם? — האָט ער געפרעגט באַזאָרגט.

— ניין, פּרוווט דאָס צו טון. ער איז זייער אַ שלעכטער. פּרוווט צו וועקן זיין הארץ, ס'וועט פאַר אונז אַלע בעסער זיין.

— און אונזער פריינטשאַפט וועט זיך דערמיט נישט ענ־דערן?

— אונזער פריינטשאַפט? — האָט זי איבערגעחזרט צע־טומלט. דערנאָך האָט זי גיך צוגעגעבן: — ניין, ניין, וועגן דעם דאַרפט איר גאָרנישט זאָגן מיין פאָטער. ער דאַרף נישט וויסן, אַז איך קען אייך.

— פאַרשטייט זיך, פריילן גלעדיס.

— זאָגט אים, אַז איר זענט פון דער סאַנקט־מאַטיאַס־קירכע. גיט אים, שמואל, וויפל איר וועט נאָר קאָנען. כ'בין זיכער, אַז ער איז אַ סך ערגער, ווי איר שטעלט זיך פאָר!

— פריילן גלעדיס! — האָט שמואל אַרויסגעשטאַמלט מיט מאַטערניש.

— און דערנאָך זאָלט איר צו מיר קומען און מיר דער־ציילן אַלץ. אפשר וועל איך אייך קאָנען מיט עפּעס צהעלפן.

זיי האָבן זיך ביידע לאַנג אָנגעקוקט. פּלוצלינג האָט זי אויסגערופן: — שמואל, איר זענט אַ מלאך! — זי האָט געלאַכט, צוגעבויגן זיך צו אים, פלינק, ווי אַ פייגעלע, האָט זי אַרויפגע־לייגט אירע ליפּן אויף זיין שטערן. דערנאָך איז זי פאַרשוואונדן ווי אַ בליץ. שמואל איז געבליבן אַליין, פאַרחידושט און צעטומלט.

ער איז אַוועק צו ווייגאַנטן אין ביוראָ אריין. גייענדיק אויף דער בריק, האָט ער באַמערקט ווייגאַנטס אויטאָמאָביל פאַר־בייפאָרן. ער האָט זיך צוריק אויסגעדרייט און נאָכאַמאָל גע־שפּאַנט צו זיין הויז.

ביי דער טיר האָט ער זיך געמעלדן פאַר אַ דינער. —

איך בין שמואל פּרעסקאָט פון דער סאַנקט־מאַטיאַס־קירכע. איך דאַרף רעדן מיט הער ווייגאַנט געשעפטלעך.

הער ווייגאַנט איז געזעסן אין ביבליאָטעק־צימער ביים פענסטער. די שטוב איז פול געווען מיט די וויכטיקסטע ביכער, עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געעטעמט מיט יאָרהונדער־טער. ווייגאַנט אַליין איז געווען הויכגעוויקסיק, ברייטפּלייציק. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ יוסטן באַלעבאָס. שמואל האָט צענויפגעביילט די פויסטן און באַלד איבערגעגאַנגען צום אָנגריף.

— איך בין שמואל פּרעסקאָט, געהילף־דינער אין דער סאַנקט־מאַטיאַס־קירכע — האָט ער ערקלערט — איך מוז זיך מיט אייך דורכשמועסן וועגן אַ זייער, זייער וויכטיקן ענין.

— יאָ, — האָט ווייגאַנט געענטפערט פּרעגנדיק.

און שמואל האָט אים דערציילט, ווי אַזוי מ׳האָט אים געעצהט צו פאָרן אומזיסט אויף דער באַן, ווי אַזוי פּאַסטאָר ווינס האָט אים מחזיר געווען. ער האָט דערציילט אַלע איינ־צעלהייטן, געוואָלט אַז אַנדערע זאָלן פאַרשטיין זיין באַגייסטע־רונג. דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן דעם מחזיר זיין, ווי ווייט דאָס געלינגט אים, און דעם שמועס מיט סוויפטן: — ער האָט איינגאַנצן נישט געוואָלט הערן פון דער קירכע — האָט ער צוגעגעבן — ווייל עס געהערן צו איר שלעכטע מענטשן.

ווייגאַנט האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט און זיך געוווּנדערט. דערנאָך האָט ער געפרעגט: — ווער זענען דאָס די שלעכטע מענטשן?

— צום ביישפּיל — איר.

— איך? — האָט ווייגאַנט אויסגערופן פאַרחידושט. — וואָס האָב איך דען אַזוינס געטון?

— ערשטנס, ערלויבט איר, אַז אין אייער שפּינערײ זאָלן אַרבעטן קליינע קינדער. איר האָט אויך אויסגעוויילט אַן אייגע־נעם סענאַטאָר, אַז ער זאָל פאַר אייך באַקעמפן דאָס קינדער־געזעץ. צווייטנס, האַלט איר רעפּעראַטן, אַגיטירט פאַר רעפּאָר־

מען, אין דער צייט ווען איר האָט אונטערגעקויפט סלעטערין, כדי צו באַקומען אַ קאָנצעסיע.

הער ווייגאַנט האָט פאַרלוירן דעם אָטעם: — יונגערמאַן! — האָט ער לסוף אויסגערופן — דאָס איז די גרעסטע חוצפה, וואָס איז נאָר אַמאָל פאָרגעקומען אין מיין לעבן!

שמואל איז צוגעגאַנגען צו אים נענטער, אויסגעצויגן צו אים די הענט: — הער ווייגאַנט, זייט נישט בייז אויף מיר! איך בעט אייך, מאַכט נישט האַרט אייער האַרץ! איך בין געקומען צוליב אייער טובה וועגן, ווייל איך קאָן עס נישט איבערהאַלטן. אַ מיטגליד פון דער סאַנקט-מאַטיאַס-קירכע זאָל באַגיין אַזעלכע פאַרברעכנס.

ווייגאַנט האָט געקוקט אַ ווײַלע אויף שמואלן: — איך וויל אייך עפּעס פרעגן: ווייסט פאַסטאָר ווינס פון דעם אַלעם?

— איך האָב גערעדט צוערשט מיט דעם פאַסטאָר וועגן דעם — האָט שמואל געענטפערט, — אָבער ער האָט גאָרנישט געוואָלט האָבן קיין שיכות דערמיט, ער האָט מיך געהייסן אייך זאָגן, אַז איך קום פון מיין אייגענער איניציאַטיוו, קיינער שיקט מיך נישט.

ווידער איז אַריינגעטראָטן אַ שטילקייט: — איר זענט דאָך נישט בייז אויף מיר? — האָט שמואל געפרעגט.

— ניין, איך בין נישט בייז — איר זענט נאָך אַ קינד. איר ווייסט נישט וואָס איר טוט.

— אָהא!

— איר האָט נישט קיין דערפאַרונג.

— הער ווייגאַנט, אַלץ, וואָס איך האָב געזאָגט, איז אמת.

— יאָ, אין אַ געוויסער מאָס איז עס אמת.

— און ס'איז אויך אַ פאַרברעכן.

— דאָס דאַכט זיך נאָר אייך. איר האָט ווינציק אַן אַנונג אין די עסקים.

— איר האָט אונטערגעקויפט די רעגירונג פון לאַנד, הער ווייגאַנט.

— די רעגירונג פון אונזער לאַנד באַשטייט פון אונטער-

דריקער, פּאָליטיקער, וואָס לאָקן, ווי שאַקאַלן אויף מיינע געשעפטן. שמואל האָט געשוויגן.

— זעט איר, יונגערמאַן— האָט ווייגאַנט גערעדט ווייטער,— אויף מיינע פּלייצעס ליגט אַ שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. כ׳האָב צו טון מיט אַ סך געשעפטן און בין תּמיד אַרומגערינגלט מיט אַ סטאַדע וועלף.

— אָבער, וואָס איז מיט דער אומאָפּהענגיקייט פון אונזער רעגירונג?

— איך ווייס נישט. צייטגווייז דאַכט זיך מיר, אַז אָט נעמט שוין אַ סוף צו דער אומאָפּהענגיקייט. סיידן די מאַסן וועלן זיך רעפאָרמירן.

— וואָס באַדאַרפן זיי דען טון צו דעם?

— ווייל עס ערלעכע מענטשן, ס׳זאָל זיין מיט וועמען צו קאָנען מאַכן גוטע געשעפטן און נישט קיין שענקערס און שווינדלערישע אַרבעטער־פירער!

— מענטשן, ס׳זאָל זיין מיט וועמען צו פירן גוטע געשעפטן — האָט שמואל איבערגעחזרט, — וואָס פאַר אַ געשעפטן מיינט איר?

— איך פאַרשטיי נישט אייער פראַגע.

— אָט פון די דאָזיקע פּאָליטיקער האָט איר דערהאַלטן אַ קאָנצעסיע, וואָס גיט אייך אַ מעגלעכקייט צו ציען שטייערן פון דער באַפעלקערונג גאַנצע ניין און נייַנציק יאָר, ווי אַזוי אייך וועט געפעלן. נו, מיינט איר אפשר, אַז דאָס איז אויך פאַר דער באַפעלקערונג אַ גוט געשעפט?

שטיל.

— אַ גרויסער טייל פון אייער פאַרמעגן, וואָס איר היט אַזוי, איז ערוואָרבן געוואָרן אויף אַזאַ אופן, הער ווייגאַנט.

ווייגאַנט האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן. אָבער קיין שום מענטש וואָלט זיך נישט געקאָנט בייזערן, קוקנדיק אויף שמואלס פיינלעכן אויסזען.

— יונגערמאַן, איך קאָן נאָכאַמאָל איבערחזרן, אַז איר פאַרמאָגט נישט קיין ברעקל דערפאַרונג. איר קענט נישט די וועלט,

אַז איך זאָל אָפּטרעטן, וואָלט דען אַט דאָס אַלץ נישט אַריינגע־פאַלן אין אַנדערע הענד? די קאָנצעסיע פאַלט תיכּף אַריין אין אַנדערע הענט. דאָס איז דאָך די קאָנקורענץ פון קאַפּיטאַל.

— די קאָנקורענץ פון קאַפּיטאַל? — האָט שמואל איבער־געחזרט ווי אין חלום — מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַ פּשוט געיעג אויף געלט, און יעדערער כאַפּט וויפל ס'איז מעגלעך.

— מ'קאָן עס אַזוי אויך זאָגן.

— און פאַר זיי איז שוין אַלץ ערלעדיקט, דערמיט, וואָס זיי שענקען אויך פאַר די מענטשן אַביסל פון זייער רויב.

— יאָ.

— איך פאַרשטיי שוין — האָט שמואל געזאָגט שטיל — איין זאַך איז מיר אָבער שווער צו פאַרשטיין.

— וואָס, אַ שטייגער?

— דאָס, וואָס איר, הער ווייגאַנט, געהערט צו דער קירכע. וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס געיעג נאָך דעם געלט מיט כריס־טוסעס לערע?

אָבער שמואל האָט זיך געמוזט איבערצייגן, אַז ער איז שוין ווידער אַריבער די גרענעץ: — יונגערמאַן! — האָט ווייגאַנט אויסגעשריגן — איך האַלט דעם גאַנצן שמועס פאַר איבעריק.

— הער ווייגאַנט, איר באַליידיקט די קירכע.

— גענוג! איר האָט שוין צופיל מיסגעברויכט מיט מיין געדולד. — ווייגאַנטס קול האָט געקלונגען האַרט, און שטרענג — פאַרגעסט נישט, ווער איר זענט.

— מ'האָט מיר שוין עטלעכע מאָל דערמאַנט וועגן מיין שטעלונג — האָט שמואל געענטפערט מיט אַ פאַרשטיקט קול, — אָבער איך ווייס נישט, מיט וואָס מיין שטעלע איז אַזוי שלעכט.

— אין דעם גייט עס. איר האָט אויסצופירן אייער אַרבעט, באַציען זיך מיט כּבוד צו מענטשן, וואָס שטייען העכער פאַר אייך, אייערע אָנשויאונגען באַהאַלט פאַר זיך!

— איך זע, אַז איר זענט אויף מיר בייז. איך קאָן אייך נישט קלאָר מאַכן מיט מיין שטאַנדפּונקט. — איך האָב נאָר

געפרוווט אויפצוקלערן פאַר אייך דעם אמת, צו טון אַלץ, וואָס איז יושרדיק, האָט ער ווייגאַנט.

— דאָס איז מעגלעך...

— און איך וואָלט אויך זיך געוואָלט דערוויסן, מיט וואָס יענע מענטשן שטייען העכער פאַר מיר.

— זיי זענען עלטער און קליגער...

— האַנדלט זיך עס נאָר, הייסט עס, אין עלטער און אין חכמה? איך האָב געאַרבעט ביי אַלבערט לאַקמען, ער איז גאָרנישט עלטער פאַר מיר, און דאָך שטייט ער העכער פאַר מיר.

— אודאי — האָט ווייגאַנט מסכים געווען.

— נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געפירט אַ געמיין לעבן.

— מיט וואָס?

— ער איז אַ שיכּור, פאַרברענגט מיט אויסגעלאַסענע פרויען און דאָך שטייט ער העכער פאַר מיר, וואָס איך טו דאָס אַלץ נישט?

— הם?

— איז נישט דאָס די סיבה דערפון, וואָס ער האָט געלט, און איך נישט? — האָט שמואל געפרעגט עקשנותדיק.

הער ווייגאַנט האָט געשוויגן.

— און מיין אידעע האָט קיין ווערט נישט, דערפאַר, ווייל איך האָב נישט קיין געלט?

ווידער אָן אַן ענטפער.

— און אַחוץ דעם אַלעם, האָב איך דערקענט דעם אמת, מוז אים באַקאַנט מאַכן. וואו קאָן איך געפונען אַ ריכטונג, וואָס וועט מיר געבן אַ מעגלעכקייט צו דעם.

— דאָס פּראָבלעם — האָט ווייגאַנט געענטפערט, — וועט איר אייך שוין אַליין קלאָר מאַכן.

— ווייזט זיך אַרויס, אַז איך וועל דעסגלייכן מוזן זיך יאָגן נאָך געלט, וויבאַלד נאָר ס'געלט איז דער עיקר.

— יונגערמאַן, איר זענט מיר אַ שאָד, איר וועט נאָך

נישט איין מאָל פּרוון אַדורכברעכן מיטן קאָפּ אָן מויער. ס׳לעבן מוז מען נעמען ווי עס איז. מעגלעך, אַז אַ סך פון אונז וואָלטן עס געפּרוווט ענדערן, ווען זיי וואָלטן געווען בכוח. אָבער דאָס לעבן איז אַ האַרטער קאַמף. אַ קאַמף פאַרן דאַזיין. די פּעיקע בלייבן נאָר ביים לעבן...

שמואל האָט פאַרבראָכן די הענט: — איך דאַנק אייך, הער ווייגאַנט — די לערע איז מיר שוין באַקאַנט.

— וואָס מיינט איר?

— איך קען עס אייך נישט ערקלערן, איר וועט מיך נישט פאַרשטיין. איך זע, אַז איר זענט אויך אַן אָנהענגער פון הערבערט ספּענסערס טעאָריע. ס׳איז גאַנץ אמת... אָבער פאַר־וואָס געהערט איר צו דער קירכע, פאַרוואָס מאַכט איר אייך פאַר אַ גלויביקן פון כריסטוסעס לערע?

ווייגאַנט איז האַסטיק אויפגעשטאַנען: — גענוג! האָט ער געשריגן — פאַרלאָזט מיין שטוב.

— אָבער, הער ווייגאַנט!

— קיין איין וואָרט נישט מער. געגאַנגען!

און דער שמועס איז פאַרענדיקט געוואָרן.

## VIXX

שמואל האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן, פונדעסטוועגן האָט ער נישט געפילט קיין הונגער. ער האָט זיך נאָר געפילט שוואַך פון צער און יאוש. דער שמועס מיט אַזאַ קאַלטן, אומ־רחמנותדיקן הער, איז געווען פאַר אים די ביטערסטע איבער־לעבעניש. אין שמואלס אויגן האָט ער אויסגעזען ווי די פאַר־קערפּערונג פון שלעכטס, און ער האָט געביסן די ליפּן פון כעס.

ער איז געגאַנגען אַהיים. ביי דער טיר האָט אים באַ־געגנט זאָפיע.

— דאַכט זיך, אַז איר ווילט היינט פרי עסן אָוונט־ברויט.
— פאַרוואָס? — האָט ער געפרעגט נידערגעשלאָגן.
— איר זענט דאָך באַשעפטיקט אין אָוונט אין דער קירכע.
— יאָ,—און דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט:
— היינט איז דאָך אַ זיצונג פון דער קירכע־פאַרוואַלטונג: איך דאַרף אָנצינדן די לייכטער, איך פיל מיך שוין פאַרמאַטערט פון דער קירכע־אַרבעט.
— פאַרמאַטערט פון דער קירכע אַרבעט? — האָט זי געפרעגט מיט שטוינונג.
— יאָ, — און שמואל האָט דערציילט דער פאַרדאגעטער, צעטומלטער משפחה סטידמען זיינע איבערלעבענישן.
זאָפיע האָט אויסגעהערט און געציטערט פון אויפרעגונג:—
און איר זענט געגאַנגען צום הער ווייגאַנט! — האָט זי אויסגערופן פול דרך־ארץ — אָ, שמואל, ווי קעמפעריש איר זענט!
— ער האָט מיך אַרויסגעיאָגט — האָט שמואל געענטפערט מיט פאַרביטערונג. — פאַסטאָר ווינס האָט מיך אויך פאַרלאָזט.
יעצט האָב איך שוין קיינעם נישט, ווער עס זאָל מיר העלפן.
זאָפיע האָט זיך אָנגעהאָנגען אויף אים מיט אירע אָרעמס.
—שמואל, איר האָט נאָך אונדז! מיר וועלן אייך אונטערהאַלטן, נישט אמת, מוטער?
— יאָ — האָט פרוי סטידמען געזאָגט, — אָבער מיט וואָס קאָנען מיר, אָרעמע מענטשן, העלפן?
— און איר האָט נאָך אויך די פריילן גלעדיס — האָט זאָפיע צוגעגעבן.
— פריילן גלעדיס — האָט שמואל איבערגעחזרט, — זי וועט זיך דען אַנטקעגנשטעלן קעגן איר אייגענעם פאָטערס עסקים?
— זי ליבט דאָך אייך, שמואל — האָט זאָפיע געזאָגט— זי ווייסט, אַז איר זענט גערעכט.
— איך דאַרף זי אויסזוכן, כ'האָב איר צוגעזאָגט צו דערציילן דעם שמועס מיט איר פאָטער.

— איך וועל מיט איר רעדן — האָט זאָפיע באַמערקט — זי וועט אייך זיכער העלפן.

איר פּנים האָט געפלאַמט פון אויפרעגונג. שמואל האָט געקוקט אויף איר. צום ערשטן מאָל האָט ער דערזען, אַז זי איז שיין. די ליפּן זענען שוין מער נישט געווען ביי איר איינ־געפאַלן. פון זינט זי עסט מיטאָגן ביי ווייגאַנטן, איז פאַר־שווונדן דאָס בלאַסקייט אויף איר פּנים.

— מוטער, גלייבסטו נישט, אַז פרייליין גלעדיס וועט אונז אויך העלפן? — האָט זאָפיע געפרעגט.

— איך ווייס נישט . . האָט פרוי סטידמען געענטפערט מיט ספק. — ס׳איז שרעקלעך, — פאַרוואָס זאָלן געשען אַזוינע זאַכן?

— האָלסטו דען נישט, אַז שמואל האָט גאַנץ ריכטיק געהאַנדלט?

— איך, אודאי... ס׳איז שווער זיך אַרויסצוזאָגן. דאָס אַלץ קאָן נאָר אָנמאַכן בייז בלוט. פרייליין גלעדיס וועט זיך נאָך דערצערנען און באַזייטיקן דיך פון דער שטעלע.

— מוטער!

ביידע יונגע מענטשן האָבן זיך אָנגעקוקט איבערגעשראָקן. וועגן דעם האָבן זיי נאָך נישט געטראַכט.

— איר דאַרפט נישט מיט איר רעדן, זאָפיע! — האָט שמואל אויסגערופן — איר קענט עס איבערלאָזן פאַר מיר.

— פאַרוואָס זאָלט איר זיך מקריב זיין פאַר אַלע? ווי־באַלד איר קאָנט עס, וועל איך עס אויך קאָנען.

— אָבער, זאָפיע — האָט פרוי סטידמען געוויינט — אויב זי פאַרלירט, חלילה, די שטעלע, דאַן שטאַרבן מיר אַלע פון הונגער!

זיי האָבן זיך נאָכאַמאָל ביידע אָנגעקוקט, פיל שרעק איז געווען אין זייערע אויגן. און דערנאָך האָט שמואל געזאָגט:

— זאָפיע, איך פאַרווער אייך זיך צו מישן!

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיין פאַרווערן איז אומ־

ריסט, פרוי סטידמען האָט עס אויך פאַרשטאַנען, זי איז געווען בלאַס פון שרעק.

שמואל האָט אראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן און גע־אײַלט צו דער קירכע. ער האָט שוין נישט געפילט אין זײַן האַרץ די אַמאָליקע פרייד, ביז יעצט איז ער געווען ביי דער מיינונג, אז ער אַרבעט פאַר גאָט, אָבער יעצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער איז נישט מער ווי אַ שמש ביי די ווייגאַנטס און היקמענס — אָ, תמיד דינט מען צו זיי, וואָס פאַר אַן אַר־בעט מ׳זאָל פאַר זיי נישט טון!

— איר זענט צו שפּעט געקומען — האָט געזאָגט דזשיי־קאָבס, דער אַלטער שמש.

— יאָ, הער דזשייקאָבס.

— פּאַסטאָר ווינס דאַרף מיט אייך רעדן.

שמואלס האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן. טאָמער וויל אים דער פּאַסטאָר פאַרהאַלטן? — וואו איז ער? — האָט ער געפרעגט.

שמואל איז גיך אַהינגעלאָפן צו דעם כריסטוס־שטיבל. ווי ער איז נאָר איבערגעטרעטן די שוועל, איז דער פּאַסטאָר באַלד אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט.-שמואל! צו דער זאַך מוז גע־מען אַן ענדע!

— וועלכע זאַך, הער פּאַסטאָר?

— איר זענט געוואָרן אומערטרעגלעך, איר טרייבט מיך פּשוט צו משוגעת!

— הער פּאַסטאָר, וואָס האָב איך דען אַזוינס געטון?

— מיין שוואָגער איז נישט לאַנג געווען ביי מיר, ער האָט מיר אָפּגעשפּילט אַ שרעקלעכע סצענע, איר האָט אים באַ־פלעקט ביי די גלייביקע.

— הער פּאַסטאָר — האָט שמואל געענטפערט ערשטוינט— איך האָב עס נישט געטון!

— איר האָט עס יאָ געטון, אַלע רעדן שוין פון דעם.

— הער פּאַסטאָר—האָט שמואל פייערלעך געזאָגט,—איך האָב עס נישט געטון. איר האָט אַ טעות. איך האָב אויפגעזוכט

וויגאַנטן, דאָס ווייסט איר דאָך. אַ חוץ דעם האָב איך גערעדט וועגן דעם מיט זאָפיען און פרוי סטידמען — און דערנאָך האָט ער זיך דערמאַנט: — מיט פריילן גלעדיס אויך!

— דאָס איז עס טאַקע! גלעדיס איז היקמענס טאָכטערס אַ שול־חברטע, זי האָט עס איר טאַקע דערציילט. איר וועט עס נאָך אַנדערע אויך דערציילן. מאָרגן וועט מען שוין שמו־עסן וועגן דעם אין דער גאַנצער שטאָט!

— עס טוט מיר טאַקע זייער לייד, הער פאַסטאָר.

— זעט איר, וואָס פאַר אַן אומאַנגענעמלעכקייט איר האָט מיר געמאַכט איך זאָג אייך, שמואל, אַז ווייטער קען עס שוין נישט גיין. איר מוזט אַ סוף מאַכן צו אייערע נאַרישע אידעען און ווייטער טאָן אייער אַרבעט פאַר געהילף־שמש. אויב נישט, מוזט איר פאַרלאָזן די קירכע.

שמואל האָט אים אָנגעקוקט, געציטערט פון אויפרעגונג,

— פאַרלאָזן די קירך? — האָט ער אויסגערופן.

— יאָ.

— ווילט איר טאַקע מיך אַרויסוואַרפן פון דער קירכע?

— יאָ.

— האָט איר רעכט דערצו?

— רעכט? פאַרוואָס נישט?

— איר האָט רעכט מיר צוצונעמען מיין אַרבעט אַלס געהילף־שמש, אָבער נישט מיך צו באַזייטיקן פון דער קירכע.

— שמואל! — האָט דער פאַסטאָר אויסגערופן צערייצט,— בין איך באַלעבאָס פון דער קירכע, צי ניין?

— אמת, אָבער די קירכע איז גאָטס.

זיי האָבן לאַנג געשוויגן. לסוף האָט שמואל געזאָגט: — זאָגט מיר, הער ווינס, האָט כאָטש היקמען געלייקנט אין זיינע פאַרברעכנס?

— איך האָב אים דאָס נישט געפרעגט.

— איר האָט אים אַפילו נישט געפרעגט?—שמואל איז גע־וואָרן שטאַרק געטראָפן:—אייך גייט עס גאָרנישט אָן? — ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און דערנאָך צוגעגעבן: — איך האָב גע

פרעגט ווייגאַנטן און ער האָט זיך מודה געווען אין זיין שולד.

— וואָס?

— יאָ, ער האָט זיך מודה געווען! אונזער גאַנצער שמו־עס איז געווען איין ווידוי. ער האָט מיר געזאָגט, אַז יעדער טוט אַזוי, אויף אַזאַ אופן ווערט מען רייך, אַלע ווילן רייך ווערן. און, אַז איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס ער געהערט צו דער קירכע, האָט ער מיך אַרויסגעוואָרפן מיט אַ געדרונגצלטן פּנים.

הער ווינס האָט אים אויסגעהערט.—און וואָס ווילט איר יעצט טון? — האָט ער געפרעגט לסוף.

— איך ווייס נאָך נישט. איך מוז הער ווייגאַנטן מיט די אַלע אַנדערע אַנטפּלעקן אין זייער אמתער געשטאַלט.

— שמואל! — האָט דער פּאַסטאָר אויסגעשריגן — איז אייך אין אייערע משוגעת נישט איינגעפאַלן אויף אַ רגע, אַז איר זענט מיר שולדיק דאַנקבאַרקייט?

— אָ, הער פּאַסטאָר! — האָט ער פאַרצווייפלט אויפגעהויבן די הענט — דערמאַנט עס גאָר נישט!

— און איך וויל עס אייך יאָ דערמאַנען. איך האָב אייך געראַטעוועט, געהאָלפן אייך, און איר טוט מיר אָן צער.

— הער פּאַסטאָר! — האָט שמואל זיך פאַרטיידיקט, — איך וועל אַלץ אין דער וועלט טון פאַר אייך — איך וועל שטאַרבן פאַר אייך. אָבער פאַרלאַנגט נישט, אַז איך זאָל ברעכן מיינע פליכטן. ווי קאָן איך דאָס?

— טראַכט איר גאָרנישט, אַז די עלטערע און קליגערע מענטשן ווייסן בעסער פאַר אייך?

— די אַלע פאַקטן זענען געווען גאַנץ פאַרשטענדלעך, איר האָט מיר נישט געקאָנט געבן אויף דעם קיין ענטפער, נאָר געהייסן מיך שווייגן.

דער פּאַסטאָר האָט געשוויגן.

— ווען איך בין אָנגעקומען צו אייך, האָט איר מיך גע־לערנט ליבע און ברידערלעכקייט, מקריב זיין זיך פאַרן צווייטן, און איך האָב מיר איינגעקריצט די דאָזיקע ווערטער טיף אין

מיין האַרץ. גאָט איז מיין עדות, אַז איך האָב אַנדערש נישט געטון. איך האָב געפּרוּווט העלפן די אָרימע און אונטערגעדריקטע. ווי אַזוי האָב איך דען געקאָנט וויסן, אַז איר מיינט דאָס אַלץ נישט ערנסט?

— שמואל! — האָט דער פּאַסטאָר אויסגערופן — איר האָט נישט קיין רעכט אַזוי צו רעדן. איך טו וואָס ס׳איז נאָר מעגלעך, איך רעד תמיד וועגן דעם.

— יאָ, אָבער צווואָס נוצט דען אייער פּריידיקן? זאָגט איר דען זיי, די רייכע, וואָס קומען אין דער קירכע אַריין, דעם אמת? זאָגט איר דען זיי: — איר באַרויבט די אָרעמע? איר זענט שולדיק אין דער פֿאַראָרמטקייט פון אונזער שטאָט. — די שולד פאַלט אויף אייערע געוויסנס. איר מוזט אַ סוף מאַכן צו די גנבות און קנעכטשאַפט — צוריקגעבן אייערע פֿאַרמעגנס, וואָס איר האָט צוגעגנבעט ביים פֿאָלק. ניין, דאָס זאָגט איר נישט צו זיי! און איר ווייסט וואָס דאָס הייסט, הער פּאַסטאָר? דאָס הייסט אַז אונזער קירכע ערפילט נישט אירע אויפגאַבן. אַ נייע קירכע מוז אַנטשטיין, אָן אונטערשיד וואו, און ווי אַזוי. לעבן אונז ווערן באַגאַנגען פאַרברעכנס. עס מוז עפּעס אַקעגן דעם געטון ווערן!

אַן אויפגערעגטער האָט ער זיך אָפּגערוקט פון זיין אָרט, אויסגעשטרעקט די אָרעמס: — דאָ ביי אונז, אין לאָקמענוויל, שטאַרבן מענטשן פון הונגער, פון הונגער, פון הונגער! איר פאַרשטייט דער פּאַסטאָר? שטאַרבן פון הונגער!

דער פּאַסטאָר האָט אויסגעשטרעקט די האַנט; — יונגערמאַן, ס׳איז שוין גענוג, מער פאַרטראָג איך שוין נישט!

— וואָס זאָל איך טון, הער פּאַסטאָר?

— לאָזן זיך פון מיר פירן! איך פרעג אייך איינמאָל פאַר אַלע מאָל, זענט איר גרייט צו ענדיקן אָט די אַלע משוגענע שטיק?

— ניין, איך קאָן דאָס נישט! איך קאָן דאָס נישט!

— טאָ, „מוזן מיר זיך שיידן. איך נעם צו ביי אייך אייער שטעלע! און איר פאַרלאָזט די קירכע!

שמואלס אויגן זענען פארלאָפן מיט טרערן; — הער פאַסטאָר, וואַרפט מיך נישט אַרויס, איך פאַל צו אייך צו די קני'.

— איך האָב שוין אַזוי באַשלאָסן — האָט דער פאַסטאָר געענטפערט מיט צעגויפגעבײַלטע פויסטן.

— באַטראַכט וואָס איר טוט! איר פאַרשטויסט אייער אייבעגע נשמה, קערט אייך אָפּ פון אמת.

— געגאַנגען! — האָט דער פאַסטאָר געשריגן.

— באַרעכנט, וואָס איר טוט! אייער טאַט מאַכט אַ סוף צו דער קירכע. ווייסט איר דען נישט, אַז איך וועל מוזן קעגן אייך קעמפן? באַשמוצן אייך? און איך וועל זיגן, ווייל דער אמת האָט זיך אָפּגעקערט פון אייך! באַרעכנט דאָך, וואָס איר טוט, ווען איר פאַרטרייבט דעם אמת.

— קיין וואָרט נישט מער! — האָט דער פאַסטאָר געשריגן צאָרנדיק — איר רעדט פון היץ. געגאַנגען! איך הייס אייך גיין. שוין, יעצט!

שמואל האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טיר און מיט אַ צעבראָכן האַרץ זיך צעוויינט.

## XXV

שמואל איז אַרויס. אין דרויסן איז געווען פינסטער, אָבער ער האָט נישט געקאָנט אַוועקגיין פון דער קירכע — ס'איז אים שווער געווען צו גלויבן, אַז ער זאָל שוין אויף אייביק זיין פאַרשטויסן פון איר. ער האָט זיך אויסגעדרייט, נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען, שטיין געבליבן און שלוכצנדיק באַטראַכט דעם רי־זיקן בנין. שטייענדיק אַזוי האָט ער דערזען אַן אויטאָ צופאָרן צו אַ זייטיק טירל. פון אויטאָ איז ווייגאַנט אויסגעשטיגן און איז אַריין אין דער קירכע. שמואל האָט געקוקט אויף דעם

ראָזיקן בילד און ס'בלוט האָט אים אַ שלאָג געטון אין פּנים. דאָ גילט יעצט דער רייכער מאַן, אַרויסגעפּאָדערט אומבאַשטראָפט, אויף זיין ערנפלאַץ, אין דער צייט, ווען ער, שמואל, דער זוכער פון אמת, איז פאַרטריבן געוואָרען. אַ געפיל פון קאַמף האָט זיך אין אים אָנגעצונדן. ניין, ניין, ער וועט זיך נישט לאָזן פאַרטרייבן: ער וועט קעמפן מיט זיי ביזן סוף. די קירכע געהערט נישט צו זיי! זי געהערט צו גאָט! און ער, שמואל, האָט דאָס פולע רעכט צו געהערן צו איר און איר זאָגן דעם אמת.

אין דעם כריסטוס-שטיבל זענען פאַרזאַמלט געווען די פאָרשטייער און באַטראַכט אַ פלאַן פון אַ היים פאַר פלעגערינס, פלוצלינג האָט מען הויך אָנגעקלאַפּט אין דער טיר, שמואל איז אַריין, מיט ווילדע אויגן, אָן אָטעם.

— מיינע הערן! — האָט ער אויסגעשריגן — איך פאַרלאַנג מיך אויסצוהערן!

פּאַסטאָר ווינס איז אויפגעשטאַנען איבערגעשראָקן:— שמואל פּרעסקאָט!

— מ'האָט מיך פאַרטריבן פון דער קירכע — האָט שמואל ווייטער גערעדט — איך וועל אָבער דאָס נישט דערלאָזן: איך האָב געזאָגט דעם אמת. קיין שום פאַרברעכער פון הייליקן מאַטיאַס וועט מיך נישט צווינגען צו שווייגן.

היקמען איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט: — שוין זאָלט איר פאַרלאָזן דאָס כריסטוס-שטיבל! — האָט ער באַפוילן.

— איך וועל נישט גיין! — האָט שמואל געשריגן. — איך פאַרלאַנג, די פאָרשטייער פון דער קירכע זאָלן מיך אויסהערן — איך האָב דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען! איך האָב געזאָגט דעם אמת, דעם איינציקן אמת!

— וואָס וויל דער פאַרשוין? — האָט געפרעגט איינער פון די פאָרשטייער, דער אַדוואָקאַט האַמערטאָן. שמואל האָט נאָך פריער באַמערקט זיין פריינטלעך געזיכט. יעצט, באַמערקנדיק זיין אינטערעס צו דער זאַך, איז ער צו צו אים, געבעטן: —

דערלאָזט נישט—מ׳זאָל מיך אַרויסטרייבן פונדאַנען, איידער מ׳האָט, מיך נאָך נישט אויסגעהערט.

— איר זאָלט שוין פאַרלאָזן דאָס צימער! — האָט היקמען אויסגערופן נאָכאַמאָל.

— איר האָט אונטערגעקויפט דעם שטאָט-ראַט!—האָט שמואל געשריגן. —אונטערגעקויפט, כדי צו קאָנען באַקומען די קאָנצעס-יעס אויף דער וואַסער-לייטונג! יאָ, ס׳איז אמת. איר אַליין ווייסט אַז ס׳איז אמת, איר פּרוּווט עס צומאָל נישט אָפּלייקענען!

— דאָס איז אַ געמיינער ליגנט! — האָט היקמען געשריגן, רויט פון כעס.

— איך האָב גערעדט מיט איינעם פון די, וואָס האָבן זיך געלאָזט אונטערקויפן — האָט שמואל אויסגערופן — יעדער האָט באַקומען צו צוויי טויזנט דאָלאַר.

— ווי אַזוי הייסט ער, דער דאָזיקער? —האָט היקמען געפרעגט.

— איך קאָן עס אייך נישט זאָגן, כ׳האָב צוגעזאָגט צו האַלטן סוד— האָט שמואל ערקלערט.

— כאַ, כאַ — האָט היקמען געלאַכט — אָט זעען מיר, די געמיין דער בילבול איז.

— דאָס איז אמת — האָט זיך שמואל אַנטקייגנגעשטעלט — פּאַסטאָר ווינס, איר ווייסט דאָך, אַז איך זאָג אמת. צוואָס וואָלט איך דען אויסגעטראַכט אַזוינס?

— איך זאָג אייך אָפן, שמואל, אַז איך האָב מיט דער גאַנצער זאַך קיין שיכות נישט — האָט דער פּאַסטאָר ערקלערט.

— איך בין גרייט יעדן איינציקן פון אייך צוזאַמענצוברענגען מיט יענעם מענטש — האָט שמואל געזאָגט — איר קאָנט עס זיך אַליין דערוויסן. הער ווייגאַנט אַליין האָט געזאָגט, אַז ער האָט אונטערגעקויפט סלעטערין, כדי צו באַקומען די קאָנצעסיע.

יעצט האָט זיך שוין ווייגאַנט אַריינגעמישט. ער האָט אויסגעשריגן: — וואָס?

— אודאי האָט איר אַזוי געטון — האָט שמואל געענטפערט.

— האָט איר עס מיר נישט געזאָגט היינט נאָכמיטאָג?
— איך האָב אַזױנס נישט געזאָגט.
— איר האָט נאָך געזאָגט, אַז אַלע מענטשן טוען אַזױ, אַז ס'איז אומפאַרמיידלעך. איר האָט עס אָנגערופן „קאָנקורענץ פון קאַפּיטאַל".
— דאָס אַלץ איז אַ געמיינער ליגנט — האָט היקמען געשריגן — אַרױס!
— די אָרעמעלייט פון דער שטאָט ליידן און שטאַרבן, זיי װערן באַרױבט און אונטערדריקט. װילאַנג װעט עס אַזױ געדױערן?
— שמואל, דאָ איז נישט דאָס פּאַסיקע אָרט צו רעדן װעגן די זאַכן — האָט דער פּאַסטאָר געשריגן.
— פאַרװאָס עפּעס דאָ נישט, הער פּאַסטאָר? די שולדיקע זענען דאָך די פאַרטרעטער פון דער קירך. זיי באַפלעקן מיט דעם די קירכע פאַר די אױגן פון דער גאַנצער װעלט: און די קירכע איז דאָך גאָטס הױז!
— איר האָט עס שלעכט פאַרשטאַנען, מיין קינד — האָט האַמערטאָן גוטמוטיק צוגעגעבן. ער האָט געפּילט אױף זיך שמואלס בליק.
— פאַרװאָס? האָט דען כריסטוס נישט פאַרטריבן די הענדלער פון דער קירך?
זיין לעצטע באַמערקונג האָט געבראַכט צו אַ פייערלעך שװייגן; יעדער האָט זיך געריסן צום װאָרט.
— מ'האָט דען אונז נישט געלערנט נאָכצוטון כריסטוסן?
— הער פּאַסטאָר? — האָט שמואל געפרעגט.
— נישט אין דעם זינען, שמואל — האָט דער פּאַסטאָר געענטפערט איבערגעשראָקן — כריסטוס איז געװען גאָט, אָבער מיר קאָנען נישט.
— דאָס איז נאָר אַ תירוץ! איר זאָגט, אַז כריסטוס איז געװען גאָט און דערפאַר, דאַרפן מיר נישט טון װאָס ער האָט געהייסן. איך גלייב דאָס נישט. ער איז נישט געװען אַ גאָט. ער איז געװען אַ מענטש, װי איר און איך, ער האָט געליטן

און געהונגערט. די רייכע אין זיין צייט האָבן אים פּאַראַכט, געשפּיגן אים אין פּנים, אים געקרייצט!

יעצט האָט גענומען אַ וואָרט דער חשובער הער קורטיס. ער האָט אויסגעזען ווי אַ גריכישער פּאַטריאַרך: — יונגערמאַן. איר ווערט אייך, מ'זאָל אייך גישט פאַרטרייבן פון דער קירכע- און איר ווייזט אַליין אַז איר זענט אַן אונגלויביקער.

— מעגלעך, אַז כ'בין טאַקע אַן אומגלויביקער, הער קור-טיס — האָט שמואל געענטפערט האַסטיק, — אָבער איך האָב נישט אונטערגעקויפט סלעטערין מיט צוויי הונדערט דאָלאַר, פּאַר קאָנען פאַרשטעלן די גאַס מיט קאַסטנס!

ווייטער האָט שוין קורטיס נישט אָנטיילגענומען אין שמועס.

—די קירכע האָט אויך פאַרטריבן כריסטוסן! — שמואל האָט אויסגעגיצט די אַנטשטייענדיקע בהלה:—דאָס האָבן געטון די רייכע, די הערשער פון דער קירכע. כריסטוס האָט אַנדערש גע-רעדט, ווי איך רעד צו אייך; ער האָט געזאָגט: ווי צו אייך, געלערנטע, פרושים, שווינדלער, עקדישן, קליינע ווערעמלעך! ווי אַזוי וועט איר פון גהינם אַרויס? אָ, ווען כריסטוס וואָלט דאָס אַלץ געזען, וואָלט ער זיכער געווען אויף מיין זייט — און די רייכע פאַרברעכער, די אָנפירער פון דער קירכע, וואָלטן אים זיכער פאַרטריבן. איר האָט אים שוין פאַרטריבן פון זיך! אייערע אויערן זענען טויב פאַר דעם אונטערגעדריקטן. איר האָלט גישט פון יושר און גערעכטיקייט. א י ר  ק ר י י צ ט  א י ם  אַ ל ע  ט אָ ג  פ ו ן  ד אָ ס  נ י י!

— דאָס איז אומדערהערט, דאָס איז גאָטס-לעסטערונג — האָט היקמען געשריגן.

— מען מוז אַ סוף מאַכן מיט אים! — האָט ווייגאַנט אויסגערופן. שמואל האָט געוואוסט, אַז ווייגאַנט האָט דאָ דעם גרעסטן איינפלוס.

— וויל מיך קיינער נישט אויסהערן? — האָט שמואל געוויינט — הער האַמערטאָן, און איר ווילט מיר אויך נישט העלפן?

— וואָס פאַרלאַנגט איר פון אונז? — האָט האַמערטאָן געפרעגט.

— אַז די קירכע-פאָרשטייער זאָלן אויסהערן זײַנע ערקלערונגען. עס מוז איינמאָל פאַר אַלע מאָל פעסטגעשטעלט ווערן, צי פאָרשטייער פון דער קירכע האָבן אונטערגעקויפט דעם שטאָט-ראַט פון לאָקמענוויל. און אויב דאָס וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אמת, מוזט איר פאַרטרייבן די מענטשן פון דער קירכע. נישטאָ קיין אָרט אין דער קירכע, הער האַמערטאָן, פאַר מענטשן, וואָס זייער פאַרלאַנג איז נאָר אונטערצוברענגען און צו באַרויבן אַנדערע! פאַר אַזעלכע מענטשן ווי ווייגאַנט, וואָס זאָגן אָפן, אַז מען מוז אונטערקויפן די געזעצגעבונג, כדי צו קאָנען פאַרדינען מער געלט. אָט די מענטשן באַשמוצן די קירכע, באַשווערן איר צו ערפילן אירע אויפגאַבן, זיי זענען שונאים, וועלכע די קירכע מוז באַקעמפן...

— צו וואָס זענען מיר דאָ אַהערגעקומען? — האָט היקמען געשריגן — כדי אויסצוהערן די דרשות פון אָט דעם פאַרשוין?...

— גייט אַרויס פון דאַנען, שמואל! — האָט דער פאַסטאָר באַפוילן.

— וויל מיר, הייסט עס, קיינער נישט העלפן?

— איך זאָג אייך באַכאַמאָל, אַז איר וועט אויף אַזאַ אויפן גאָרנישט דערגרייכן, גייט אייך!

— גוט! — האָט שמואל אויסגערופן פאַרצווייפלט. — איך גיי, אָבער איך נעם אויף דעם קאַמף, איך וועל אייך פאַר דער גאַנצער וועלט באַשמוצן, אויפדעקן אייערע פאַרברעכנס. דאָס פאָלק מוז אייך זען אין אייער אמתדיקן פרצוף. אָ, איר פחדנים, פאַרפירער, שווינדלער! רויבער פון געזעלשאַפטלעכן האָב און גוטס, שטאָט-פּאָליטיקער!

— אַרויס, דו געמיינער יונג! — האָט היקמען געשריגן און געגאַנגען גלייך אויף שמואלן.

ער האָט געגליט פון צאָרן, געוויזן מיטן פינגער אויף היקמענען: — איר זענט דער ערגסטער פון אַלע! איר, חשובער

אדוואָקאַט, איר, גרויסער פּאָליטיקער! איך האָב שוין געזען די נידעריקסטע באַשעפענישן, געחברט זיך מיט די ערגסטע פאַרברע־כער, מיט גרענעץ־שוואַרצער, גאַסן־פרויען און גנבים — אָבער קיינער פון זיי איז נישט אַזוי אומברחמנותדיק, ווי איר, און זענט מ׳כלומרשט אַ קריסט, פּינקט ווי יענער רוימישער זעלנער וואָס האָט כריסטוסן געשפּיגן אין פּנים!

דערמיט האָט ער פאַרענדיקט, אויסגעדרייט זיך און פאַר־קלאַפּט די טיר, פאַר דער נאָז פון דעם חשובן אַדוואָקאַט.

ער איז אַזוי געגאַנגען איבער די גאַסן, געהאָלט באַהערשן זיין ביטערניש און כעס, ביז ער איז אַהיימגעקומען. זאָפיע איז נאָך נישט געשלאָפן, זי האָט געוואַרט אויף אים. מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם האָט זי אויסגעהערט זיינע איבערלעבענישן און דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— איך האָב אויך געפּרוווט עפּעס צו טון.

— וואָס?

— כ׳האָב אויפגעזוכט די קליינע עטעל.

— עטעל ווינס?

— יאָ, זי איז דאָך אייער פריינדין, איך האָב איר גע־בעטן, זי זאָל זיך באַמיען פאַר אייך ביי איר פאָטער.

— און וואָס איז געווען?

— עטעל האָט געוויינט, זי איז געווען טרויעריק. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען אייך, איר זענט זייער אַ גוטער מענטש. זי וועט זיך באַמיען, איר זאָלט צוריק אַרבעטן ביי איר פאָטער.

— באמת? — האָט שמואל אויסגערופן אומגלויבלעך.

— יאָ, שמואל, אָבער ס׳איז באַלד אָנגעקומען עטעלס פאָ־טער.

— נו. טאָ וואָס איז געווען?

— זי האָט זיך געקריגט מיט מיר, געווען בייז. זי האָט געזאָגט, אַז כ׳האָב נישט קיין רעכט צו דערציילן אַזעלכע ליגנס וועגן איר פעטער. זי האָט מיך נישט געוואָלט אויסהערן, אַרויסגעיאָגט מיך פון שטוב.

זאָפיע איז אַנטשוויגן געוואָרן. לסוף האָט זי געשעפּ

טשעט: —איך האָב גאָרנישט אויפגעטון, מיר מוזן אַליין אָנהייבן אונזער אַרבעט.

## XXVI

שמואל האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן. צו־ערשט האָט זיך אים געדוכט, ווי ער ראַנגלט זיך מיט די קירכע־פאָרשטייער, דערנאָך האָט ער געטראַכט וועגן פריילן גלעדיס. וואָס וועט ער איר דערציילן? די תאווה האָט זיך אין אים אָנגעצונדן, און איידער ס'איז נאָך טאָג געוואָרן, איז ער אויפגעשטאַנען און אַרויס אויף דער גאַס. דורך אַט די אַלע איבערלעבענישן זיינע האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן אָן גלעדיס. שמואל האָט זיך אַליין נישט פאַרשטאַנען. ביז יעצט האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געקענט אַ מיידל, יעצט האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ באַגער. אַן אומבאַקאַנט געפיל האָט אים באַהערשט און מיטגעריסן. אַ פחד האָט אים אַרומגענומען. נאָך דעם ווילדן פלאַם איז געקומען טרויער. שמואל האָט געדורשט צו זיין גלע־דיסן, אָבער באַלד האָט ער דערזען די שטערונגען. ער האָט שוין געגנוג מיט דער ליבע. — אָבער גלעדיס ליבט דאָך אים. דאָס איז דאָך אומגלויבלעך!

נאָך עטלעכע שעה זוכן, האָט ער זי געפונען. זי איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען. מיט לעבהאַפטער נייגעריקייט אויף איר פנים האָט זי אויסגעשריגן: — דערציילט מיר אַלץ, שמואל!

זי האָט אים אויסגעהערט שווייגנדיק, געחידושט זיך: — דאָס האָט איר געזאָגט מיין פאָטער, און היקמענען! און דעם אַלטן קורטיס! שמואל, שמואל!

— אַלץ, וואָס כ'האָב געזאָגט, איז געווען אמת.

— יאָ, — אָבער זאָגן דאָס אַלץ אין זייער געגנוואַרט...

— זיי האָבן מיך פאַרטריבן פון דער קירכע. מעגן זיי דאָס?

— איך ווייס דאָס נישט. אָ, ליבער גאָט, א שײנע מעשה וועט דאָס זיין! וואָס, וועט איר יעצט טון?

— איך ווייס נישט, איך וויל מיט אייך רעדן וועגן דעם.

—וואָס וועט איר טון?

— איך וויל זאָגן דעם פאָלק דעם אמת.

פריילין גלעדיס האָט געוואָרפן אויף אים א האסטיקן בליק: — ביין, שמואל, איר דאַרפט עס נישט טון.

— פאַרוואָס נישט, פריילין גלעדיס?

— ווייל... ווייל עס פאַסט נישט..

— אָבער, פריילין גלעדיס...

— עס וועט נישט זיין פיין, שמואל. ס׳איז פיל בעסער אליין מיט זיי צו רעדן, אזוי ווי איר האָט עס געטון.

— מיט וועמען זאָל איך נאָך רעדן?

— מיר וועלן זיך אדורכשמועסן וועגען דעם.

— דער עיקר איז אייער פאָטער און הער היקמען, אָבער זיי וועלן מיך שוין נישט אויסהערן.

— גאַנץ מעגלעך, אָבער באַדענקט זיך נאָר, וואָס איר האָט שוין געטון!

— וואָס האָב איך דען שוין געטון?

— באַרעכנט, אויף וואָס פאַר אַן אופן איר האָט זיי פאַרשעמט.

— יאָ, אָבער, וואָס פאַר א באַדייט האָט דאָס? זיי האָבן דאָך נאָך. דאָס גאַנצע צוגערויבטע געלט.

אין א ווײלע אַרום האָט שמואל געזאָגט ווייטער: — א שווערע פליכט איז געלייגט געוואָרן אויף מיר און איך מוז עס אויסטראָגן ביזן סוף. איך האָב נאָר מורא, אַז דאָס וועט זיין פאַר אייך אומאָנגענעם. איר וועט נישט וועלן מיט מיר חתונה האָבן.

גלעדיס האָט א ציטער געטון: — חתונה האָבן מיט אייך?

— האָט זי אויסגערופן פאַרחידושט.

— יאָ, — און ער איז, קוקנדיק אויף איר פּנים, אַנט־שוויגן געוואָרן.

— חתונה מיט אייך? — האָט זי איבערגעחזרט מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע.

זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט שווייגנדיק: — אָבער שמואל! — האָט זי אויסגערופן.

— פרײַלן גלעדיס — האָט ער געזאָגט שטיל — איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר האָט מיך ליב.

—יאָ, אָבער... און זי האָט אַ ביס געטון די ליפּן, —דאָס איז שוין צו פיל!

— פרײַלן גלעדיס!

— שמואל, מיר זענען געווען צוויי נאַרישע קינדער, יעצט מוז מען קליגער ווערן.

שמואל האָט טיף אָפּגעזיפצט.

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט – האָט זי געזאָגט, — אַז איר מיינט עס אויף ערנסט...

— איר... איר ליבט מיך נישט?

— מעגלעך, אַז איך ליב אייך. איך ווייס אַליין נישט. אָבער מ׳האָט נישט חתונה מיט דעם, וואָס מ׳האָט ליב.

שמואל האָט אויסגעשטאַרצט אויף איר די אויגן:

— כ׳האָב געמיינט, אַז מיר שפּילן זיך, כ׳בין געווען זי־כער, אַז איר וועט עס פאַרשטיין. מיר האָבן אפשר טאַקע אָפּ־געטון אַ נאַרישקייט.

— אַז מיר שפּילן זיך נאָר... —האָט שמואל אַרויס גע־שעפּטשעט מיט מאַטערניש.

— איר נעמט אַלץ באַלד אַזוי ערנסט. איר האָט באמת נישט געהאַט קיין רעכט דערצו...

— פרײַלן גלעדיס! — האָט ער אויסגעשריגן. ווייטאָק און פּײַן איז געווען אין זײַן שטימע. זי האָט געקוקט אויף אים מיט שרעק.

— איר ווייסט כאָטש, וואָס איר האָט מיר אָנגעטון?

—שמואל — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטערנדיק קול, --

איך בין אויסערגעוויינלעך ערשטויגט און שרעקלעך געטראָפן. איך האָב נישט געוואוסט... איר מוזט קליגער ווערן, איידער ס'ווערט שפעט.

— איך ליב אייך! — האָט ער אויסגעשריגן מיט ווייטאָג.

— יאָ — האָט זי געענטפערט מיט אויפרעגונג, — גאַנץ שיין פון אייך. אָבער פאַרגעסט נישט...

— איר... איר האָט געלאָזט אייך קושן, פריילן גלעדיס! געלאָזט אויף אַזאַ אופן מיר טראַכטן וועגן אייך... וואָס האָב איך געזאָלט טון? ווי אַזוי האָב איך עס געדאַרפט פאַרשטיין? איך, וואָס האָב נאָך קיינמאָל נישט געליבט. און איר... האָט מיך צוגעצויגן מיט אייער רייץ...

— שמואל, איך ערלויב אייך נישט אַזוי צו רעדן — האָט זי אים איבערגעריסן. — איך קאָן דאָס נישט אויסהערן. ס'איז געווען אַ מיספאַרשטענדעניש, איר מוזט פאַרגעסן וועגן אַלץ. גייט אַוועק פונדאַנען, מיר באַדאַרפן זיך שוין מער נישט זען...

— פריילן גלעדיס! — האָט שמואל אויסגערופן איבערגעשראָקן.

— יאָ, איר מוזט גיין...

— איר טרייבט מיך אַרויס! ווי קאָנט איר דאָס טון? באַטראַכט נאָר, וואָס איר האָט געמאַכט מיט מיר!

— שמואל! — האָט גלעדיס אויסגערופן צאָרנדיק — אייער אויפפירן זיך איז אומערטרעגלעך. איר האָט נישט געהאַט דאָס רעכט... צו גלייבן אין אַזעלכעס. ווי קאָנט איר פאַרגעסן אין אייער לאַגע?

ער האָט אַ ציטער געטון: — מיין לאַגע? — האָט ער געשטאַמלט מיט מאַטערניש.

— יאָ.

— אָ, איך זע שוין, איך זע שוין אַלץ. מיין לאַגע, דאָס הייסט, דאָס, וואָס איך האָב נישט קיין געלט.

— שמואל, ווי קאָנט איר דאָס זאָגן? נישט אין דעם האַנדלט זיך עס, גייערט...

— אָט האַנדלט זיך טאַקע וועגן דעם און נישט עפּעס אַנדערש. איך בין אָרעם, אומבאַהאָלפן. איר האָט געזאָגט, אַז איר ליבט מיך און איך האָב אייך געגלייבט. איר זענט שיין, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איר זענט אויך גוט. איך האָב זיך געבוקט צו דער ערד, וואָס אייערע פּיס האָבן באַרירט. געטון פאַר אייך אַלץ, געווען גרייט צו שטאַרבן פאַר אייך. אַ גאַנצן טאָג האָב איך געחלומט וועגן אייך. אַלץ, דאָס גאַנצע גוטע און שיינע האָב איך געזען אין דעם, חלום. און יעצט... יעצט זאָגט איר מיר, אַז איר האָט זיך נאָר געשפּילט מיט מיר! גע-דינט אייך פאַר אַ שפּילעכל, ווי אַלע אַנדערע אָרעמע מענטשן.

— שמואל!

— יאָ, איך בין געווען פאַר אייך דאָס זעלבע, וואָס די קינדער אין דער שפּינערײַ זענען פאַר אייער פאָטער, אַזוי ווי די פאַרפּירטע פאַר אייער קוזין. איר האָט געמאַכט מיט מיר דאָס זעלביקע, וואָס איר מאַכט פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט, וואָס אייערע הענט באַרירן.

גלעדיס איז רויט געוואָרן פון כעס: — ווי וואַגט איר אַזוי צו רערן צו מיר?

— איך בין דרייסט יעדן איינציקן צו זאָגן דעם אמת. דאָס איז דער אמת וועגן אייך, איר זענט די זעלבע, וואָס אַלע פון אייער קלאַס. איר זענט פּאַראַזיטן, בלוטזויגער – פאַרשלינגט דעם אַנדערנס לעבן. און איר אַליין זענט ערגער פאַר זיי אַלע, ווייל איר זענט אַ פרוי. איר זענט שיין – און דערפאַר האָב איך געמיינט, אַז איר זענט אויך גוט. אָבער אייער שיינקייט באַנוצט איר פאַר אַ געץ – צו פאַרטיליקן דאָס לעבן פון מענער.

—שמואל, שווייגט!

— איך וועל נישט שווייגן. איר מוזט מיך אויסהערן, איר האָט מיך באַוואוסטזיניק געגרייצט, געוואָלט זיך פריילעך מאַכן איבער מיר, זען, וואָס איך טו. איר האָט קיין איינמאָל נישט געטראַכט וועגן מיינע רעכט און אומרעכט, וואָס איר מאַכט מיר. יעצט

איז פֿאַר אײַך אַלץ איבעריק, איר הייסט אַ סוף מאַכן. איר רעדט וועגן מײַן „לאַגע". צו וואָס לעב איך אויף דער וועלט, — כּדי צו זײַן פֿאַר אײַך אַ שפּילעכל? צו וואָס לעבן דען די אַרבעטער, גרינגער צו מאַכן אײַער מידקייט, צו פֿאַרזיכערן אײַערע אוצרות און שיינקייט? און די אָרעמע קינדער לעבן דען נישט בלויז צו דעם, צו וועבן טײַערע קליידער פֿאַר אײַערטוועגן? און איר, — וואָס טוט איר פֿאַר זיי, מיט וואָס באַצאָלט איר זיי פֿאַר זייער שטענדיק פֿאַראומערט לעבן, פֿאַר זייער אַרבעט און לײַדן?

— שמואל פּרעסקאָט! — האָט זי אויסגעשריען — איך וויל שוין מער נישט הערן!

— דאָס זעלבע האָט געזאָגט אײַער פֿאָטער, אײַער קוזין! און דער הער פּאַסטאָר! איר קאָנט באַפֿעלן אײַערע דינער, ער זאָל מיך אַרויסוואַרפֿן, — אָבער איך זאָג אײַך, אַז מיט דעם נעמט עס נאָך נישט קיין סוף! מיר וועלן געפֿינען מיטלען און וועגן ווי אַזוי אײַך בײַצוקומען. דער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט אייביק זײַן בײַ אײַך פֿאַרשקלאַפֿט. זיי וועלן נישט אייביק מקריב זײַן זייערע לעבנס, פֿאַר אײַערע וואוילטאָגן און לוקסוס. איר זענט געבוירן געוואָרן גליקלעך, פֿון דער ערשטער מינוט אָן פֿון אײַער לעבן האָט איר אַלץ, וואָס אײַך גלוסט זיך. און איר זענט זיכער, אַז ס'וועט שוין תּמיד אַזוי זײַן, אַז אַנדערש קאָן נישט געשען! אָבער איך זאָג אײַך, אַז ס'וועט אַ סוף נעמען צו דעם, מיר זענען שוין גענוג באַרויבט און באַשפּיגן געוואָרן. מיר וועלן קעמפֿן! מיר וועלן זיך נישט לאָזן אייביק פּײַניקן!

פּלוצלינג האָט ער איבערגעריסן זײַן ווילד שרײַען. ער האָט געקוקט איבערגעשראָקן פֿאַר זיך — יעצט איז פֿאַר אים אַלץ קלאָר געוואָרן. דאָס איז דאָך פֿרײַלן גלעדיס, צו איר האָט ער דאָך אַזוי גערעדט. טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלז, ער האָט באַדעקט ס'פּנים מיט די הענט, אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. און ער איז אַרויס.

ווי אַ ווילדע חיה איז ער געלאָפֿן איבער די גאַסן, האַלב משוגע פֿון כּעס האָט ער געזוכט אַ באַהעלטעניש. לויפֿנדיק אַזוי

האָט ער אַרויסגעצויגען אירע בילדלעך, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין האַרץ, צעריסן זיי אויף קליינע שטיקלעך און געוואָרפן איבער ווינט.

## XXVII.

אַז זאָפיע איז ביינאַכט אַהיימגעקומען, איז שוין שמואל געווען כאַרויקט. ער האָט איר דערציילט וועגן היינטיקן טאָג מיט אַ הויכער שטימע — דאָס איז גוט געווען, ווייל ער האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז זאָפיע זאָל עס אַזוי טראַגיש אויפנעמען. פאַר שמואלן איז גלעדיס געווען איינס פון זיינע טרוימען, וואָס זענען צעריגען געוואָרן, אָבער פאַר זאָפיען איז עס געווען דער איינציקער. דאָס אָרעמע מיידל האָט געהאַט דאָס גרעסטע גליק אין איר לעבן — צו אַרבעטן פאַר גלעדיסן. און דאָ האָט זי זיך אַזוי פיינלעך אַנטוישט. ווען שמואל האָט איר אַלץ דערציילט, האָט ער זיך איבערגעשראָקן. ער האָט זי אַרומגענומען — הערט מיך אויס, זאָפיע, מיר דאַרפן נישט פאַרגעסן אונזער הייליקן חוב!

— איך קאָן שוין מער נישט צוריקגיין צו איר — האָט זאָפיע געקלאָגט: — כ'וועל שטאַרבן, ווייבאַלד כ'וועל איר ווידער זען.

— נישט דאָס מיין איך — האָט שמואל האַסטיק געענטפערט, כדי איר אָראָפּצופירן פון דעם געדאַנק — איר טאָרט נישט פאַרגעסן אין אייערע אויפגאַבן, איר מוזט מיר העלפן.

ער האָט איר דערציילט וועגן דעם קאַמף, וואָס ער הויבט אָן מיט דער סאַנקט-מאַטיאַס-קירכע: — עס טאָר נישט דערוועקן ביי אונז דאָס געפיל פון האַס — האָט שמואל ערקלערט, — אַז ס'איז שלעכט צו באַצאָלן מיט פערזענלעכע שנאה.

— ווי אַזוי קאָנען מיר דאָס — האָט זאַפיע געפרעגט.

— ס׳איז שווער, איך ראַנגל זיך מיט מיר אַליין. מיר דאַרפֿן זיי נישט האַסן. זיי האָבן געטון שלעכטס — אָבער זיי ווייסן עס נישט. זיי זענען זינדיקע באַשעפֿענישן פּונקט ווי אַלע אַנדערע.

— זיי זענען רשעים, עגאָיסטן.

— איך האָב דאָס אַלץ איבערגעקלערט, אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אָן אויפֿהער. איך וויל דערוועקן ביי מיר דאָס גע־פֿיל פֿון רחמנות פֿאַר זיי. זיי זענען באַגאַנגען אַקעגן מיר אַן אומרעכט. אָבער זייער שטראָף וועט זיין פֿיל גרעסער.

— אָ, ווי גוט איר זענט, שמואל!

ער האָט דערפֿילט אַ שטאָך אין זיין האַרץ, די זעלבע ווערטער האָט ער אויך געהערט פֿון גלעדיסן.

— אָט צו דעם אַלעם מוז איך זיין ערלעך צו זיך אַליין, נאָר דעמאָלט קאָן איך אָנהייבן דעם קאַמף מיט די מענטשן, ווען כ׳וועל נישט פֿילן דערביי פּערזענלעכע שנאה.

— וואָס ווילט איר טון?

— איך וועל דערציילן דאָס אַלץ דער געמיינדע. אויב זיי וועלן זיך נישט אינטערעסירן מיט דעם, וועל איך זיך ווענדן צום פֿאָלק.

— אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן?

— איך וועל צונויפֿרופֿן אַ פֿאַרזאַמלונג. זעט — דאָס האָב איך אָנגעשריבן!

ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ בויגן פּאַפּיר, באַשריבן מיט גרויסע אותיות:

**צו דער געמיינדע פֿון סאַנקט־מאַטיאַ**

אין דער קירכע הערשט שווינדל. די קירכע פֿאָרשטייער האָבן אונ־טערגעקויפֿט דעם שטאָט־ראַט. זיי האָבן באַרויבט דאָס פֿאָלק. די קירכע־פֿאַרוואַלטונג, אַנשטאָט אויסצוהערן מיינע ערקלערונגען, האָבן מיך נאָך פֿאַרטריבן פֿון דער קירכע. איך אַפּעליר צו אייך. דעם קומענדיקן מיטוואָך אַכט אַ זייגער אָוונט וועל איך אויפֿן פּלאַץ אַקעגנאיבער דער קירכע אָפּהאַלטן אַ פֿאַרזאַמלונג און דעמאָלט וועל איך שוין זאָגן אַלץ וואָס איך ווייס.

שמואל פּרעסקאָט.

—וואָס וועט איר טון מיט דעם? — האָט זאָפיע געפרעגט.

— אָט דעם דאָזיקן אויפרוף וועל איך אָפּדרוקן אויף קליינע צעטעלעך און נאָך היינט נאָך די תּפילות וועל איך עס פונאַנדערטיילן צווישן עולם.

— אָ, שמואל!

— איך מוז עס טון.

— אָבער, שמואל, אַלע מענטשן וועלן דאָך קומען הערן, — די גאַנצע שטאָט.

— אַזוי מוז עס זיין. איך האָב ני ט קיין געלט צו דינגען אַ זאַל: און אין דער קירכע וועלן זיי מיך נישט לאָזן רעדן.

— און די אויפרופן קענען באַלד געדרוקט ווערן?

— איך ווייס דאָס נישט, איך מוז עס זיך דערוויסן.

זאָפיע האָט אַ פּאַטש געטון מיט די הענט: — איך ווייס שוין! פרידריך ברעמער פאַרמאָגט א קליינע זעצעריי!

—וואָס?

— יאָ. זיין פאָטער פלעגט זיך אַמאָל פאַרנעמען מיט דרוקן, זיי וועלן אונז שוין זאָגן, ווי אַזוי מען מאַכט דאָס.

זיי האָבן זיך נישט דערוואַרט אויפן עסן און זיי זענען אַוועק צו די ברעמערס. פאַרחידושט האָבן זיי אויפגענומען שמואלס איבערלעבענישן. פרידריך האָט געפלאַמט פון כּעס, דאָס רויטע פּנים פון אַלטן יאָהאַן איז נאָך רויטער געוואָרן.

— מיין גאָט! — האָט ער אויסגערופן — איך בין אויך אַמאָל געווען דער זעלבער.

— און איר וועט מיר העלפן דרוקן? — האָט שמואל געפרעגט.

— מיט פאַרגעניגן. איך וועל עס אַליין טון. צו וואָס דען בין איך געווען אַ קאָמונאַר?

זיי זענען ביידע אַוועק אויף דעם קליינעם בוידעם־שטיבל. דאָרט האָט זיך געפונען די זעצעריי. די פּרעס איז פאַרשטויבט געלעגן צווישן פאַרשידענע שמאַטעס: — איך אַליין ארבעט מיט דעם — האָט ערקלערט דער טעפּיך־צייכענער — אָבער ווען כ'בין דאָ אָנגעקומען האָט מען מיר געשטערט זי צו באַנוצן.

שוין צוויי יאָר, ווי איך באַזוך נישט די ראַיאָן־פאַרזאַמלונגען.

— וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונגען? — האָט שמואל געפרעגט.

איך בין אַ סאָציאַליסט — האָט ברעמער געזאָגט.

שמואל האָט זיך איבערגעשראָקן. מעג ער זיך באַנוצן מיט דער הילף פון אַ סאָציאַליסט?

פרידריך האָט צוזאַמענגעלייגט די אותיות און דער פאָטער האָט געלייענט דעם אויפרוף.

— איר מוזט דאָ מאַכן מער אָפּזאַצן און אויסרוף־צייכנס, דעמאָלט וועט עס פלייסיק געלייענט ווערן.

— זיי וועלן עס שוין לייענען! — האָט פרידריך צוגעגעבן מיט כעס.

— אויף וואָס וועלן מיר עס דרוקן? — האָט דער פאָטער געפרעגט. די קינדער זענען אַראָפּ אינטן און באַלד זיך אומגעקערט מיט ווייס פאַפיר און ברוין פאַק־פאַפיר. דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעזעצט אויף דער פאָדלאָגע, און עס צעשניטן. פרידריך האָט דערווייל צוזאַמענגעשטעלט דעם זאַץ. אויף אַזאַ אופן איז געדרוקט געוואָרן שמואלס ערשטער מאַניפעסט.

— און איר וועט קאָנען האַלטן אַ רעדע? — האָט פרוי ברעמער זיך געפרעגט — איר וועט זיך נישט שרעקן?

— איך מיין, אַז נישט — האָט שמואל געענטפערט ערנסט — איך וועל נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס כ'האָב צו זאָגן.

אַז שמואל מיט זאָפיען האָבן זיך צוריקגעקערט, איז שוין געווען שפּעט. זיי האָבן געטראָגן ביי זיך, זאָרגפעלטיק פאַרפאַקט דריי הונדערט רעוואָלוציאָנערע פלוגבלעטלעך. זיי זענען געווען שטאַרק אויפגערעגט, אַז זיי האָבן אַפילו פאַרגעסן אין גלעריסן.

אָבער ווען ער האָט געפרווט אַנטשלאָפן ווערן, האָט זיך גלעדיס בילד געשטעלט פאַר זיינע אויגן, די צעשטערטע האָפענונגען האָבן זיך געוועקט ביי אים. וואָס פאַר אַ נאַר ער איז דאָס, ווי אומזיניק עס זענען געווען אַלע זיינע טרוימען! ער איז ווידער נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, ערשט באַגינען איז ער אומרויק אַנדרימלט געוואָרן. ער האָט געמוזט איינהאַלטן זיין

אומגעדולדיקייט ביז עלף אזייגער, ווען ס׳׳עלן זיך אָנהייבן די תפילות. זאָפיע האָט געוואָלט מיט אים מיטגיין, טיילן זיך מיט דער געפאַר, אָבער ער האָט עס איר פאַרווערט. אמת, טאָקע, אז ער וועט נישט באַוויזן אַרייַנצושטעקן יעדן אייַנציקן אין דער האַנט אַריין אַזאַ אויסרוף, אָבער אַנדערש קאָן עס נישט זיין. איינער וועט שוין דערציילן דעם אַנדערן. אַ שעה פאַרן ענדיקן די תפילות האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגנאיבער דער קירכע. ס׳האַרץ האָט ביי אים האַסטיק געקלאַפּט. ס׳איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט געווען אַ מערדער אָדער באַמבען־וואַרפער. איינדרויסן איז געווען וואַרעם, דורך דער אָפענער טיר האָט ער געהערט די תחנונימדיקע שטימע פון פאַסטאָר ווינס. די קלאַנגען פון אָרגל האָבן אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט ליב געהאַט די מוזיק פון אָרגל, אָבער יעצט טאָר ער זי נישט הערן.

ענדלעך איז דער כאָר אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט באַטראַכט זיין אָרט. דער ערשטער האָט פאַרלאָזט די קירכע דער באַטספּאָרכטיקער הער קורטס.

— איר וועט דאָס נעמען, הער? — האָט שמואל געפרעגט, דאָס האַרץ האָט ביי אים געקלאַפּט. קורטיס האָט זיך אָפּגעווישט דעם נאַסן שטערן, ער איז צוריקגעלאָפן, איבערגעשראָקן פאַרן דערזעענעם געשפּענסט: — יונגערמאַן, וואָס טוט איר דאָ?

— האָט ער אויסגערופן. אָבער שמואל איז שוין געווען וויטער, ער האָט ווייטער פאַרטיילט די אויפרופן צווישן עולם. ער האָט זיך נישט גענאַרט. דער אויפרוף איז געלייענט געוואָרן, דער אַרויסגייענדער עולם האָט כסדר געשטרעקט די הענט נאָך די אויפרופן. זיי זענען שטיין געבליבן, געלייענט און געשמועסט צווישן זיך. אַזוי האָט ער פאַרטיילט ביז צוואַנציק אויפרופן, באַלד זענען אָנגעקומען די קירכע־פאַרשטייער און געשטערט אים דאָס ווייטערע טיילן.

— דאָס איז אַ געמיינהייט! — האָט קורטיס געשריגן, ער האָט געוואָלט אָנכאַפּן שמואלן ביים אַקסל, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעריסן, פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ ווינקל, צו אַ זייטיקער

טיר, וואו עס זענען אַרויס מענטשן: — גנעמט און גיט אַ צווייטן צו לייענען! אויף אַזאַ אויפן האָט ער באַוויזן צו פאַרטיילן אומ-געפער נאָך פערציק אויפרופן. מיט גרויסע פאָרזיכטיקייט איז ער נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צו דער פאָדערשטער טיר, געשטופּט די אויפרופן אין די אויסגעשטרעקטע הענט: — גיט אַ צווייטן צו לייגען — האָט ער געשריגן מיט אַ פעסטער שטים — די פאַרברעכער מוזן פאַרטריבן ווערן פון דער קירכע.

פלוצלינג האָט זיך פון דעם גאַנצן עולם אַרויסגעריסן האַמערטאָן, זיין רויט פּרצוף האָט געגליט, געסאַפּעט.

— שמואל! — האָט ער געשריגן, און געוואָרפן זיך אויף אים — ס'וועט נישט זיין אַזוי!

— עס מוז אַזוי זיין! — האָט שמואל געענטפערט.—לאָזט מיך אָפּ. שלאָגט מיך נישט! —זיין שטימע האָט געקלונגען פול שרעק — גנבים זענען פאַרהאַן אין כריסטוסעס הויז.

און ראַנגלענדיק זיך אַזוי, האָבן די אויפרופן זיך צעזייט אויף דער ערד. האַמערטאָן האָט זיך אַראָפּגעבויגען, געוואָלט אויפהייבן זיי, אָבער שמואל האָט אים אָפּגעשטופּט, אַנטרונען געוואָרן צו אַ זייטיקער טיר. אויסגעשטרעקטע הענט האָבן זיך געמאָנט דעם אויפרוף, ער האָט זיי אַלע צעטיילט. אָבער שמואל האָט געוואָלט אויך באַוואוסט מאַכן די איבעריקע, וואָס האָבן די לעצטע פאַרלאָזט די קירך, ער האָט אויפגעהויבן די הענט אינדערהייך און הויך אויסגערופן:

-- אין דער פאַרוואַלטונג פון דער סאַנקט-מאַטיאַס-קירכע זיצן פאַרברעכער, זיי האָבן אונטערקויפט דעם שטאָט-ראַט אין לאָקמענווויל. איך וועל דאָס אַלץ דערציילן אויף אַ פאַרזאַמלונג, וואָס וועט פאַרקומען מיטוואָך אַכט אָוונט אויפן פּלאַץ אַקעגן-איבער דער קירכע.

דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט, אָפּגעשטופּט די האַנט פון אַ צאָרנדיקן גלויביקן, וואָס איז געווענדעט געווען צו אים און ווי אַ הירש איז ער געלאָפן לענג אויס מיט דער גאַס.

יאָ, ס'איז אים געלונגען צו אַפּעלירן צו די מתפללים פון דער סאַנקט-מאַטיאַס-קירך.

## XXVIII

נר איז אהיימגעבאגען אַ פאַרסאַפעטער, גרייט צו דער־
ניילן זאָפיען אַלץ. באַלד זענען אויך אָנגעקומען די ברעמערס־
ווי האָבן אים דערזען פון דערווייטנס, און שמואל האָט געמוזט
נאָכאַמאָל איבערחזרן זיינע איבערלעבענישן.

דערנאָך האָט אים יאָהאַן אָנגעזאָגט אַ טרויריקע ידיעה —
איר מוזט האָבן אַן ערלויבעניש אויף דער פאַרזאַמלונג.

— אַן ערלויבעניש? פון וועמען?

— פון דער פּאָליציי. אָן אַן ערלויבעניש קאָן נישט אָפּ־
געהאַלטן ווערן קיין עפנטלעכע פאַרזאַמלונג.

— וואו באַקומט מען אַזאַ ערלויבניש?

— איך מיין, אַז אין פּאָליציי־צירקל.

ער האָט נישט געהאַט קיין גרויסן חשק צו די [illegible]
אין זיין באַקאַנטן פּאָליציי־צירקל, אָבער צוליב דער הייליקייט
פון דער זאַך איז ער גרייט געווען צו גיין אין פייער אַריין.
אויף צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער זיך גרייט געמאַכט אין
וועג אַריין. ער האָט באַגלייט זאָפיען צו די ווייגאַנטס, און
דערנאָך צוריקגעגאַנגען אַ שטיק וועג.

ביים שרייב־טיש איז געזעסן אַ פרעמדער פּאָליציי־באַאַמ־
טער, אַ אירלענדער.

— ביטע, הער — האָט שמואל געזאָגט — קאָן איך נישט
באַקומען דאָ אַן ערלויבעניש?

— צו וואָס?

— אויף אַ פאַרזאַמלונג אויף דער גאַס.

— וואָס פאַר אַ פאַרזאַמלונג?

— איך... איך דאַרף עפּעס זאָגן דער באַפעלקערונג.

— איר דאַרפט עפּעס זאָגן דער באַפעלקערונג? — האָט
דער פּאָליציי־באַאַמטער איבערגעחזרט און גלייך געפרעגט:

— ווי אַזוי הייסט איר?

— שמואל פּרעסקאָט.

דער פּאָליציי־באַאַמטער האָט אויסגעשטאַרצט די אויגן:— איר זענט דאָס דער פּאַרשוין?

— וואָס מיינט איר?

— דער שעף דאַרף מיט אייך רעדן.

שמואל איז אָפּגעפירט געוואָרן אין קאַבינעט פון שעף. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם ה׳מעק קולאַף. אַ רויט פּנימדיקער, איז ער געזעסן ביים שרייב־טיש. ווען ער האָט דערזען שמואלן, איז ער אויפגעשטאַנען: — יונגערמאַן, איר האָט דאָך צוגע־זאָגט צו פאַרלאָזן די שטאָט.

— ניין.

— וואָס? — האָט דער פּאָליציי־ שעף געשריגן.

— ניין, הער! סוויפט האָט דאָס צוגעזאָגט.

— און וואָס האָט איר זיך מתחיב געווען?

— איך האָב צוגעזאָגט קיינעם נישט צו דערציילן וועגן.. וועגן אַלבערטן. איך האָב מיין צוזאָג געהאַלטן.

— איך האָב געהייסן סוויפטן, ער זאָל אייך אַרויספירן פון דער שטאָט. פאַרוואָס זענט איר נישט אַוועק מיט אים?

— ער האָט נישט... — שמואל האָט זיך פאַרהאַקט. ער האָט דאָך צוגעזאָגט סוויפטן צו האַלטן סוד.

— ווייטער!

— איך ... איך קאָן נישט זאָגן.

— וואָס? — האָט דער פּאָליציי שעף זיך געצאָרנט. איר ווילט פאַר מיר באַהאַלטן? איר מיינט, אַז איך ווייס נישט אַז סוויפט איז נאָך דאָ ביי אונז אין שטאָט, און איר האָט געאַרבעט מיט אים צוזאַמען?

— ניין, ניין. — האָט שמואל געשריגן איבערגעשראָקן.

— זאָגט נישט קיין ליגנס, איך קען אייך גוט, איר יונגער גנב!

אַ לאַנגע ווײַלע האָט ער געקוקט אויף אים ווילד: — און איר האָט נאָך די חוצפה דאָ אַהערצוקומען. וואָס ווילט איר אייגנטלעך דאָ?

— איך ... איך וויל האַלטן אַ פאַרזאַמלונג.

— ווער האָט דאָס אייך געגעבן דאָס רעכט אַרויסצורופן אומרועז אין שטאָט?

— קיינער נישט. דערפאַר בין איך טאַקע אַהער געקומען.

— חוזקט בעסער נישט פון מיר!

אָבער שמואל האָט נישט געמיינט צו חוזקן, ער האָט איינגאַנצן געציטערט. דער פּאָליציי שעף איז געשטאַנען איבער אים, ווי אַ ווילדע חיה. זיין רויט פּנים האָט אויסגעדריקט ווילדן צאָרן.

— הערט אויס, יונגערמאַן, מיר וועלן איינמאָל פאַר אַלע־מאָל אַ סוף מאַכן דערמיט. איר באַקומט נישט קיין ערלויבעניש צו האַלטן רעדעס אין לאָקמענוויל. פאַרשטאַנען?

— יאָ, הער.

— און איר וועט נישט אָפּהאַלטן קיין שום פאַרזאַמלונג! פאַרשטאַנען?

— אָבער... אָבער — האָט שמואל געשטאַמלט.

מעק־קולאַף האָט געדרייט מיטן פינגער, פעסט באַרירט שמואלס נאָז: — איר וועט נישט האַלטן קיין רעדעס, נישט אויף דער גאַס, און קיינמאָל שוין נישט אין אונזער שטאָט! געדענקט, איר וועט אייך פאַרשאַפן דערמיט אומאָנגענעמלעכקייט. און אויב איך וועל זיך דערוויסן, אַז איר האָט ווידער געטיילט אויפרופן איבער די גאַסן, — דעמאָלט וועט שוין קומען אייער שעה, וואָס איר וועט דאָס אַלץ באַדויערן. דאָס איז עס אַלץ, יונגערמאַן, פאַרשטאַנען?

— איך פאַרשטיי.

— גוט. און ווען איר ווילט מיך אַזוי פאָלגן, טאָ פאַרלאָזט לאָקמענוויל מיטן באַלדיקסטן צוג, ווייזט נישט דאָ מער אייער פּרצוף. יעצט גייט!

שמואל איז געגאַנגען מיט שטילן פּחד לענג אויס מיט דער גאַס. זיי האָבן, הייסט עס, אָנגערייצט די פּאָליציי אויף אים.

נישט געקוקט אויף דעם, וועט ער דאָך האַלטן זיין רעדע. ער וועט זיך נישט איבערשרעקן פאַר דעם אַלעם. אָבער ער

האָט באַלד געזען, ווי ווייט קאָמפּליצירט דאָס אַלץ איז געוואָרן. ווען די פּאָליציי זאָל אים אַזוי אַרעסטירן, איידער ער וועט נאָך באַוויזן צו זאָגן דעם פּאָלק, וואָס ער וויל, דעמאָלט ווערט זיין גאַנצער פּלאַן צו גאָרנישט.

ער מוז זיך מיט וועמען עצהנען וועגן דעם. שמואל האָט געאיילט צו דער טעפּיך־פאַבריק. ער איז אַריין אין דעם קליינעם צימערל, וואו עס זענען געזעסן די ברעמערס ביי צייכנברעטער און פאַרבן.

— אַזוי! — האָט—דער אַלטער יאָהאַן געזאָגט: — מען וויל אייך צוהאַלטן ס׳מויל!

— און איר מיינט, אַז דאָס וועט זיך זיי איינגעבן?

— אודאי נישט. אונז, סאָציאַליסטן, איז שוין לאַנג פאַר־ווערט צו פאַרזאַמלען זיך אויף דער גאַס. מיר דאַרפן שוין פון לאַנג פירן מיט זיי אַ קאַמף. — ער האָט אָנגעטון זיין מאַנטל: — קומט, מיר וועלן גיין צו טאָם עווערלי.

— ווער איז דאָס דער טאָם עווערלי? — האָט שמואל געפרעגט.

— דאָס איז אַן אַדוואָקאַט, ער וועט אייך שוין געבן אַן עצה. אַ חוץ דעם איז ער סעקרעטאַר פון אונזער פאַרטיי־ראַיאָן.

— אַ סאָציאַליסט! — האָט שמואל אויסגערופן מיט שרעק: — שוין ווידער מיט די סאָציאַליסטן!

עווערלי איז געזעסן אין זיין ביוראָ, וואָס האָט זיך גע־פונען אויף זייער אַ ווייטער גאַס. ער איז געווען אַ יונגער אויפריכטיקער מענש. — שמואלן איז ער באַלד געפעלן גע־וואָרן. — חבר עווערלי — האָט דער טעפּיך־צייכנער געזאָגט — איר מוזט העלפן דעם יונגענמאַן. דערציילט אים אַלץ, שמואל, איר קאָנט זיך אים פאַרטרויען.

שמואל האָט ווידער דערציילט זיינע איבערלעבענישן עווערלי האָט אויסגעהערט מיט פאַרהאַלטענעם אָטעם, אויסגע־שריגן פון מאָל צו מאָל פון פאַרוואונדערונג אָדער פרייד. ווען שמואל האָט שוין געענדיקט, איז ער אויפגעשטאַנען אויפגערעגט,

פֿעדריקט דעם יונגס האַנט — שמואל פּרעסקאָס! — האָט ער געשריגן — איר זענט אַפּיינער ייִנג!

— ווילט איר מיר טאַקע העלפֿן? — האָט שמואל געפֿרעגט, צעטומלט פֿון פֿרייד.

— צי איך וועל אייך העלפֿן? איך וועל אייך העלפֿן מיט אַלע מיינע מעגלעכקייטן.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, געקלאַפּט נערוועז מיט די בלייפֿעדער אויפֿן שרייב-טיש — איך וועל צונויפֿרופֿן אַ זיצונג. אונזערע חברים מוזן אייך העלפֿן. אין דער לעצטער צייט איז די באַוועגונג אין לאָקמענווויל אַ ביסל שוואַכער געוואָרן. דער קאַמף וועט זיין אַ טובה פֿאַר אונזערע חברים.

— איך בין דאָך אָבער נישט קיין סאָציאַליסט — האָט שמואל פּלוצלינג צוגעוואָרפֿן.

— דאָס מאַכט נישט אויס, דאָס איז פֿאַר אונז אַלצאיינס.

שמואל האָט געמיינט עפּעס אַנדערש, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין ווערטער אויסצודריקן זיין שטאַנדפּונקט.

— די זיצונג וועל איך צונויפֿרופֿן אויף מאָרגן אין אָוונט

— האָט עווערלי געזאָגט — מיר מוזן דרוקן אויפֿרופֿן, פֿאַרשפּרייטן מיט זיי די שטאָט.

— איך האָב נאָר געוואָלט, אַז די מתפּללים פֿון דער סאַנקט-מאַטיאַס - קירכע זאָלן קומען — האָט שמואל ערקלערט.

— עס וועט גאָרנישט שאַטן, אויב ס'וועלן קומען פֿרעמדע

— האָט עווערלי געענטפֿערט — האָט דען די גאַנצע באַפֿעלקערונג נישט דאָס רעכט צו וויסן, אַז זי ווערט באַרויבט?

— פֿאַרשטייט זיך.

— און אפשר — האָט דער אַדוואָקאַט צוגעגעבן לאַכנדיק — וועלן, אַט יענע לייט גיכער אָפּטרעטן, ווען זיי וועלן דער פֿילן אַ דרוק פֿון דרויסן. מיר מוזן אָנהייבן צו רעדן וועגן דעם, עפֿענען די גאַנצע שטאָט די אויגן. אויב מיר וועלן עס נישט טון, וועט עס די פּאָליציי איבערנעמען אין איר רשות, דערשטיקן עס און קיינער וועט דערפֿון נישט וויסן.

— איר מוזט פּאַרזיכטיק זיין ביים פֿאַנאַנדערטיילן די

אויפרופן — האָט דער אַלטער ברעמער געוואָרנט — זיי וועלן פּרווון איך צו כאַפּן דערביי.

— דאָס וועט שוין זיין אין בעסטן אָרדענונג—האָט עוועד־לי געלאַכט, — מיר האָבן אַ וועצער, אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן.

שמואל האָט אָפּגעזיפצט. אָט האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַ מענטש, וואָס האָט פאַרשטאַנד און איבערציי גונג — אַ מענטש וואָס איז גרייט צו דינען דער זאַך. אָ, וואָס פאַר אַ שאָד, וואָס גראָד אַזאַ מענטש איז אַ טאָציאַליסט!

עווערלי האָט גענומען די בלייפעדער און אָנגעשריבן פאָלגנדיקן אויפרוף:

צו דער באַפעלקערונג פון לאַקמענוויל.

אַזוי ווי איך האָב אַנטדעקט, אַז די די קירכע־פאָרשטייער פון דער סאַנקט־מאַטיאַס קירכע האָבן אונטערגעקויפט דעם שטאָט־ראַט, האָב איך פאַרלאַנגט אַן אויספאָרשונג און בין דערפאַר באַזיי־טיגט געוואָרן פון קירכע. איך רוף אַ פאַרזאַמלונג. איך וויל קלאָר מאַכן דאָס אַלץ פאַר די מר־תפללים פון דער סאַנט־מאַטיאַס־קירכע. אָבער די פאַרזאַמלונג איז מיר פאַרווערט געוואָרן. מעק קולאָף דער פּאָליציי שעף האָט מיר פאַרווערט צו רעדן אין דער שטאָט.

צו ווילט איר מיר אין דעם העלפן?

מיטוואָך אַכט אַזייגער אָוונט וועל איך רעדן אויפן פּלאַץ אַ קייגנאיבער דער קירכע.

אין נאָמען פון פרייהייט פון וואָרט און בירגער רעכט

שמואל פּרעסקאָט

— ווי? געפעלט דאָס אייך? — האָט עווערלי געפרעגט.

— אויסגעצייכנט! — האָט שמואל אויסגערופן באַגייסטערט.

— איך נעם איבער דאָס דרוקן — האָט דער אַדוואָ־קאַט ערקלערט — אונזערע מיטגלידער וועל איך נאָך היינט אָוונט צוזיסן געבן דורך דער פּאָסט. עטלעכע חברים וועלן מיר באַלד אויפזוכן, און מיר וועלן זיך מיט זיי באַראַטן.

יאָהאַן איז צוריק צו זיין אַרבעט. שמואל מיט עווערלי זענען אַוועק אין טאַבאַק-געוועלבל, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער זעלבער גאַס. ס'האָט אָנגעהערט צו אַ פעסט-געבויטן רוסישן ייד, מיט אַ לעבהאַפטן פנים און שוואַרצע גלאַנצעדיקע אויגן: — חבר ליפמאַן — האָט עווערלי געזאָגט — דאָס איז הער פרעסקאָט.

פון אַ זייטיק צימער ביים געוועלב האָט זיך אַרויסגערוקט חבר מינסקי. דאָס איז געווען אַ געלפנימדיקער, אויסגעמאָגערטער אַרבעטער, מיט געלע הענט. עווערלי האָט קורץ דערציילט שמואלס איבערלעבענישן. די גרויסע אויפרעגונג, מיט וועלכער זיי האָבן אים אויסגעהערט, האָט שוין נישט איבערגעלאָזט קיין צווייפל וועגן זייער באַציונג. אַ ביסל ווייטער פון דאַנען האָט זיך געפונען אַ קליינע ווערקשטעל, פון דאָרט איז אַרויס דער גראָהאָריקער חבר בעקס, געדריקט שמואלס האַנט, ווי מיט אַ שרופשטאַק. אויף אַזאַ אופן האָט ער אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג. דערנאָך, האָבן זיי אויפגעזוכט דעם חבר דאָקטאָר בערטאָן, דאָס איז געווען אַ יונגער מענטש, עווערלי האָט אים געהאַלטן פאַרן קליגסטן פון דעם ראַיאָן:—ער שטודירט אין אויסלאַנד, דערפאַר איז ער ווייניקער אונז באַקענט, ווי אַלע אַנדערע דאָקטוירים. זיין פרוי איז אָבער אַ גוטע רעדנערין.

פרוי בערטאָן איז געווען אַ צאַרטע ליבלעכע פרוי, שמואלן האָט זיך דערמאָנט דאָס בילד פון זיין מוטער. בשעת עווערלי האָט גערעדט, האָט שמואל געקוקט אויף איר אומגעשטערט, געטראַכט ווי אַזוי ס'איז מעגליך, אַז אַזאַ פרוי זאָל אויפטרעטן פאַר אַ סאָציאַליסטישע רעדנערין.

באַלד איז אָנגעקומען דער דאָקטאָר. אַלץ האָט געמוזט נאָכאַמאָל איבערדערציילט ווערן. ביידע האָבן אַרויסגעוויזן גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דער זאַך. עווערלי און שמואל זענען פאַרבעטן געוואָרן צום מיטאָג, איבערגערעדט דעם גאַנצן פראָבלעם. פאַרחידושט איז שמואל געוואָרן, הערנדיק די קלאָרע געדאַנקען פון די מענטשן. דאָ האָט זיך נישט געבייטיקט קיין לאַנגע ערקלערונגען, זיי האָבן עס געוואוסט ווי אַזוי אויפצופאַסן. ס'איז

געווען אַזוי, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ פאַרכשופטען שליסל צו דעם אינערלעכן לעבן פון לאַקמענוויל, געקאָנט געבן יעדן איינציקן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי ער זאָל האַנדלען אין אַזאַ פאַל.

אָט די אַלע איבערלעבענישן זענען שמואלן אויסגעקומען וואונדערלעך. יעצט, מיט עטלעכע שעה צוריק, איז ער געווען ווי אַ שטים אין דער מדבר, איינזאַם, פאַרלאָזט, און יעצט האָט ער שוין געפונען אַזאַ צאָל פריינט. מענטשן, וואָס ווייסן דעם טעם פון הונגער, און ווי אַזוי מ׳באַדאַרף האַנדלען, גייטיקן זיך נישט אין אויפקלערונגען, מענטשן צו וועלכע מען האָט לאַנג נישט באַדאַרפט רעדן, וואָס האָבן זייער גאַנץ לעבן געווידמעט דערויף.

שמואל האָט זיך געפילט גליקלעך. אַ ווײַלע האָט ער אינגאַנצן פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס זענען.

אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט פון עווערליס ביוראָ, איז אים ווידער געקומען עפּעס אויפן געדאַנק. ער האָט אָנגעקוקט דעם יונגן אַדוואָקאַט מיט אַ שטאַרק באַזאָרגט פנים, אַז יענער האָט אַ פרעג געטון:

— וואָס איז אייך?

— זאָגט מיר, הער עווערלי — האָט שמואל געפרעגט נישט דרייסט — ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז די בערטאָנס זאָלן האַלטן פון פרייער ליבע?

— פון פרייע ליבע — האָט עווערליי איבערגעחזרט צעטומלט — ווי אַזוי איז דאָס אייך געקומען אויפן געדאַנק?

— זיי האַלטן דען נישט דערפון? — האָט זיך שמואל געהאַלטן ביי ט׳זייניקע.

— פאַרשטייט זיך, אַז נישט. ווער האָט דען דאָס אייך געזאָגט?

—זיי זענען דאָך סאָציאַליסטן?

עווערלי האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט און געלאַכט. — פונוואַנען ווייסט איר דאָס?

— איך... איך... — האָט שמואל געשטאַמלט — האָב אַמאָל געלייענט, אַז די סאָציאַליסטן קעמפן פאַר פרייע ליבע.

— וואַרט נאָר. ביז איר וועט זיך אָפּפאַרטיקן מיט אייער

פּנין, וועט איר נאָך אַ סך אומדערוואַרטע זאַכן געוואויר ווערן.

— הייסט עס אַז די סאָציאַליסטן האַלטן נישט פון פרייע ליבע?

— מעגלעך, עס אַז זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האַלטן דער־פון, איבעריקנס, איך קען אַ סאָציאַליסט, וואָס גלייבט נאָך אין שדים אייגער וואָס האַלט נאָך פון פולפּסט אין אַזעלכן וואָס גלויבט נאָך אין אדם און חוה. קאָן איך דען אַלע איבערצייגן? אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן, דערנאָך האָט עווערלי געזאָגט: — זעט איר, מיר זענען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, אָבער מיר קענען קיינעם נישט שטערן, ווער ס׳וויל זיך אָנשליסן ביי אונז. מיר זענען אַ פּראָגרעסיווע פּאַרטיי, עס קומען פאַרשידענע פּאַרשוינען צו אונז דאָס איז נישט אונזער שולד.

— יאָ, אָבער איר זענט דאָך קעגן דער רעליגיע.

— מיט דער רעליגיע האָבן מיר נישט קיין שום שייכות. איך זאָג אייך אָפן, אַז מ׳ר זענען אַ פּאָליטישע פּאַרטיי, אַ סך פון אונז האַלטן פאַר אַ פליכט אַרויסצוטרעטן פון דער קאַפּיטאַלי־סטישער קירכע, איר קאָנט אונז נישט מאַכן דערפאַר קיין שום פאָרוואורף.

— ניין — האָט שמואל געענטפערט, — אָבער איר ווילט דאָך אויך אַראָפּוואַרפן די רעגירונג?

—פאַרקערט, מיר ווילן נאָך איר שטאַרקן. דעמאָלט וועט מען זי ערשט אַרויסרייסן פון די קאַפּיטאַליסטן.

— טאָ אין וואָס דען גלייבט איר ?— האָט שמואל געפרעגט.

דער יונגער אַדוואָקאַט האָט ערקלערט שמואלן, אַז דין פאַרטיי שטרעבט צו אָרגאַניזירן דעם פּראָלעטאַריאַט. עס מוז קומען אַ ווירטשאַפטלעכע ענדערונג, די ערד, גרובנס און די פאַבריקן טאָרן זיך נישט געפינען אין די קאַפּיטאַליסטישע הענד. — אָט די אַלע זאַכן טאָרן נישט געהערן צו יחידים, דאָס מוז זיין אַ אייגנטום פון גאַנצן פאָלק. דעמאָלט וועט זיין אַרבעט פאַר יעט־וועדן, יעדער וועט באַלוינט ווערן פאַר זיין אַרבעט מיט סחורה און אַזוי וועט אַ סוף נעמען צום קאַפּיטאַליזם.

שמואל האָט געשוואַכט: — דאָס איז דאָך דאָס זעלבע, וואָס איך האָב געזאָגט — האָט ער לסוף אויסגערופן צעטומלט,

— פאַרשטייט זיך. יעדער קלוגער מענטש גלייבט אין דעם.

— אויב אזוי... בין איך דאָך אויך אַ סאָציאַליסט?! — האָט שמואל געפרעגט פאַרסאַפּעט

— ניין צענטל פון דער מענטשהייט זענען סאָציאַליסטן.

— האָט עווערלי געענטפערט, — זיי האָבן נאָר עס נאָך נישט אַנטדעקט.

— פאַרוואָס זאָגט איר עס זיי נישט?

— מיר טוען וויפיל מיר קאָנען — האָט דער אַדוואָקאַט געלאַכט — אַדרבא, העלפט איר אונז.

שמואל האָט זיך נאָך עפּעס געוואָלט דערוויסן: — ווי אזוי אַנטשטייען אַזעלכע פאַלשע מיינונגען וועגן די סאָציאַליסטן?

—אַזעלכע מיינונגען וועגן אונז פאַרשפּרייטן די קאַפּיטאַליסטן.

שמואל האָט זיך אָנגעהאַלטן ביי דער שטול: — דאָס איז דאָך אַ פאַרברעכן!

— אודאי, אַ פאַרברעכן פון דעם הערשענדיקן קלאַס. זיי פאַרמאָגן די פּרעסע, די ביכער און די אוניווערזיטעטן, די קירכע און די געזעצגעבונג. אָט דאָס אַלץ דינט זיי פאַר אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן וועגן אונז ליגנט, צו פאַרטיליקן אונז.

יעצט איז שמואל געשטאַנען פּנים אל פּנים אַקעגן דעם מיאוסן באַשעפעניש, וואָס רופט זיך קאַפּיטאַליזם. עס איז שוין געגנוג שלעכט געווען, וואָס די קאַפּיטאַליסטן באַזיצן די פּראָדוקציע מיטלען אין זייערע הענט, זיי הערשן איבער די לייבער פון די אַרבעטער, באַגזלענען זיי. אָבער צו הערשן מיט דעם גייסט, אַוועקרויבן דעם פאַרשטאַנד? באַשווערן די מענטשהייט איר וועג צו דער באַפרייאונג. דאָס איז דאָך דאָס גרעסטע פאַרברעכן פון אַלע פאַרברעכנס!

— איך קען עס נישט גלייבן — האָט שמואל געשטויגט.

און דער יונגער אַדוואָקאַט האָט געענטפערט: שליסט אייך

אָן אין אונזערע רייען, מיטאַרבעט מיט אונז אַלענגערע צייט, דעמאָלט וועט איר זיך אַלץ אַליין איבערצייגן.

## XXIX

אינדערהיים האָט אויף שמואלן געוואַרט אַ פּריש נייעס. ער האָט געטראָפן ביי זיך אין שטוב אַ פיין געקליידעטן יונגגמאַן, וואָס האָט געוואַרט אויף אים: — איך הייס פּאָלאַרד, איך קום פון „לאָקמעגעווילער עקספּרעס״. צי קאָן איך זיך ביי אייך עפּעס דערוויסן.

— פון מיר? — האָט שמואל געפרעגט דערשטוינט.

— עס האַנדלט זיך וועגן אַן אינטערוויו—האָט יענער ערקלערט — איך וויל זיך עפּעס דערוויסן וועגן דער קומענדיקע פאַרזאַמלונג.

שמואל איז איינגעגאַנגען. ער איז געזעסן אין פּרוי סטידמענס צימער און דערציילט זיינע דערפאַרונגען. הער פּאָלאַרד איז נאָך געווען יונג, געקומען יעצט נישט לאַנג פון אוניווערזיטעט, זיין בלייפעדער איז געפלויגן איבערן פּאַפּיר:— צום טייוול — האָט ער געברומט – ס'וועט זיין דערפון אַ שיין אַרטיקל!

שמואלן איז דאָס אַלץ אויסגעקומען וואונדערבאַר. ער האָט זיך געוואונדערט, פאַרוואָס ער איז פריער נישט געקומען אויף דעם געדאַנק. וואָס פאַר אַ זינען איז דאָס, אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמלונגען און נישט באַקאַנט צו מאַכן דורך די צייטונגען? יעדער לייענט וואָס דאָרט שטייט, יעדער קאָן זיך דאָרט דערוויסן דעם אמת, און קיינער וועט שוין דעמאָלט נישט טעותן, אַ חוץ דעם לייענען זיי דאָס אַלץ רויק און האָבן צייט דאָס אַלץ איבערצוטראַכטן.

אַז פּאָלאַרד איז אַוועקגעגאַנגען, איז שמואל אַוועק צו

עווערלי: — איר דאַרפט שוין מער נישט דרוקן די אויפרופן, איך האָב שוין געזאָגט הער פּאָלאַרדן, ווען די פערזאַמלונג וועט פאָרקומען.

עווערלי האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעלאַכט — מירוו עלן: ווייטער צוטיילן אונזערע אויפרופן. וואַרט, שמואל, און איר וועט זען, וואָס דער „עקספּרעס" וועט שרייבן וועגן דעם אַלעם.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — אָבער עווערלי האָט נישט געוואָלט זאָגן. ער האָט נאָכאַמאָל געהייסן שמואלן וואַרטן. ער איז גאָרנישט געווען אַזוי אויפגערעגט ווי ער האָט עס געדאַרפט זיין.

שמואל איז געגאַנגען אַהיים. נאָך מיטאָג, ווען פּרוי סטידמען איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט מען אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. ער האָט געעפנט און דערזען פאַר זיך פינגנעגן.

— האַללאָ, יונגערמאַן — האָט פינגנעגן געזאָגט.

— האַללאָ!

— כ'האָב געהערט, אַז איר דאַרפט האַלטן אַ רעדע.

— יאָ, פון וואַנען ווייסט איר דאָס.

— פון קאַללאַהאַנען, סלעטערי האָט דאָס אים דערציילט.

— סלעטערי? ער ווייסט שוין דערפון?

— צו וואָס דען איז ער אָנפירער פון דער פאַרטיי?

פינגנעגן האָט זיך אַרומגעקוקט, געוואָלט זען, צו זיי זענען אַליין; — שמואל, איך בין געקומען אייך געבן אַ פריינדלעכע עצה. איך בין ביי דער איבערצייגונג, אַז איר זענט גענוג קלוג מיך אויסצוהערן.

— וואָס?

— פּרוווט נישט צו האַלטן די רעדע.

— פאַרוואָס?

— ווייל זיי וועלן אייך נישט לאָזן, שמואל.

— ווי אַזוי קאָנען זיי מיר שטערן?

— דאָס ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז זיי וועלן אייך נישט לאָזן רעדן.

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. דערנאָך האָט

פינבעגן געזאָגט: — דאָס, וואָס איר טוט דאָ, איז פּשוט אַ משוגעת. איר וועט מיר גלייבן, אַז אויב איר וועט נישט אויפהערן, וועט איר שלעכט אָפּשניידן.

— וואָס הייסט עס?

— דאָס קען איך אייך נישט זאָגן, מיין פריינט. — אפשר וועלן זיי אייך אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין.

— אין וואַסער אַריין?

— אויב נישט, וועלן זיי אייך אין אַ פינצטערע נאַכט צעהאַקן דעם קאָפּ. איך קאָן נישט פאָראויס זאָגן, וואָס מיט אייך וועט געשען, איך ווייס נאָר איינס: איר וועט די רעדע נישט האַלטן.

שמואל איז געווען צעחושט: — מעגלעך, און קאָן דאָס זיין אמת? — האָט ער געפרעגט סאַפּנדיק.

— אַוודאי איז דאָס אמת. צו וואָס זאָל איך לייקענען?

שמואל האָט גאָרנישט געענטפערט: — איך פאַרשטיי גאָרנישט, צו וואָס איר דאַרפט אָט דאָס אַלץ — האָט פינבעגן געזאָגט. — ווער איז דען מיט אייך? איר, ווייזט אויס, האָט אַ קעגן אַלע באַוויזן. אַקעגן סלעטערי, מעק קולאַף, און דעם גאַנצן פאַרטיי־רודער. אַ פּילו וועגן ווייגאַנט און היקמען. יאָ, איר ווייסט דאָך עפּעס וועגן בערטיע לאָקמען אויך, נישט אמת?

— יאָ, אָבער וועגן דעם וועל איך נישט רעדן.

— זעט איר, זיי ווייסן גאָרנישט וועגן וואָס איר וועט רעדן, דערפאַר האָבן זיי מורא צו ריזיקירן, זיי וועלן אייך דעריבער איינגאַנצן נישט לאָזן רעדן.

— קאָן עס דען מעגלעך זיין? — האָט שמואל אויסגערופן.

— אודאי, אַזעלכע זאַכן קומען דאָ תּמיד פאָר. ס'איז דאָך גאַנץ פאַרשטענדלעך. די מענטשן וועלן אַנטדעקן אַזעלכע זאַכן, וועלן זיי עס דאָך וועלן דערציילן אַנדערע, נישט אמת?

— יאָ, איך האָב שוין אויך געטראַכט וועגן דעם.

— און — האָט דער שענקער גערעדט — זיי ווערן דאָך דערמיט געשטערט. איר פאַרשטייט?

— איך פאַרשטיי, — האָט שמואל געשעפּטשעט.

— אַ געוויסע צאָל מענטשן, שמואל, הערשן מיט אונזער שטאָט, וועלן זיי אייך אויך בייקעמפן. און איר מיינט, אַז ביי זיי וועט זיין שווער אָפּצוּרוימען אַזאַ יונגן פאַרשוין פון וועג?

—אָבער, הער פינגעגן, דאָס וואָלט דאָך געווען אַ מאָרד!

— זיי וואָלטן עס אַליין נישט אויסגעפירט. אַז העניר לאָקמען וויל שעכטן אַ הינדעלע צום מיטאָג, טוט ער עס אויך נישט מיט זיינע אייגענע הענט.

אויף די ווערטער האָט שמואל שוין גישט געפונען קיין ענטפער. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— זעט איר — האָט פינגעגן ווייטער גערעדט, — איך קען אָט די גאַנצע שפּיל, און דערפאַר גיב איך אייך מיין חברשע עצה. וואָס, צו אַלדע רוחות, גייט דאָס אַלץ אָן אַזאַ יונגן מענטש, ווי איר זענט? מוזט א י ר גראָד רעפאָרמירן אונזער לעבן?

— וואָס דען קאָן איך טון?

— וואָס איר זאָלט טון? זוכט אייך אויס אַ גוט באַצאָלטע אַרבעט, שאַפט אייך אַ שיין מיידל, און פאַרהאַלט אייך רויק. קיינער, וואָס האָט נישט קיין קינד, שמואל. ווייסט נישט, וואָס אַזוינס דאָס לעבן איז.

אָבער שמואל האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: — ניין, איך וועל נישט באַגיין אַזאַ אומפאָרזיכטיקן שריט. די רעדע מוז איך האַלטן.

פינגעגן איז אַוועקגעגאַנגען, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געברומט עפּעס אונטער דער נאָז. שמואל האָט געאיילט צו זיין ביינעם פריינד, דעם אַדוואָקאַט. דער סוף פון דעם יעצטיקן באַזוך איז געווען, אַז שמואל האָט פייערלעך צוגעזאָגט, אַז ביינאַכט זאָל ער איבגאַנצן נישט גיין אין גאַס.

— איך געדענק, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען אין לאָקמענוויל בשעת דעם שטרייק — האָט עווערלי געזאָגט. — מיר טאָרן נישט ריזיקירן. יעצט, ווען עס הערשט אַ שטילשטאַנד אין דער אַרבעט ס׳הערשט אַ געוואַלדיקע אַפּאַטיע.

שמואל איז געבליבן אין שטוב, געשמועסט מיט זאָפיע און מיט איר מוטער וועגן זיינע איבערלעבענישן, וועגן די נייע מענטשן, וועלכע ער האָט באַקענט. זאָפיע איז געווען אויסער זיך פון פרייד.

— איך האָב געוואוסט, אז מיר וועלן געפינען הילף — האָט זי אַלץ כסדר איבערגעחזרט, — געוואוסט, אַז מיר וועלן געפינען פריינד.

כאָטש דער יונגער רעפאָרמיסט איז געווען שטאַרק מיד, פונדעסטוועגן האָט ער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן. באַלד באַגינען איז ער אויפגעשטאַנען און געקויפט אַן עקזעמפּלאַר דעם „עקספרעס". ער האָט צעוויקלט די צייטונג אין עק גאַס. זיינע אויגן האָבן געזוכט אויף דער ערשטער זייט: — „נישטאָ"—ער האָט געזוכט אויף דער אנדערער זייט, געלעזן נאָכאַמאָל די אויפשריפטן, דער סוף איז געווען דער זעלבער. ער האָט געלייענט צום דריטן מאָל, געזוכט אַ שורה ביי אַ שורה, און נאָך אַ שעה אַזאַ זוכעניש. נאָך דעם אַדורכקוקן די אַנאָנסן, האָט ער יעצט פאַרשטאַנען, אַז די צייטונג האָט קיין איין וואָרט וועגן דעם נישט געשריבן. אַז עווערלי איז געקומען צו זיך אין ביוראָ אַריין, האָט ער שוין געטראָפן דאָרט שמואלן. אַז ער האָט דערזען, ווי שמואל האַלט די צייטונג אין זיין האַנט, האָט ער זיך צעלאַכט.

— נו, האָט איר עס שוין געפונען?

— עס שטייט נישט אין דער צייטונג! — האָט שמואל אויסגערופן.

— איך האָב עס באַלד געוווסט, נאָר כ'האָב געוואָלט אַז איר אַליין זאָלט עס זען.

וואָס באַטייט עס? — האָט שמואל געפרעגט אינגאַנצן צעטומלט.

— דאָס באַטייט — האָט דער אַדוואָקאַט געענטפערט, — אַז די לאָקמענס פאַרמאָגן אויפן היפּאָטעק פון „עקספרעס" הונדערט טויזנט דאָלאַר.

ביי שמואלן זענען איינגעפאַלן די באַקן, ער האָט שטאַר אָנגעקוקט זיין פריינד.

— אַזוי, יעצט וועט איר שוין וויסן, וואָס דאָס הייסט שוין זיין אַ סאָציאַליסט — האָט עווערלי געלאַכט.

שמואל האָט שוין געוואוסט.

## XXX

ביינאַכט איז געקומען עווערלי מיט פרידריך ברעמער, זיי זענען אַוועק מיט שמואלן אויף אַ זיצונג פון דער ראַיאָן־גרופּע, ווו ער האָט באַדאַרפט דערציילן זיינע איבערלעבענישן.

די זיצונג איז פאָרגעקומען אין אַ פינצטער צימער, לעבן דער שפּייז־קראָם. אַ חוץ די חברים, וואָס שמואל האָט שוין געקענט, זענען נאָך געווען דאָרט אַ צוואַנציק אַנוועזנדע. ס'רוב זענען עס געווען אַרבעטער. עס זענען אויך געווען צווישן זיי געשעפטס־לייט און געוועלב־אָנגעשטעלטע. שמואל האָט באַמערקט, ווי איינער רופט דעם אַנדערן „חבר" און עטלעכע פון זיי האָבן אַפילו גערעדט צווישן זיך אויף אַזאַ אופן. דאָס האָט ביי אים דערוועקט אַן אומגעוויינלעכן געפיל. אויפפאַלנדיק איז אים געוואָרן דאָס, וואָס פרויען זענען דאָרט אויך געקומען און אַ פרוי האָט אַפילו איבערגענומען דעם פאָרזיץ.

עווערלי האָט גענומען דאָס וואָרט און פאָרגעלעזן שמואלס אויפרוף, און ערקלערט ווי אַזוי ער וועט פאַרטיילט ווערן. דערנאָך האָט ער געגעבן שמואלן אַ וואָרט. ער איז אויפגעשטאַנען. פּלוצלינג האָט ער באַקומען אַ שרעקלעכע מורא. טאָמער געלינגט אים גישט דאָס רעדן? וואָס וואָלטן זיי געטראַכט וועגן אים? ער האָט צונויפגעדריקט די הענט. איז דען נישט אים אַלצאיינס, וואָס זיי וועלן טראַכטן? די אָרעמעלייט ליידן, דער אמת מאַכט זיין רעכט! ער וועט דערציילן די מענטשן, וואָס ער האָט איבערגעלעבט.

ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן, דערציילט ווי אַזוי ער איז באַגנבעט געוואָרן און ווי אַזוי ער האָט געזוכט אַרבעט. אַז ער האָט דערזען, אַז די מענטשן פאַרשטייען אים, איז ער אַרייַנגעפאַלן אין עקסטאַז, נישט געטראַכט וועגן זיך אַליין. ער האָט גערעדט אַ קנאַפּע האַלבע שעה, און ווען ער האָט געענדיקט, איז אַנטשטאַנען אַ געפּאַטשערייַ. וווערלי האָט נאָכאַמאָל גענומען אַ וואָרט: — חברים! שוין עטלעכע יאָר, ווי איך אַגיטיר אין אונזער ראַיאָן פאַר דער פרייהייט פון וואָרט. יעצט, זע איך, איז געקומען די אמתע צייט. וויבאַלד מיר וועלן נישט קאָנען יעצט אויפנעמען דעם קאַמף, מעגן מיר בכלל אויפהערן אונזער אַרבעט.

— ריכטיק — האָט דער אַלטער סטאָלער בעגס אויסגערופן.

— איך צרלויב מיר אויף מיין אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו לאָזן דרוקן די אויפרופן — האָט וווערלי געזאָגט — מיר טאָרן נישט פאַרלירן קיין צייט. כ'בין זיכער, אַז די חברים וועלן מסכים זיין מיט מיין שריט. איך לייג פאָר, אַז מיר זאָלן איבערנעמען די איינאָרדענונג פון דער מאָרגנדיקער פאַרזאַמלונג, און צוויי טויזנט אויפרופן זאָלן נאָך היינט אין אָוונט אין געהיים פאַרטיילט ווערן.

— איך שטים פאַר דעם פאָרשלאָג — האָט פרוי בערטאָן געזאָגט.

— מיר קאָנען נישט דערוואַרטן פון דער פרעסע קיין הילף — האָט וווערלי געזאָגט. — נישט די קירכע - מתפללים דאַרפן וועגן דעם וויסן, נאָר אויך אונזער אַרבעטער-פאָלק מוז עס זיך דערוויסן.

ער האָט פאָרגעלייגט דעם אויפרוף, און זיין פאָרשלאַג איז געוואָרן אָנגענומען.

— ווייטער — האָט וווערלי אויסגערופן — לייג איך פאָר, אַז מיר זאָלן אויסנוצן די געלעגנהייט, קעמפן פאַר דעם רעכט פון גאַסן-פאַרזאַמלונגען, צי איז אייך באַוואוסט, אַז זינט דעם שטרייק, זענען זיי פאַרווערט געוואָרן? איך לייג פאָר אַז מיר זאָלן רוג מאַרקט-גאַס און דער הויפּט-גאַס, אָפּהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג און

דערציילן דעם חבר שמואלס באריכט פאר דער מאסע.

שמואל האט דערקענט אין די פנימער פון די אנוועזנדע, אז דאס איז פאר זיי א צו שווערע זאך. עווערלי האט געהאלטן א ליידענשאפטלעכע רעדע. צוליב דעם שטילשטאנד אין דער אינדוסטריע, האבן די ארבעטער אין לאקמענוויל פארלוירן די לעצטע האפענונג. זיי ליידן שרעקלעך אונטער דעם יאך פון דער שווערער צייט, יעצט איז געקומען די צייט, צו עפענען זיי די אויגן, ווייזן זיי דעם אמתן וועג. ביז יעצט זענען די סאציאליסטן געווען שוואך, ווייל זיי האבן מורא געהאט פאר דער פאליציי. אבער יעצט מוז מען זיך נעמען ענערגיש.

— איר מוזט דאך וויסן, אז אויף א סך פון אונז ווארט טורמע — האט דאקטאר בערטאן אריינגעמישט.

— יא, מער ווי איינמאל וועט מען אונז נישט איינזעצן! אז מיר זאלן אנהייבן אונזער ארבעט מיט ענערגיע איז אונזער זיג א געזיכערטער. די סימפאטיע פון דער גאנצער באפעלקערונג איז אויף אונזער זייט — און עס וועט זיך אונז אויך איינגעבן, צו צעברעכן די שוויגעניש פון דער פרעסע.

— דאס איז דער עיקר — האט די פארזיצנדערין געזאגט.

— איך בין גרייט צו טון אלץ — האט דער אדוואקאט גערעדט ווייטער. — איך קאן, אדער פארטיידיקן די ארעסטירטע חברים אומזיסט, אדער, לאזן זיך ארעסטירן דער ערשטער, זאלן די חברים באשליסן וואס זיי פארלאנגען גלייכער.

— מיר וועלן פארלירן אונזער ארבעט! — האט געשריגן א קול פון א ווינקל.

— יא, איר מוזט זיך גוט איבערטראכטן. איר ווייסט דאך וויפיל איך פערזענלעך האב שוין געליטן, — האט עווערלי געענטפערט.

שמואל האט זיך אן איפגערעגטער, מיט איינגעהאלטע-נעם אטעם, צוגעהערט צו דער דאזיקער דיסקוסיע. דא זענען געווען ארעמע מענטשן, מענטשן וואס זענען געווען אזוי אומ-

גליקלעך ווי ער, נישט געקאָנט זיך אַן עצה געבן. אייגער איז געווען דאָרט, וואָס האָט פאַרלוירן אַן אויג ביי דער אַרבעט אין אַ גלאָז-הוטע, און אייגער, אַן אַרבעטער ביי טויערן, וואָס איז נאָר וואָס צוריקגעקומען פון שפיטאָל, וואו מ'האָט ביי אים אַרויסגענומען אַן איבר. די איבעריקע זענען געווען בלאַסע אויס-געמאָגערטע מענער, וואָס האָבן געמוזט ערנערן זייערע ווייבער און קינדער. און אָט די מענטשן האָבן מיט פרייד געשאָנקען צייט אויף דעם קאַמף פאַר פרייהייט. האָט ער פריער אויך באַגעגענט אַזעלכע מענטשן? האָט ער בכלל געוואוסט, צי עס געפינען זיך אַזעלכע מענטשן?

ער האָט ביז יעצט געמיינט, אַז ער איז איינזאַם מיט זיינע אידעען, טראָגט נאָר אליין די לאַסט פון דער מעגשהייט אויף זיינע פלייצעס. יעצט האָט ער געטראָפן פריינט, גרייט צו שפּיצן זיינע טאַטן. דאָס האָט ער זיך דערוואוסט יעצט, ביי אָט דער דיסקוסיע, אַז אָט די גרופּע איז נישט קיין איינציקע, נאָר עס געפינען זיך אַזעלכע אין אַלע שטעט פון לאַנד. זיי שטעלן צו די וואַלן זייערע אייגענע קאַנדידאַטן, באַזיצן אַן אייגענע פרעסע, צייטשריפטן, און דרוקן אַליין ביכער. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיי זענען נישט מער, ווי איין טייל פון אַ ריזיקער אַרמיי. דאָרט וואו דער קאַפּיטאַליזם הערשט נאָר, דאָרט פאַראייניקט מען זיך אַקעגן אים. — די מאַכט פון אָט די מענטשן וואַקסט פון טאָג צו טאָג, — די צייט וועט קומען, און מען וועט זיך נישט קאָנען זיי אַנטקייגנשטעלן.

די אויגן פון אָט די מענטשן. האָבן שוין געזען דאָס בילד פון דער נייער וועלט, אין זייערע נשמות האָט געגליט דאָס פייער פון באַוואוסטזיין. שמואל האָט מיטאַמאָל פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אָט דעם וואָרט „חבר". די שטענדיקע פאַר-פאָלגונגען און די אייניקייט, וואָס האָט געהערשט ביים קאַפּי-טאַליזם, האָט דעסגלייכן זיי צונויפגעשמאָלצן. זיי האָבן גוט גע-וואוסט ווער ס'איז זייער שונא. נישט נאָר דער פּאָליציי-שעף מעק קולאַף מיט זיין באַוואָפנטע באַנדע פּאָליציאַנטן, נישט נאָר דער „עקספרעס" מיט זיינע רכילותן און ליגנט, נאָר אַ גאַנצע ריי

פּאָליטישע ריכטונגען. די חיקמענס און די ווייגאַנטס. עס דראָען זיי אַרעסט און תּפיסה, ערנידערונג און חרפּה — און אפשר נאָך אויך חורבה און הונגער. אָבער פונדעסטוועגן זענען זיי גרייט געווען אויפצונעמען דעם קאַמף.

— חברים! — האָט דער יונגער אַדוואָקאַט געזאָגט — אַ סך ווערט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט. עס זענען פאַרהאַן מענטשן וואָס זענען גרייט מקריב צו זיין זייערע לעבנס. אָבער צווישן אָט די אַלע פאַרפאָלגונגען ווערט אונזער באַוועגונג נאָך שטאַרקער. פריער צו שפּעטער וועט אָט די פאַרפאָלגונגען פאַלן אויך אויף אונז. דעריבער בעט איך ביי אייך, לאָמיר שווערן, אַז דעם קומענדיקן שבת, זאָלן מיר דאָס זעלביקע דערציילן אויף די גאַסן פון לאָקמענוויל, ביז מיר וועלן אויסקעמפן די רעכט פון אַ פרייען אַמעריקאַנער בירגער.

אַז ער האָט געענדיקט, האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטילקייט. די חברים זענען איינציקווייז אויפגעשטאַנען איינער נאָכן אַנדערן, די מענער און די פרויען זענען גרייט געווען צו אַ שבועה...

— איך בין שוין פיר חדשים אַרבעטסלאָז — האָט איינער געזאָגט — אויף דער צווייטער וואָך האָט מען מיר צוגעזאָגט אַ שטעלע, ווי באַלד מען אַרעסטירט מיך, פאַרליר איך די שטעלע, אָבער דאָך וועל איך רעדן!

— איך אַרבעט אין ווייגאַנטס שפּינערײַ — האָט געשוואוירן אַ צווייטער, — כ'בין שוין נישט יונג. ווי באַלד זיי זאָלן מיך אָפּזאָגן וועט מיר שווער זיין צו געפינען אַרבעט. אָבער איך וועל אויך העלפן.

— איך אויך! — האָט געשריגן ליפּמאַן, דער פּאַפּיראָסן סוחר — מיין ווייב וועט אַליין פירן ס'געשעפט. — אַלע האָבן זיך צעלאַכט.

יעצט איז אויפגעשטאַנען פרידריך ברעמער: — מ'האָט מיין פאָטער געדראָעט, אָבער דאָך וועל איך אויך רעדן.

איך אויך! — האָט שמואל געשריגן — איך זע, אַז איך ווער אַ סאָציאַליסט, צי זאָל איך אייך העלפן?

— מיר נעמען אָן אייער הילף — האָט עווערלי גע־ענטפערט, — מיר מוזן שטיין ביי אונזער געווער. אויב באַזיגן זיי אונז דאָס מאָל, וועט עס שוין דויערן יאָרן, ביז מיר וועלן ווידער קאָנען באַנייען אונזער קאַמף.

אַ שטימע האָט אָנגעהויבן צו זינגען, און די איבעריקע האָבן אונטערגעכאַפּט. דאָס געזאַנג איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, און ס'איז אויסגעוואַקסן אין אַ מעכטיק ליד געמאַכט ציטערן די אויערן.

— וואָס איז דאָס? — האָט שמואל געפרעגט פרידריכן.

— דאָס איז דאָס ליד פון דער פרייהייט.

שמואל איז שטיין געבליבן, ווי פאַרשטייפט, צוגעהערט זיך צו די ווערטער:

שטייט אויף, איר אונטערגעדריקטע מאַסן.
און מאַכט צו דער שקלאַפעריי אַן ענד!
לאָזט נישט מער קיין ליידיקגייער פרעסן,
די פרוכט פון אויסגעהאָרעוועטע הענט.

הערט איר נישט ווי עס רוישן שוין די וואָפן
קעגן אונזערע ברידער איבער דער גאַס?
זעט איר דען נישט ווי זיי ווערן בלאַס
פאַר וואוט, צו די בלוטזויגער און פאַנען.

שטייט אויף, איר אַרבעטס־לייט
אַנטהויבט זיך מאַן פאַר מאַן
מאַרשירט מיט אונז אין אייניקייט
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

וואָס האָט איר ברידער, צו פאַרלירן
וואָס טויג אייך אַ לעבן אָן ברויט?
ווילט איר דען אייביק ווינטער פרירן,
און אייביק זומער ליידן נויט?

האָט איר ווירקלעך מורא פאַר האַרמאַט
פאַר אַ ביקס, אַ שפּיז, אָדער שווערד,
ביים חיר דען נישט פאַר דער צייט אין ד'ר ערד'
ווען אַפילו נישט קיין סאָלדאַטן!

שטייט אויף, איר אַרבעטס־לייט,
אַנטהויבט זיך מאַן פאַר מאַן,
מאַרשירט מיט אונז אין אייניקייט,
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

# XXXI

די חברים זענען אַוועק פאַרטיילן די אויפרופן, און עהערלי מיט פרידריכן האָבן באַגלייט שמואלן אַהיים, געוואַרט ביז ער האָט פאַרקלאַפּט אונטער זיך די טיר. זיי האָבן אים איבערגעלאָזט עטלעכע סאָציאַליסטישע צייטונגען און בראָשורן. מיט דער ליטעראַטור האָט ער פאַרברענגט כמעט דעם גאַנצן מאָרגנ-דיקן טאָג. פאַר אים האָט זיך געשטעלט דאָס בילד פון דער וואונדערבאַרער באַוועגונג, יעצט האָט ער פאַרשטאַנען דעם אַפּאַ-ראַט פון דעם גרויזאַמען סיסטעם, וואָס איז ביז יעצט געווען פאַר אים אַזוי פאַרפּלאָנטערט. אַלץ וואָס ער האָט געלעזן אין די בראָשורן, איז געווען פאַר אים אַזוי פשוט, אַזוי בולט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ כעס צו די אַלע, וואָס האָבן עס נאָך ביז יעצט נישט פאַרשטאַנען. אין זיין נשמה האָט ער גע-קעמפט מיט זיינע אַלע אַמאָליקע באַקאַנטע: מיט די ברידער, מיט פינבערגן און סוויפטן, מיט אַלבערטן און וויגאַנטן, מיטן פּראָפעסאָר סטיוואַרט און פּאַסטאָר ווינס, אָבער פריער פאַר אַלץ מיט פריילן גלעדיס. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַזוי עס וועט זיין נאָך דער רעוואָלוציע, דעמאָלט ווען ער וועט זיין באַרימט און זי אָרעם! ווי גרויסמוטיק ער וועט איר דעמאָלט אַלץ מוחל זיין!

זאָפיע איז אַהיימגעקומען, און שמואל האָט ביי איר פאָר-געזעצט זיין פּראָפּאַגאַנדע. עס איז גאָרנישט שווער געווען פון זאָפיען צו מאַכן אַ רעוואָלוציאָנערין. אין דער לעצטער צייט איז זי געוואָרן פולקום „קלאַסן-באַוואוסט".

די חברים האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט אַרום שמואלן. עהערלי איז געקומען צוויי מאָל, נאָכצוזען צי מ'איז אים נישט באַפאַלן. ביינאַכט איז ער ווידער געקומען, דערציילט, אַז די חברים בעגס, ליפּמאַן און די בערטאָנס מיט שמואלן בראש וועלן צוזאַמען גיין צו דער פאַרזאַמלונג. די אויפרופן האָבן אַרויסגערופן אַן אומגעוויינלעכע אויפרודערונג, די גאַנצע

שטאָט רעדט שוין וועגן דעם. די פּאָליציי איז אויפגערעגט, ווייל מען לאַכט זי אויס.

די גרויסע שעה האָט זיך דערנעענטערט. עס איז געווען אַזוי ווי אַ שוואַרצער שאָטן וואָלט גערוט אויף די אָנטיילנעמער. אַלע זענען געווען שרעקלעך אויפגערעגט, שמואל האָט רויק אַרומגעשפּאַצירט איבערן צימער. זיין רעדע האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין קאָפּ. ער האָט געזען פאַר זיך די אָנגעשטאָפּטע מאַסע, פאַר וועלכע ער אַנטדעקט די אָפּגעטויטע אומגערעכטיקייט. אַלץ איז אָנבאַלאַנגט אָן זיין רעדן! אויב געלינגט אים נישט, איז אַלץ צעשטערט. אַלץ, וואָס ער האָט ביז יעצט געטון איז געווען נאַריש. אָ, ער האָט דאָך אַ שטימע, וואָס די גאַנצע וועלט וועט פון אים רעדן — אַ קראַפט וואָס רעאַגירט אויף דער אונטערדריקונג פון אמת.

די חברים האָבן באַדאַרפט מיט אים אַוועק אַ פערטל פאַר אַכט, אָבער זיי זענען געקומען האַלב אַכט און געוואַרט אויף אים. עס איז געווען בעסער צו קומען צו דער פאַרזאַמלונג אין דער לעצטער מינוט, דערווייל האָבן זיי גענוי איבערגעגעבן שמואלן זייער פּלאַן. דאָקטאָר בערטאָן וועט האַלטן די עפענונגס-רעדע, פאָרשטעלן שמואלן פאַר די פאַרזאַמלטע. און כדי אָפּצוחוזקן פון דער פּאָליציי, וועט אין דער ערעפענונגס רעדע געבּרענגט ווערן אַלע טאַטן. זיי וועלן דערציילן וועגן די צוואָנציק טויזנט דאָלאַר, וואָס היקמען האָט געגעבן סלעטערי, פון שמואלס באַקאַנטשאַפט מיט ווייגאַנטן און ווי אַזוי ער איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער סאַנקט-מאַטיאַס-קירכע. ווּבאַלד די פּאָליציי וועט פּרווון שטערן, זאָל ער ווייטער רעדן, ביז ער וועט אַרעסטירט ווערן, דערנאָך וועלן אַנדערע רעדן דאָס זעלבע פון פאַרשידענע ערטער, ביז זעקס וועלן זיין אַרעסטירט. ביי דעם אַלעם זאָל שמואל שווייגן, ער מוז אָפּוואַרטן ביז צו אַ גרויסן עפנטלעכן מיטינג, דאָס זעלבע עווערלי. ער דאַרף איבערנעמען די פאַרטיידיקונג. דעם זעלבן נאָכמיטאָג וועלן צעטיילט ווערן נאָך אויפרופן און ביינאַכט וועט גערופן ווערן אַ צווייטע פאַרזאַמלונג.

דאָס אַלץ האָט זיך שמואלן איינגעחזרט און די קליינע גרופּע איז אַוועק. לעבן שמואל, זענען פון ביידע זייטן גע־גאַנגען דאָקטאָר בערטאָן און עוועַרלי, פון אונטן זענען געגאַנגען די פרוי בערטאָן, פרוי סטידמען און זאָפּיע, בעגס און ליפּמאַן האָבן אים געהיט פון אונטן. אַזוי זענען זיי געגאַנגען אַ היין, מיט די אויגן אָפן, אויפן וועג זענען צו זיי צוגעקומען נאָך מענטשן.

זיי זענען צוגעקומען צום פאַרזאַמלונגס־אָרט. די ברעמערס זענען זיי אַנטקעגנגעקומען מיט נאָך פרעמדע מענטשן און געמאַכט פאַר זיי אַ וועג, זיי האָבן איבערגעגעבן וועגן דער גרויסער מאַסע, וואָס וואַרט. דער פּלאַץ איז איבערפולט. די גאַסן זענען פול מיט מענטשן. אפשר צוואָנציק פּאָליציאַנטן זענען דאָרט פאַר־האַן, און אויך אַ גרויסע צאָל געהיים־אַגענטן.

פּונקט אַכט אַזייגער זענען זיי צוגעקומען צום פּלאַץ. צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך געהערט אויפגערעגטער גע־מורמל. ביי שמואלן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ, די קני האָבן ביי אים געציטערט, אַז ער האָט קוים געקאָנט גיין. די מענטשן האָבן אים געמאַכט אַן אָרט, אַריינגענומען אים אין דער מיטן, וואו עטלעכע סאָציאַליסטן האָבן איינגעאָרדנט אַ רעדנער־טריבונע.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דאָקטאָר בערטאָן, וואַקלענדיק זיך, אַרויפגעשטיגן אויף אַ קאַסטן;

— בירגער — האָט ער אויסגעשריגן מיט זיין לויטערער, ווייט קלינגענדער שטימע. ס'האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. טויזנטער פּנימער זענען געווענדעט געווען צו אים.

— מיר קומען דאָ אַהער צוליב זייער אַ וויכטיקן...

אַ פּאָליציאַנט האָט זיך צוגעשטופּט צו אים:

— האָט איר אַן ערלויבעניש אויף דער פאַרזאַמלונג? — האָט ער געפרעגט.

— די פאַרזאַמלונג איז אונז פאַרווערט געוואָרן — האָט דאָקטאָר בערטאָן ערקלערט דער מאַסע. — מיר שטייען דאָ אַלס גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, מיר פאָדערן פרייהייט פון וואָרט.

— איר טאָרט נישט רעדן! — האָט דער פּאָליציאַנט באַפוילן.

— דער שטאָט-ראַט אין לאָקמענוויל איז אונטערגעקויפט געוואָרן! — האָט דער דאָקטאָר געשריגן.

— איך פאַרווער איך צו רעדן! — האָט דער פּאָליציאַנט געשריגן.

— דער שטאָט-ראַט אין לאָקמענוויל איז אונטערגעקויפט געוואָרן! — האָט דער דאָקטאָר געשריגן.

— איר טאָרט דאָ נישט רעדן! — האָט דער פּאָליציאַנט געברילט.

— העגרי היקמען האָט אויסגעצאָלט דער שטאָט-ראַט צוואַנציק טויזנט דאָלאַר פאַר דער קאָנצעסיע אויף דער וואַסער-לייטונג — האָט דאָקטאָר בערטאָן אויסגערופן. — איך שטיי דאָ, בכדי צו פּראָטעסטירן אַקעגן דער שענדלעכער האַנדלונג!

— קריכט אַראָפּ! — האָט דער פּאָליציאַנט באַפוילן און געוואָלט אַראָפּשלעפּן דעם דאָקטאָר בערטאָן.

— איך וועל ווייטער רעדן, ביז כ'וועל אַרעסטירט ווערן, איך פּראָטעסטיר אַקעגן דעם שווינדל!

— קריכט אַראָפּ! פאַרמאַכט ס'מויל!

— אַ שאַנדע! אַ שאַנדע! לאָזט רעדן! — האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען פון צווישן דער מאַסע.

— ס'איז אריינגעטראָגן געוואָרן אַן אָנקלאַגע צו דער קירכע-פאַרוואַלטונג פון היליקן-מאַטיאַס. די פאַרוואַלטונג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַן אויספאָרשינג, זי האָט אַרויסגעוואָרפן אַ מיטגליד פון דער קירך, און מיר...

ער האָט געוואָלט רעדן, עטלעכע פּאָליציאַנטן האָבן אים ביים קאָלנער אַראָפּגעשלעפּט פון קאַסטן.

— אַ שאַנדע! — האָט זיך געהערט שטימען פון די מאַסן — לאָזט רעדן! — אַנדערע האָבן געשריגן: — אַרעסטירט אים! די מאַסן האָבן זיך געשטופּט צו אים און זיך צוריק געצויגן. דערווייל איז ליפּמאַן, דער צווייטער קרבן, אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ צווייג פון אַ בוים און אָנגעהייבן ברומען מיט זיין לייבן-שטימע: — העגרי

ליקמען האָט באַצאָלט צוואַנציק טויזנט דאָלאַר פאַר דער וואַסער קאָנצעסיע, ער מיט די לאָקמענס פאַרדינען ביי איר צען טויזנט דאָלאַר אַ חודש. וויגאַנט אַליין האָט מודה געווען פאַר אונזערס אַ רעדנער, אַז ער האָט קאָנטראָלירט דעם שטאָט־ראַט. כּדי די קאָנצעסיע...

אָבער ליפמאַן איז אויך אַראָפּגעריסן געוואָרן, און מ'האָט אים פאַרמאַכט ס'מויל. די אויפגערעגטע מאַסע האָט זיך געשטופּט צו אים. ס'איז געווען קלאָר, אַז די מאַסע וויל אויסהערן שמואלס רעדע. זיי זענען געוואָרן צאָרנדיק. די פּאָליציי האָט געמאַכט אַ גרויסן כאַאָס, כּדי אַרויסצורופן וואָס מער צומישונג. שמואל און עווערלי האָבן זיך צוגעקוקט צו דעם אַלעם פון אַ קאַסטן אַראָפּ. ער האָט אָנגעכאַפּט עווערלין ביי אַן אַקסל, געוויזן מיטן פינגער אויף אַ מענטש און זיך געפרעגט:

— ווער איז דאָס?

אין אַ זייט, עטוואָס אָפּגערוקט פון דער מאַסע, איז געשטאַנען אַ מוראַדיקער מענטש און הויך געשריגן: — אַ געמיינהייט! ווייטער! ווייטער! — און ער האָט געדראָעט מיט די פויסטן.

— איך ווייס נישט — האָט עווערלי געענטפערט, — כ'האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען.

— אַ שאַנד! — האָט יענער געשריגן, — דערהרגעט די פּאָליציי! שלאָגט זיי! פאַרטרייבט זיי!

עווערלי האָט אָנגעכאַפּט שמואלן ביים אַקסל, און אויסגערופן אויפגערעגט:

— אַ פּראָוואָקאַטאָר! ער איז דאָ אַהער געשיקט געוואָרן, כּדי אַרויסצורופן אומרוען.

אַזוי ווי ער האָט נאָך גערעדט האָט זיך יענער אַראָפּגעבויגן, אויפגעהויבן אַ שטיין און געוואָרפן צווישן די פּאָליציאַנטן, וואָס זענען פאַרזאַמלט געווען אויפן פּלאַץ.

— אַרעסטירט דעם פאַרשוין! — האָט עווערלי געשריגן און געשטופּט זיך פאָראויס. די מאַסע האָט געשטורעמט. שמואל האָט געזען ווי עטלעכע מענער האָבן פעסט געהאַלטן דעם

פראָוואָקאַטאָר. ער האָט אויך געזען, ווי די פּאָליציי האָט אַרויסגעשלעפּט די גומענע־נאַהייקעס און געשלאָגן די פאַרזאַמל־טע. דער ברייט־פּלייציקער שעף האָט געשריגן אויף זיי, אָבגעשטופּט זיי צוריק.

אינמיטן איז אַ רעדנער אַרויף אויף אַ קאַסטן און אויסגערופן מיט אַ הויך קול:

— מיר זענען סאָציאַליסטן! מיר זענען די איינציקע פּאָליטישע פּאַרטיי, וואָס טרעט אָפן אַרויס פאַרן פּראָלעטאַריאַט פון לאָקמענוויל! מיר פּראָטעסטירן אַקעגן אָט דער פּאַרגוואַלטיקונג! מיר פאָדערן פרייהייט פון וואָרט! אונזער שטאָט־ראַט איז אונטערגעקויפט געוואָרן!

פּלוצלינג האָט שמואל דערפילט אונטער זיך אַ גערויש. ער האָט זיך אויסגעדרייט אין דער אמתער צייט. אַ הויכער מענטש, האַלב שיכור, מיט אַ חיהשן אויסזען, איז געשטאַנען לעבן אים. שמואל האָט באַמערקט, ווי ער הייבט אויף די האַנט אין דערהייך, און האַלט עפּעס אַ טונקעלע זאַך אין זיין האַנט. שמואל האָט זיך איינגעבויגן און אונטערגעהויבן דעם אַקסל. ער האָט דערפילט אַ שטאַרקן ווייטאָג, אַז די הענט זענען אים אַראָפּגעפאַלן. עפּעס האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין שטערן, אויסגעריסן אַ שטיק. באַלד האָט אָנגעהויבן צו רינען בלוט. ער האָט דערהערט לעבן זיך בעגס קול:—בייג דיך אַראָפּ!__באַלד האָט ער פאַרשטאַנען, אַז עס האַנדלט זיך אין זיין לעבן, ער האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד, צוגעדריקט זיך מיטן קאָפּ און אַקסל. אַרום אים איז פאָרגעקומען אַ ווילדער קאַמף, מענטשן האָבן געשריגן און געשטופּט זיך, מען איז געקראָכן אויף זיין לייב. ער האָט זיך אָפּגערוקט אַביסל ווייטער, געדריקט דעם קאָפּ צו דער ערד. ער האָט געהערט רופן נאָך הילף און דערהערט די ענטפערס פון די ברעמערס. די מאַסע האָט געשריגן און נאַהייקעס זענען געפאַלן מיט שטילע טענער אויף מענטשלעכע לייבער. שמואל האָט פאַרלוירן דעם באַוואוסטזיין. ער איז געלעגן אַזוי מיטן פּנים אין אַ קאַלוזשע בלוט.

אין דער זעלבער צייט האָבן נאָך דריי ווייטערע רעדנער

געפרואווט רעדן און זענען אַרעסטירט געוואָרן, די מאסע האָט אויסגעדריקט איר פּראָטעסט אין אומזיסטע געשרייען. דערנאָך האָט פון אַ ווינקל אַ פרויען-שטימע אָנגעהייבן זינגען, אַנדערע האָבן איר אונטערגעכאַפּט. דאָס געזאַנג איז געוואָרן וואָס אַמאָל העכער און העכער, געשוועבט איבער דעם גרויסן געטומל. דאָס איז געווען דאָס ליד, וואָס שמואל האָט שוין געהערט אויף דער זיצונג, דאָס ליד פון פרייהייט. די טענער האָבן מיטגעריסן מיט זיך, די מענער, וואָס האָבן נישט געקאָנט די ווערטער האָבן שטיל נאָכגעשעפטשעט: אַזוי האָבן זיי געזונגען, בשעת די פּאָליציי האָט געפירט די אַרעסטירטע, געזונגען ביז צום פּאָליציי-צירקל, געוואָרפן פאַרשידענע לאָזונגען.

די מאסע איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. דאָס גערויש איז אַנטשוויגן געוואָרן. אויפן פּלאַץ איז פאַרבליבן אַ קליינע גרופּע, זיי זענען געשטאַנען איינגעבויגן איבער צוויי געשטאלטן: איבער דעם באַוואוסטלאָזן און צעהאַקטן שמואל און איבער דער שלוכצנדער זאָפיע. זי האָט אים געהאַלטן ארומגעאָרעמט, האַלב באַוואוסטלאָז פון שרעק און צער. פונדערווייטנס האָבן נאָך דערגרייכט די טענער

וואָס האָט איר דען, ברידער צו פאַרלירן,
צו וואָס טויג אייך אַ לעבן אָן ברויט?
ווילט איר דען אייביק ווינטער פרירן,
און אייביק זומער ליידן נויט?

. . . . . . . . . . . . . . . . . .

מאַרשירט מיט אונז אין אייניקייט
צום קאַמף מיט דעם טיראַן!

FRANK SIGAL